STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08278

MIT A FREYLEKH PONIM

Sem Liptsin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעם ליפצין

מיט אַ פריילעך פּנים

סעם ליפּצין

מיט א פריילעך פּנים

פאַרלאַג: יידיש בוך וואַרשע

SEM LIPCIN

Z UŚMIECHNIĘTĄ TWARZĄ

רעד.: ר. ספארד
הילע: ר. כאַוו

Copyright © 1963 By Sem Lipcin

All Rights Reserved

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch” *Warszawa, Nowogrodzka 5*

RSW „PRASA”, Tarczyńska 8. Zam. 5224 — L-70

* * *

פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן — טײלמאָל זײער פֿעיקע, אינטעליגענטע און אַפֿילו טאַלאַנטירטע — וואָס אויב מען זאָל זײ אויסשײלן פֿון אַלע זײערע דערוואָרבענע קענטעניש און קוואַליפֿיקאַציעס און איבערלאָזן מיט זיך אַלײן, זענען זײ פּריסנע, אָן שום טעם און אָן שום קאָליר. דאַקעגן זענען אויך פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס טראָגן אין זיך גופֿא עפּעס אַזױנס, וואָס, קומענדיק דערמיט אין באַרירונג, ווערט נישט בלויז אונדז אַלײן וואַרעמער אָדער קעלטער, פֿרײלעכער אָדער אומעטיקער, בעסער אָדער ערגער, נאָר מיר הײבן אויך אָן צו זען און דערפֿילן די גאַנצע וועלט אַרום אונדז אין דעם דאָזיקן צושטאַנד.

וועגן אַזעלכע מענטשן זאָגן מיר געוויינלעך, אַז זײ האָבן געמיט.

דאָס איז נוגע אַלע מענטשן און, במילא, אויך קינסטלער. נישט מער, וואָס בײ אַ קינסטלער באַקומט דאָס אַ נײעם, העכערן ראַנג. עס ווערט די לופֿט און דער קלימאַט פֿון אַלע פּאַסירונגען און זעונגען פֿון זײַן שעפֿערישן גײַסט, מיט וועלכע דער קונסט־געניסער ווערט דורכגעדרונגען פֿון זיך אַלײן. פּונקט ווי אַ שפּאַצירער אין גאָרטן, וואָס קען אַקטיוו און באַוווּסטזיניק באַטראַכטן אַלע מאָל אַן אַנדער געוויקס, אָבער דער געמײנזאַמער אַראָמאַט פֿון גאַנצן גאָרטן גײט אים שוין נאָך די גאַנצע צײַט פֿון זיך זעלבסט.

סעם ליפּצין פֿאַרמאָגט אין זיך דאָס דאָזיקע געמיט, און דאָס פֿון אַזאַ אינהאַלט און קוואַליטעט, וועלכע שטאַמען פֿון אַ האַרציקער פֿאַרליבשאַפֿט אין מענטש און פֿון אַ תמימותדיקן גלויבן אין אים, וואָס פֿירט אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן צו האָפֿערדיקײַט, צו אינערלעכער גאַנצקײט, צו נאָבעלער פֿרײד.

דאָס איז נישט בײַ סעם ליפּצין בלויז אַ דערװאָרבערטע, אויסגעלערנטע וועלטאַנשויונג. עס איז אַן אײַנגעשאַפֿט פֿון זײַן כאַראַקטער און טאַלאַנט, זײַן עמאָציאָנעלע וועלט־אויפֿפֿאַסונג, פֿאַר וועלכער רעכט און אומרעכט איז אַן אוממיטלבאַר געפֿיל און נישט בלויז אַ ראַציאָנעלע קאַטעגאָריע.

אין אָט דעם קלימאַט פֿון אײדעלן באַגער צו טאָן גוטס און צו זען אַרום זיך גוטס זענען אײַנגעוועבט —

ליפּצינס „נעכטיקע טעג“, אין װעלכע דורך אַ שלל פֿון שטײגערישע שילדערונגען קומט אויף די אָפּשפּיגלונג פֿון יאַן אומגערעכטן סדר־העולם אין קלײנינקן מאַשטאַב פֿון אַמאָליקן שטעטל און דער פֿאָרשטעלונג פֿון אַ קינד און גלײכצײטיק אויך דעם קינדס נאַאיװע טענה און נאַאיװער בונט קעגן דעם דאָזיקן סדר;

זײן „מיט א פרײלעך פּנים“ — בילדלעך פֿון אַנװאַקסנדיקן יידיש־אַמעריקאַנישן לעבנס־שטײגער און קאָליזיע מיט פֿאָרשטעלונגען און געװוינהײטן, װעלכע די יידן האָבן מיטגעבראַכט פֿון זײער אַמאָליקן שטעטל — געשילדערטע מיט אַ דינעם, געמיטלעכן און דיסקרעטן הומאָר, און, באַזונדערס —

זײנע „אַפֿאָריזמען און עפּיגראַמען“, װעלכע פּרעטענדירן נישט אויף אַבסטראַקטע פֿילאָזאָפֿישע פֿאַרטיפֿטקײטן, אָבער װעלכע זײנען ס׳רוב געפּרעסט, שלאָגפֿערטיק, קאָנקרעט, שכל־הישרדיק און דורכגעדרונגען מיט א פֿײנעם פֿאָלקסטימלעכן און לעבנסלוסטיקן הומאָר.

דאָס, װאָס איז געמײנזאַם אַלע שאַפֿונגען פֿון סעם ליפּצין און װאָס מאַכט זײ נאָענט דעם מענטשן פֿון פֿאָלק, איז זײער װאַרעם מענטשלעך געפֿיל, זײער פּשטות און דורכזיכטיקײט פֿון װאָרט און געדאַנק, זײער טיפֿע צוגעבונדקײט צום אַרבעטנדיקן מענטשן און צו זײנע שענסטע האָפֿענונגען און חלומות און זײער נאַטירלעכער הומאַניטאַרער גײסט.

דאָס בוך, װאָס טראָגט דעם נאָמען „מיט א פרײלעך פּנים“ און דערשײנט איצט אין פֿאַרלאַג „יידיש־בוך“, איז פֿאַרבונדן ספּעציעל מיטן 70־סטן געבוירנטאָג פֿון סעם ליפּצין און מיט זײן פֿופֿציקיעריקער ליטעראַרישער און געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײט לטובֿת דער פֿאָרגעשריטענער יידישער קולטור אין אַמעריקע.

װילן מיר אין נאָמען פֿון אונדזער פֿאַרלאַג צו די פֿיל ברכות, װעלכע ער האָט באַקומען אין פֿאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער פֿײערלעכער דאַטע פֿון טױזנטער פֿאָלקס־מענטשן און פֿיל פֿאָלקס־אינסטיטוציעס, צוגעבן אויך אונדזער װוּנטש:

מיט דער זעלבער עכטקײט, פֿרישקײט, געמיטלעכקײט און מיט דעם זעלבן „פֿ ר ײ ל ע כ ן   פּ נ י ם“ — ביז הונדערט און צװאָנציק געזונטע שעפֿערישע יאָר.

ד. ספארד

אַ וואַרעמען האַנטדרוק און אַ דאַנק!

חשובע לייענער!

מען זאָגט, אַז ה ו מ אָ ר י ס ט ן זענען אין פּריוואַטן לעבן בטבע — י אָ מ ע ר י ס ט ן — פאַריאָמערטע, פאַרכמורעטע, פאַרזויערטע און פאַרביטערטע מענטשן.

בין איך גליקלעך און צופרידן וואָס איך בין דאָס נישט. איך קום צו די לייענער ווי אין לעבן „מיט א פרייליך פנים". עס קאָן זיין, אפשר, אַז איך בין גאָרנישט קיין הומאָריסט, און אַז דאָס, וואָס איך שרייב הומאָריסטישע זאַכן, איז הייסט עס בלויז אויף א שפּאַס — כדי פאַרשטעלטערהייט צו קאָנען זאָגן דעם אמת. ווי זאָגט מיין פּ ע ט ע ר: זאָג וואָס דו דאַרפסט זאָגן, נאָר ווען עס קומט צו נעם — פאַרענדיק מיט שפּאַס...

אָבער איצט וויל איך זאָגן עטלעכע ערנסטע ווערטער — נישט פאַרשטעלט און אָן א שפּאַס. איך וועל דאָס אָנרופן — מיין „אני מאמין".

ווי איר קוקט מיך אָן, האַלטנדיק דעם בוך אין האַנט, האָב איך שוין אַריינגעלעבט זיבן צענערלעך, א בן־שבעים געוואָרן, און אין דער זעלביקער צייט פאַרצייכן איך פופציק יאָר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין לעבן און שאַפן.

איך וויל ביי דער געלעגנהייט זאָגן: ווען איך וואָלט פון דאָסניי איצט געבוירן געוואָרן און געדאַרפט אויסקלייבן מיין וועג פון לעבן און קאַמף, וואָלט איך ווידער געגאַנגען אויפן זעלביקן וועג, און לויט דער זעלביקער מ א ר ק ס מ א פ ע: צו געווינען די וועלט פאַר די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן — פאַר די, וואָס זענען די אמתע שאַפער פון אַלדאָס גוטס אין דער וועלט, פאַר א וועלט פון יושר און פרידן.

געווים איז דער וועג געווען א שווערער, מיט אָנגעוואָרפענע שווערע שטיינער. אָבער דער וואָס טראַכט פון בויען, ווייסט, אַז די זעלביקע שטיינער, וואָס זענען אָנגעוואָרפן אין וועג, זענען אויך גוטער מאַטעריאַל, ווען מ'נעמט זיי צוזאַמען. זיי מאַכן דעם צעמענט, די ציגל, די ווענט פאַרן נייעם מאָרגן.

בין איך גליקלעך און צופרידן, ווי איינער פון די מאַסן, וואָס האָט געמאַכט א נוץ פון זיינע טעג און יאָרן. די גרעסטע באַלוינונג האָבן מיר איצט פאַר אונדזערע אויגן, ווי „ד ע ר ז יי ד ע" מאָריס ווינטשעווסקי האָט עס שוין אין זיין צייט אַזוי קלאָר געזען און געהערט: „הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך".

יאָ, עס רירט זיך! יעדע געשעעניש איז א צייכן פון דער נייער צייט, א צייכן פון די פרישע ווינטעלעך, וואָס ברענגען א שענערן היינט און א ליכטיקערן מאָרגן!

דערפאר פיל איך זיך מונטער און פריידיק. איך פיל זיך ווי א שותּף, ווי איינער פון די מיליאָנען, ווען איך זע צעאַקערטע ערד, קאָרן און בלומען, דעם אויפשטעל פון נייע היימען, מענטשן־דערוואַקסונג, לענדער־דערוואַקסונג, די נייע דערגרייכונגען אויפן געביט פון קולטור, דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און שאָוויניזם, דעם קאַמף פאר גלייכהייט צווישן אַלע פעלקער און אונדזער יידישן פאָלק בתוכם. דאָס איז מיין לוין, מיין פרייד און גליק אין לעבן.

איך ווידמע דאָס בוך צו אַלע מיינע פריינד, לייענער און באַגריסער צו מיין 70־טן געבורנטאָג און 50 יאָר שאַפן, צום בוך־קאָמיטעט און צו די שפּענדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

א גרויסן האַרציקן דאַנק מיט א וואַרעמען האַנטדרוק צו די קינסטלער, טוער און פירער פון דעם פ א ר ל א ג „ י ו ד י ש ב ו ך “ אין וואַרשע, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס יידישע וואָרט זאָל האָבן א קיום אין דעם נייעם פוילן.

סעם ליפּצין

נעכטיקע טעג

עפּיזאָדן פון די קינדער־יאָרן

„איבערגעקערט“ דעם קיסער...

אין די טעג פון סוכות ביז שמחת=תורה האָט יונגוואַרג זיך געפילט יום=טובדיק. דאָס זענען געווען די טעג, ווען מ'האָט אַרויסבאַגלייט דעם זומער און גענומען זיך גרייטן פאַרן נייעם זמן צו גיין אין חדר.

אין דעם לעצטן שבת פאַר שמחת=תורה פלעגט מען צונויפרופן די קינדער אין חדר צו „פאַרהערן“. אַזוי פלעגט מען באַשטימען, צו וועלכער כתה די קינדער געהערן. עס זענען געווען דריי כתות: אויף אלף=בית=קינדער, חומש=קינדער און גמרא=יינגלעך. דערצו זענען געווען „גוטע קעפּלעך“, וועלכע פלעגן ווערן דערהויבן פון איין כתה אין אַ צווייטער.

ביי דער געלעגנהייט זענען געקומען די פּאָר גבירים פון שטעטל צו „פאַרהערן“. שמואל דער מלמד האָט זיך געפילט ווי אין זיבעטן הימל. און גליקלעך, גאָר נישט אָפּצושאַצן, האָט זיך געפילט דאָס יינגל, וואָס האָט געווונען דעם פּריז פון הערצל דעם קרעמער. דער פּריז איז באַשטאַנען פון אַ ליווער פּאַפּיר, בלייפעדערס, טינט און אַ קלעקער.

און וויפל די קינדער זענען נישט געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן די פאָנען פאַר די הקפות שמחת=תורה און מיט זייער שטיפן אין און אַרום די סוכות, האָט מען דאָך געפונען צייט זיך צוצוגרייטן צו דעם „פאַרהער“ אין חדר. דערצו האָבן שוין אויך אַכטונג געגעבן די טאַטעס מיט די זיידעס „אַריינצוקלאַפּן“ דאָס ביסל תורה אין קאָפּ, אויב נישט, האָט מען דאָס אַריינגעקלאַפּט דורך אַנדערע וועגן...

מלכה די רביצין האָט פאַר סוכות אויסגעקערט דעם חדר, אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד, באַפּוצט די פענצטער מיט די אָפּגעשלאָגענע הושענות און אַלטע לולבים, דערביי אויך אויפגעהאָנגען גרינע צווייגן פון יעגלענעם וואַלד און איינגעפלאָכטן די נייע גרינע אָנגעריסענע עפּל פון בוים.

די הויפּטזאַך האָט זיך אָבער מלכה די רביצין אָפּגעגעבן מיט פּוצן און וואַשן די צוויי בילדער פון דעם צאַר און צאַריצע, וואָס האָבן אין דעם אַלטן רוסלאַנד זיך געמוזט געפינען אין יעדן פּלאַץ, וווּ מ'האָט געלערנט מיט קינדער.

זי האָט די בילדער אַרומגעפּוצט און באַקראַנצט מיט צווייגן און זיי אויפגעהאַנגען סאַמע אויבן־אָן.

דאָסמאָל האָט די רביצין זיי געפּוצט און געצירט מיט אַ ספּעציעלער כוונה. מ'האָט דערוואַרט אין מיין שטעטעלע ליפּסק אַ באַזוך פון דעם גאַטשאַלניק — אַ זאַך, וואָס האָט די יידן געהאַלטן אין שטענדיקן שרעק.

דאָס יונגוואַרג ווי יונג און קליין ס'איז נישט געווען, האָט שוין געוווּסט און פאַרשטאַנען ווי פיינט צו האָבן אַ קייסער. ווען מ'פלעגט שטיפן אין חדר, פלעגט מען אונטעררוקן דעם קייסער אַ פייג. מ'פלעגט אים „איבעררופן" מיט פאַרשידענע נעמען אָדער אויסזינגען אַזעלכע לידלעך, ווי:

ער איז ניט קיין זיידע,
ניט קיין טאַטע,
פאַר דער ווייב
איז ער אַ שמאַטע.
פאַרן פּאָפּ איז ער אַ קייסער,
פאַר דער וועלט איז ער אַ גרויסער
— ג ו ל ם!

די עלטערן, די טאַטעס און מאַמעס האָבן געהאַט מער מורא ווי דרך־ארץ פאַרן קייסער. איך פלעג אָפט הערן פון טאַטע־מאַמע, אַז דער קייסער האָט אַ שר (סאַר) אין הימל און דערפאַר איז ער אַזוי שטאַרק... און ווי ס'איז געווען צום ייִנגלס אויערן, ווען דער רבי האָט געהערט אַ זינג טאָן איינס פון די שפּאָט־לידלעך אויפן קייסער...

אַלטער אייזיקס, אַ בחור אין די צוואַנציקער, וועלכער איז געווען באַקאַנט צווישן די שניידער־געזעלן אַלס אַלטער סמאַטשניק, האָט נישט געהאַלטן פון דעם קייסער און נישט פון זיין שר אין הימל. ער האָט

שוין געזען, אַז די צוויי בילדער פון קייסער און דער קייסערינע זאָלן איבערגעקערט ווערן און אויפגעהאָנגען ווערן מיטן קאָפּ אַראָפּ...

דער חדר איז צוריק פאַרמאַכט. מ'האָט געוואַרט אויף די צוויי גרויסע געשעענישן: שבת צו „פאַרהערן“ די ייִנגלעך און — מעגלעך אויך אַ באַזוך פון דעם נאַטשאַלניק אין חדר.

פרייטיק אינדערפרי אין דער סוכות־וואָך, ווען די ייִדן זענען געשטאַנען און געדאַוונט אין בית־המדרש, איז דורך דעם פייקלער אָנגעזאָגט געוואָרן צו די אייַנוווינער פון ליפּסק, אַז דער נאַטשאַלניק וועט ניט קאָנען באַווייַזן צו באַזוכן דאָס שטעטל, דערפאַר לאָזט מען וויסן די, וואָס ווילן האָבן דעם „כבוד“ צו זען דעם נאַטשאַלניק דורכפאָרן אין דעם „סאַמאָכאָד“ (אויטאָמאָביל), אַז ער וועט זיך אָפּשטעלן אויף פופצן מינוט האַלב נאָך צען אינדערפרי אויף דער בריק איבער דער באָברע.

ווען די ייִדן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אויף גיך פרובירט פאַרענדיקן דאָס דאַווענען. אייניקע האָבן גלייך אַראָפּגעוואָרפן די טליתים און זיך געלאָזט לויפן צו דער בריק, צו זען דאָס ערשטע מאָל מיט די אייגענע אויגן דעם „טייוול“, וואָס פאָרט אַליין ...

דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאָדאָראָם, ווען מ'האָט געהאַלטן אין איין דערציילן, ווי אַזוי דער נאַטשאַלניק האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַזאַ אייזערן העניטל, האָט די מאַשין גענומען פאָרן און איבערגעלאָזן אַ רויך־געשטאַנק פאַר אַלעמען אויף דער בריק...

בשעת אַלע האָבן גערעדט און דערציילט, האָט דער רבי שמואל און די רביצין מלכה זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן, ווי זיי האָבן אומזיסט אויסגעקערט דעם חדר, אַלץ געוואַשן און געפּוצט און צום סוף פאָרט דער נאַטשאַלניק פאַרביי...

בלויז אַ ביסל באַרואיקט האָט זיי דאָס געפיל, אַז מאָרגן, שבת, וועלן כאָטש די גבירים פון שטאָט זען דעם אויסגעפּוצטן חדר, ווען זיי וועלן קומען „פאַרהערן“ די קינדער.

שבת נאָכמיטאָג האָט דער רבי שמואל אָפּגעוואַרט די גבירים און לומדים אין בית־המדרש ביים לערנען. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען הערצל, נחום, שמואל דער קרומער, יאַנקל דאָזאָרצע און שמואל דער סטאָליער, אַ למדן אַ ייִד. אַלע מיט פאַרלייגטע הענט אונטער דער פּלייצע האָבן צוזאַמען מיטן רבין אַוועקגעשפּאַצירט צום חדר אַריין.

מלכה די רביצין איז געשטאַנען ביים פענצטער און אויסגעפּוצטע און געוואַרט מיטן שליסל אין האַנט.

די יינגלעך אַרום חדר האָבן געשטיפּט, געקאָמאַנדעוועט, אָבער ווי זיי האָבן דערזען, אַז דער רבי שליסט די טיר, האָבן זיך אַלע צעשטעלט אין דער ריי אַריינצוגיין אין חדר.

גאָר ווי די טיר איז צעעפנט געוואָרן און די גבירים האָבן דערזען פאַר זיך דאָס בילד פון צאַר און צאַריצע מיטן קאָפּ אַראָפּ האָבן זיי גענומען זיך ברעכן די הענט. דער רבי שמואל איז אין חלשות געפאַלן. די רביצין מלכה, ווען זי האָט דערזען, וואָס ס'איז דאָ אַלץ געשען, האָט גענומען ברעכן מיט די הענט און שרייען, אַז דאָס האָט דער „סאַמאַ־כאָד“, דער „טייוול“ אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך...

הערשל האָט געהייסן די אַלע יינגלעך זיך צוצוזעצן ביי די טישן און גענומען אויספרעגן אַלעמען, אַרויסקריגן וואָס זיי ווייסן וועגן דעם, ווער עס האָט איבערגעקערט דעם קייסער און קייסעריניע.

יאַנקל דאַזאָרצע האָט געשריען: „וואָס פאַר אַ פרעגן?! אַלע זאָלן אָפּשפּיליען די מייטקעס און זיך צעלייגן צו קריגן שמיץ, ווייל אַלע זענען שולדיק“...

מיר זענען געזעסן צעשראָקענע אַרום די טישן, געקוקט איינע אויף די אַנדערע, און פּלוצלונג, ווי זיך צוזאַמענגערעדט, האָבן אַלע זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, בלויז דריי קינדער האָבן זיי באַוויזן צו פאַרהאַלטן — דאָס זענען געווען דעם רבינס אייגענע קינדער...

די גבירים זענען זיך אַלע צעגאַנגען ווי דערשלאָגענע, קיין „פאַר־הערן“ אין חדר זענען שוין נישט פאָרגעקומען, דערפאַר האָבן שוין טאַטע־מאַמע אָנגעפירט אַ „פאַרהער“ ביי זיך אינדערהיים מיט יעדן יינגל באַזונדער, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט קלעפּ, שמיץ און אַנ־דערע אויערן...

דעם שווערסטן „עקזאַמען“ האָב איך געהאַט. נאָכדעם ווי איך האָב אַריינגעכאַפּט אַלע סאָרטן קלעפּ, פעטש און סטוסאַקעס, גיט דער טאַטע אַ זאָג צו דער מאַמען מיט פולער זיכערקייט: „וואָס מיינסטו, איך ווייס נישט, אַז דאָס איז געווען זיין אַרבעט? זיין גאַנצער לערנען איז דאָך נאָר צו געבן דעם קייסער פייגן און מאַכן חוזק־לידלעך פון צאַר. רחל, איך וועל אים אַרויסנעמען פון חדר, ווען ער'ט אַרבעטן ביים טיש, וועט ער זיין אַ מענטש“...

מיר זענען אויף מאָרגן שמחת־תורה געקומען אין שול, עס איז אָבער געווען אַ פֿאַרשטערטער יום־טוב. יעדער איינער פֿון אונדז ייִנגלעך האָט זיך געריבן די אָנגעדרייטע אויערן און שטיל איינע די אַנדערע געזאָגט: אַ פֿייג ווייס דער קייסער ווער עס האָט אים איבער־געקערט...

מיט די פּאָנעץ אין די הענט

צו פֿאַסטן פֿון צייט צו צייט איז פֿאַר די אָרעמע קינדער אין מיין שטעטל ליפּסק נישט געווען קיין נייעס. דערפֿאַר איז פֿאַר זיי יום־כּיפּור געווען מער אַ טאָג פֿון שרעק ווי פֿון יום־טוב... אָבער אויף סוכּות און שמחת־תּורה האָבן אַלע קינדערלעך אויסגעקוקט די אויגן.

גאָר יום־טובֿדיק האָבן זיך געפֿילט די אָרעמע ייִנגלעך, ווייל אַרום סוכּות האָט מען געקאָנט אַ שטיף טאָן און טאַקע נאָך פֿאַרדינען אַ פּאָר גראָשן.

ווער עס האָט געהאָלפֿן שלעפּן ברעטער, ווער זעגן און קלאַפּן, אָדער גאָר ברענגען פֿון די לאָנקעס לושטשאַי (אַזעלכע גרויסע גראָזן) צו באַדעקן די סוכּה. נאָר די הויפּט־זאַך איז געווען דאָס אַרומטראָגן דעם לולבֿ מיטן אתרוג. דאָ איז שוין געווען חוץ אַ פּאָר גראָשן אויך אַ שטיקל באַבקע, בוימל־חלה, אַמאָל אַ צוקערקע — און שטיפֿערייען לרובֿ.

איין זאַך האָט שטאַרק פֿאַרדראָסן די אָרעמע ייִנגלעך — פֿאַרוואָס ייִערע סוכּות ווערן באַדעקט מיט גראָזן אָן פּוצעכץ, בשעת ביי די רייכע, ווי הערצקע, בערטשיק, שמואל דער קרומער ווערט די סוכּה באַדעקט מיט סכך, באַהאָנגען מיט סטענגעס און עפּל.

ווען אַ ייִנגל האָט איינמאָל געוואָלט נעמען אַ שטיקל סכך פֿון דעם וואָגן, וואָס בערטשיק האָט געבראַכט פֿאַר זיין סוכּה, האָט בערטשיק געכאַפּט דאָס ייִנגל און אים אָפּגעשמיסן מיטן שטעכיקן סכך אין סאַמע ווייכן פּלאַץ, און האָט אים אַפֿילו נישט באַצאָלט דעם דרייער פֿאַר העלפֿן שלעפּן די ברעטער און דערלאַנגען צו דער האַנט.

די ייִנגלעך האָט דאָס שטאַרק פֿאַרדראָסן, האָבן זיי באַשלאָסן אָנצולערנען דעם גבֿיר פֿאַר איבערקעווען זיך איבער אַן אָרעמען ייִנגל.

אַזוי ווי די שטימונג איז ביי די קינדער אין די סוכּות־טעג געווען אַ שטיפֿערישע, האָבן זיי פֿאַרטראַכט אַזאַ שטיקל אַרבעט:

דעם צווייטן טאָג סוכות, ווען ייִדן זענען אויפֿדערנאַכט אַוועק אין שול, האָבן זיך די אָרעמע ייִנגלעך פֿאַרקליבן אַרום בערטשיקס סוכה, אַראָפּגעשלעפּט דעם סכך און דאָס געבראַכט צו יויזקען דעם קבֿרן, וועלכער איז געווען דער אָרעמסטער אין שטעטל.

די קינדערלעך האָבן מיטן סכך באַדעקט יויזקעס סוכה, אויסגעפּוצט מיט די סטענגעס און עפּל און די לושטשאַי אַוועקגעשלעפּט צו בערטשיקן, דעם גביר און באַדעקט זיין סוכה...

אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָט דאָס נייעס זיך צעטראָגן איבערן שטעטל. אַלע זענען געלאָפֿן קוקן אויפֿן וווּנדער, איבערהויפּט אין יויזקעס סוכה. יויזקעס ווייב, באַדאַנע, האָט זיך געשווירן, אַז דאָס האָבן מלאָכים פֿון הימל געטאָן... און שרהקע בערטשיקס האָט, פֿאַרקערט, געשריגן און געשאָלטן, אַז נישט אַנדערש ווי טייוולאָנים האָבן זיי פֿאַרשטערט דעם סוכות...

עס זענען אַוועק אַ פּאָר טעג, און אפֿרימקע, בערטשיקס זינדל, האָט דערשנאַפּט, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פֿון די שניידער- און שוסטער-ייִנגלעך. איז ער אַוועק מיט אַלטערקען און אָנגעוויזן אויף דריי פֿון זיי.

בערטשיק האָט געכאַפּט פֿאַר די אויערן אַ פּאָר פֿון די ייִנגלעך, זיי געצוווּנגען אַרונטערצונעמען דעם סכך פֿון יויזקעס סוכה און צוריק באַדעקן זיינע.

דאַן האָט שוין די ייִנגלעך פֿאַרדראָסן מער דער בזיון פֿון באַדאַגען, ווי זייער אייגענער ווייטיק, חוץ דעם האָבן זיי שטאַרק פֿיינט געהאַט אַ מסור.

ווען אפֿרימקע מיט אַלטערקען האָבן זיך באַרימט און אָפּגעלאַכט פֿון די אָרעמע ייִנגלעך, ווען זיי האָבן געפּרובירט טרעפֿן, ווער דאָס האָט געטאָן, און ווי אַזוי בערטשיק האָט געשלעפּט די ייִנגלעך פֿאַר די אויערן — האָבן די קליינע „שניידערלעך“ און „שוסטערלעך“ באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט די קליינע מוסרימלעך.

שמחת-תורה פֿלעגן אַלע קינדער קריגן פֿאָנען פֿון דעם רבין אין חדר, און אין הויז פֿלעגט מען די פֿאָן צופּראַווען מיט דעם גויטיקן שטעקן און אויפֿן שטעקן אַ לייכטערל מיט אַ ליכטל.

די רייכע קינדער האָבן געהאַט פֿיין-געשניצטע שטעקנס. אויפֿן שטעקן האָט מען געמאַכט אַ לייכטערל פֿון אַ גרויסן רויטן עפּל און אין דעם אַריינגעשטעקט אַ סטעאַרינאָווע ליכטל. די אָרעמע קינדער

האָבן געהאַט אַ פֿראָסטן שטעקן, אַ לייכטערל האָבן זיי געמאַכט פֿון אַ קאַרטאָפֿל, וואָס זיי האָבן אויסגעהוילט אין דער מיט און אין דעם אַריינגעשטעלט א חלבנע ליכטל.

שמחת־תורה, ווען די רייכע טאַטעס זענען געווען פֿאַרטיפֿט אין קויפֿן מפֿטיר, האָבן די אָרעמע ייִנגלעך פֿאַר די הקפֿות אַרויסגענאַרט פֿון שול אַפּרימקע און אַלטערקען מיטן אויסרייד, אַז די מאַמעס רופֿן זיי אין דער ווייבערישער שול. אויף גיך האָבן די אָרעמע ייִנגלעך א כאַפּ געטאָן די אויסגעפּוצטע פֿאָנען, אַראָפּגעדרייט די קעפּלעך, די עפּל מיט די ליכטלעך, זיך צעטיילט מיט די עפּל — „אַ ביס דיר און אַ ביס מיר" — און די ליכטלעך אַריינגעוואָרפֿן אין האַנט־פֿאַס.

ווען מען האָט ענדלעך גענומען גיין צו הקפֿות און אַפּרימקע מיט אַלטערקען האָבן זיך געכאַפּט צו זייערע פֿאָנען, זענען זיי געבליבן שטיין ווי אָפּגעשמיסענע. די פֿאָנען מיט די קאַרטאָפֿליעס און חלבנע ליכטלעך האָבן זיך געדרייט צו הקפֿות, נאָר די שיינע שטעקלעך מיט די רויטע עפּל און סטעאַרינאָווע ליכט האָט מען נישט אָנגעזען...

נאָך די הקפֿות האָט מען די אָרעמע ייִנגלעך טאַקע ווידער אַ דריי געטאָן די אויערן, אָבער זיי זענען אַרויס פֿון שול זיגרייך איבער די מוסרים מיט די פֿאָנען אין די הענט...

מיטן ערשטן שניי

נאָך דעם ערשטן שניי און פראָסט, וועלכע זענען אַריינגעקומען מיט שטורעם אין אונדזער קליין שטעטל ליפּסק, האָבן מיר, ווייסע חברה־ניקעס, צעעפנט אונדזערע אויגן. דאָס ערשטע האָבן מיר גענומען קייקלען באַרג־אַראָפּ אַ גולם־מענטש פון שניי, מיט צוויי שוואַרצע קויל־אויגן אַריינגעשטעלט פון האָלעוועשקעס. דאַן פלעגן מיר, שטיפער, זיך אַוועקלייגן מיט דער נאָז אַראָפּ אין שניי, און מיט הענט און פיס אויסקלאַפּן אַ שניי־מאַסקע פון זיך. דערנאָך פלעגן מיר מיט אַ ברעט אויסשאַרן אַ וועג באַרג־אַראָפּ, וווּ מ'האָט זיך געקאָנט אַראָפּגליטשן אויפן געזעס.

אָט די אַלע פאַרגעניגנס האָבן געהערט צו אונדז — די אָרעמע ייִנגלעך, די זין פון די שניידער, שוסטער און סטאָליער. די רייכע ייִנגלעך זענען אונדז מקנא געווען, אָבער פאַרברענגען מיט אונדז האָבן זיי נישט געקאָנט. די דינסטן פלעגן זיי נעמען אויף אַ שפּאַציר, אָדער די קוטשערס (אָנטרייבער) פלעגן מאַכן מיט זיי אַ יאַזדע אין אַ שליטן, וווּ די קינדער האָבן אפילו נישט געטאָרט אויסטאָן דעם באַשליק און די הענטשקעס.

דערפאַר אָבער שבת, ווען די זון האָט אַ וואַרעם געטאָן דעם פראָסט, און די אייז־ווייסע ליכטלעך האָבן זיך צעשיינט אויף די ברעגן פון די שינדל־און שטרוי־דעכער, דאַן האָבן די עלטערע קינדער פון די רייכע זיך אַרויסגעלאָזט אויף דעם אייז אונטער דער בריק, וווּ די באָברע, אַ גרויס וואַסער, איז דורכגעלאָפן. זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף זייערע גליטשערס, פאַרצויגן מיט די רימען־פּאַסיקלעך איבער די גלאַנציקע שטיוועלעך, און זיי האָבן זיך אַ שלענגל געטאָן אין דער לענג און ברייט אין יענע טיילן, וווּ ס'איז געווען פאַרפרוירן.

מיר, אַ גרופּע פון די אָרעמע ייִנגלעך, פלעגן שטיין ביים ברעג פון אייז, וווּ די זון האָט זיך געשפּיגלט, און מיר האָבן געקוקט ווי אַ הון ביים טייך אויף קאַטשקעלעך, וועלכע שווימען אַוועק...

גאָר שטאַרק האָט מיך פאַרדראָסן אויף יאַנקל טעוולס, דעם קרעמער, ווען איך פלעג אַ גאַנצע וואָך העלפן אין חדר. אַלץ האָב איך אים געדאַרפט ווייזן פאַר דעם העפטל אָדער בלייפעדער, וואָס זיין טאַטע פלעגט מיר געבן. דאָ אָבער אויפן אייז, האָט ער אַ פאָר טייערע גליטשערס; ער פרוווט פאָרן און קען נישט, ער גיט זיך אַ לאָז און ציט זיך אויס... און איך שטיי, עס ברענען מיר די פיס סיי פון פראָסט און סיי פון פאַרדרוס. נאָר ער — ער קען דאָ מיך גאָרנישט, ער וויל מיט מיר נישט רעדן...

איך שטיי מיט אויגן פול מיט כעס אויף אים. איך טראַכט זיך: ווען ער לאָזט מיר נאָר אָנטאָן זיינע גליטשערס אויף מיינע שטיוול, וואָלט איך אים געוויזן ווי מען פאָרט...

איך בין אַוועקגעלאָפן אַהיים און גענומען זוכן אַ מיטל ווי צו מאַכן אַן אייגענע גליטשקע. איך האָב זיך דערטראַכט. אַרויסגעשלעפט דעם דראָט פון אַ ריבאייזן, געפונען אין שטאַל אַ פאַסיק שטיקל האָלץ, און כ'האָב עס הינטערן הויז צוגעשניצט מיט מיין ציגיינער־מעסערל, דערנאָך האָב איך אויסגעזוכט אַ שטריקל מיט וואָס איך זאָל דעם גליטשער צופעסטיקן צום שטיוול, און איך בין גלייך אַוועק צוריק צו דער „באָברע“ אויפן אייז.

ווען איך בין אַרויף אויפן אייז, האָב איך דאָס ערשטע גענומען זיך רייצן מיט יאַנקל טעוולס, אַז ער דאַרף דעם פריצס הונט, וואָס זאָל אים פירן (דעם פריצס הונט פלעגט פירן די פריצישע קינדער אין אַ שליטן).

איך גיב זיך אַזוי אַ פאַרמעסט מיט מיין גליטשער, אַ לאָז איבערן אייז, ביז — איך האָב דערגרייכט אַ שוואַכן פונקט. דאָס אייז האָט זיך איינגעבראָכן, און איך — איך בין אַריין ביז איבער די קני אין וואַסער...

וואָיטעק דער פאָטשטאַליאָן, וועלכער האָט זיך אויך געגליטשט, האָט אַ כאַפּ געטאָן די פיס אויף די פלייצעס, ס'הייסט מיינע פיס אויף זיינע פלייצעס, און האָט מיך געבראַכט אַהיים. מיינע פיס זענען געווען פאַרפרוירן ווי פיס־נאָגי (פּעטשאַ).

מיין גליק איז געווען, וואָס טאַטע־מאַמע זענען נאָך געווען אין שול צו מנחה. האָב איך ווי עס איז אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול. די גליטשקע האָב איך פאַרבאַהאַלטן אין שלאָף־באַנק אונטערן שטרוי, און אַליין בין איך אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון.

ווען דער טאַטע איז אַריינגעקומען פון שול און זיך געשטעלט לעבן אויוון אָנוואַרעמען זיך, האָט ער דערזען מיינע שטיוול. ווען ער האָט זיי אויפגעהויבן צו מאַכן זיכער, אַז דאָס זענען מיינע, האָט ער זיך אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, וואָס איז זיך שוין צעגאַנגען אינעווייניק פונעם אייז. אָן שום פראַגן, האָט ער מיך דערטאַפּט אויפן אויוון, און גענומען מיט די כאָליעוועס דערלאַנגען ווי ס'האָט זיך נאָר געטראָפן, און געטראָפן האָט ער אַלעמאָל גוט...

איידער איך האָב נאָך באַוויזן זיך אויסטריקענען און אַרונטערקריכן פונעם אויוון, איז געקומען די באָבע און גענומען דערציילן דעם טאַטן, אַז יוזקע, די וואַסער־טרעגערין, האָט מיך געזען שבת מייםטרעווען אַ גליטשער הינטערן הויז, און נחום האָט מיך געזען זיך גליטשן אום שבת אויפן אייז צוזאַמען מיט אַלע צעבאַלעוועטע רייכע יינגלעך.

דאָ האָט שוין דער טאַטע אַרונטערגענומען דעם פּאַסיק און גענומען קלאַפּן פונדאַסניי צום צווייטן מאָל. און מיטן פּאַסיק האָט ער דאָס נאָך בעסער געמאַכט, ווי מיט די כאָליעוועס.

צו מיין גליק איז די מאַמע באַלד אונטערגעלאָפן און אונטערגעשטעלט איר פּלייצע. דערביי האָט זי געשריען צום טאַטן, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין אין שול אַריין צו מעריב. דערווייל האָט דער מעריב מיך געראַטעוועט פון נייע קלעפּ...

דער טאַטע איז אַוועק אין שול, און איך האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, וויסנדיק, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל קריגן נאָך קלעפּ...

מיין האַרץ האָט מיך נישט אָפּגענאַרט: דער טאַטע איז געקומען פון שול, געמאַכט הבדלה, און איך האָב זיך גערוקט פון איין ווינקל צום צווייטן, וועלנדיק אויסמיידן די בליקן פון טאַטע־מאַמע.

עס ווערט מיטאַמאָל אַ פראַגע ביי דער מאַמען, וואָס זאָל זי מאַכן פאַר וועטשערע, און דער טאַטע שלאָגט פאָר, אַז אַזוי ווי ס'איז פאַראַן אין הויז בולבעס און מאָן־אייל, זאָל מען מאַכן לאַטקעס.

די מאַמע האָט גלייך אָנגעשאָבן די בולבעס, נאָר ווי גיך זי האָט גענומען זוכן דעם ריבאייזן, האָב איך דערזען פאַר זיך דעם גיהנום אויף ד ע ר וועלט...

די מאַמע האָט געפונען דעם ריבאייזן, זי האָט דערלאַנגט איין קוק און שוין פאַרשטאַנען וועמענס אַרבעט דאָס איז, ווער עס האָט אַרויסגעשלעפּט דעם דראָט, דאָ האָט שוין די מאַמע גענומען שרייען

און וואַרפֿן בליקן ווי פֿיילן אויף מיר, און פֿון טאַטן האָט זי גענומען מאָנען: דו וועסט דאָס אים שווייגן? זעסט וואָס ער האָט געטאָן?

דער טאַטע איז געשטאַנען, זיך נישט גערירט פֿון אָרט, און נאָך געשפּאַסט: „איך זאָל שלאָגן דיין קדיש און דו וועסט אונטערשטעלן אַ פּלייצע פֿאַר אים? שלאָג אים אַליין, אויב דו ווילסט".

דאָס מאָל האָב איך געזען, אַז די מאַמע וויל טאַקע שלאָגן, און איך האָב געוואָלט בעסער אָפּקומען דאָס דריטע מאָל צו כאַפּן קלעפּ — גיכער פֿון דער מאַמען איידער פֿון טאַטן.

די מאַמע האָט אָבער דאָס מאָל זיך נישט באַגנוגנט מיט אירע דאַרע הענטלעך, אויף וועלכע איך פֿלעג אָפּט רחמנות האָבן, ווען זי פֿלעגט מיך שלאָגן מיט זיי און דערביי שרייען: „זאָלסט אַזוי כוח האָבן צו לעבן, ווי איך האָב דיך כוח צו שלאָגן". דאָס מאָל האָט זי אָבער גענומען צו הילף איר קאָטשערע...

די גרעסטע שטראָף מיינע איז אָבער געווען, וואָס אַלע מאָל, ווען די מאַמע האָט געדאַרפֿט נוצן אַ ריבאייזן, פֿאַר כריין, פֿאַר בוריקעס, פֿאַר בולבעס, פֿלעגט זי אַ קוק טאָן צו מיר און פֿאַרענדיקן דעם קוק מיט אַ קניפּ ווו ס'האָט זיך געמאַכט.

און איך האָב אַזוי געוואַרט אויפֿן קומענדיקן יאַריד אין שטעטל, ווי אַן אָרעמאַן אויף פּסח. געוואַרט, אַז די מאַמע זאָל שוין ווידער קאָנען קויפֿן אַ נייעם ריבאייזן.

ווי אַזוי איך האָב געמאַכט אַ דריידל אויף חנוכה

נאָכדעם ווי דער רבי (לערער) האָט אונדז אין חדר דערקלערט די באַדײַטונג פֿון חנוכה, וועגן די ליכטלעך, די דריידלעך און די הויפּטזאַך וועגן די מכבייער, די קעמפֿער פֿון יענער צײַט, האָט ער גענומען פֿרעגן בײַ אונדז וואָס איז די באַדײַטונג אויפֿן דריידל פֿון נ. ג. ה. ש.? פֿון די חנוכה־ליכטלעך?

און פּלוצלונג גיט ער אַ פֿרעג: פֿאַרוואָס עסט מען חנוכה לאַטקעס? האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בײַ מיר אַן ענטפֿער: „ווײַל אַ גאַנץ יאָר וויל מײַן מאַמע נישט מאַכן קיין לאַטקעס...״ דער רבי האָט מיר פֿײַן אָנגעדרייט דעם אויער פֿאַר אַזאַ ענטפֿער, נאָר ער אַליין, ווײַזט אויס, האָט אויך נישט געוווּסט, טראָץ דעם וואָס די רביצין, זײַן פֿרוי, האָט אים געמוזט מאַכן לאַטקעס אַלע טעג פֿון חנוכה.

שוין עטלעכע טעג פֿאַר חנוכה האָבן אַלע רײַכע ייִנגלעך געקראָגן דריידלעך. פֿאַר מאַנכע האָט מען געבראַכט די דריידלעך פֿאַרטיקע פֿון אַ גרעסערער שטאָט, פֿאַר אַנדערע האָט מען זיי אויסגעגאָסן אין אַ בוירעם בײַם בלעכער.

יאַנקל, שמואל דעם קרעמערס, אַלטער לייבטשיקס און וועלוול דעם פֿעלדשערס האָבן געהאַט נישט נאָר צו איינע, נאָר צו צוויי און דרײַ, און איטלעכער איינע פֿלעגט „אויסגיין״ פֿלעגן זיי שוין לאָזן זיך דרייען די צווייטע. איך און מײַנע חברים, די שנײַדער־ און שוסטער־ייִנגלעך, האָבן געקוקט און געפּלאַצט פֿון קנאה.

אַ פּורעם, האָב איך אײַנגעטלעך געקענט מאַכן, ווי אַזוי אויסצוגיסן האָב איך אויך געוווּסט. איך האָב געכאַפּט דעם שניט, ווען איך האָב איינמאָל געזען ווי נאָטע דער בלעכער האָט אויסגעגאָסן דריידלעך פֿאַר בערטשיק דעם גבירס קינדער. איך האָב אפֿילו געוווּסט ווי אַזוי דאָס אָפּצוקילן, אַרויסנעמען פֿון פֿורעם און אַרומשניצן, מאַכן דאָס גלאַט,

עס זאָל זיך דרייען. די פראַגע איז נאָר געווען פאַר מיר, ווו צו געמען צין אָדער בליי?

איך האָב אַזוי לאַנג געטראַכט ביז איך האָב זיך דערטראַכט. איך האָב איינמאָל געזען ווי דער בלעכער האָט געוויסט כלים פאַר פסח, ער האָט גענומען אַ הענטל פון אַן אַלטן גאָפל, צעשמאָלצן דעם ברעג און איז מיט דעם אַרומגעפאָרן איבערן פענדל און עס ווייס געמאַכט.

איך האָב זיך שטילערהייט צוגעכאַפּט צו דער גראַטקע (אַזאַ פּלאַץ ווו עס פלעגן שטעקן גאָפל, מעסער און לעפל), אַרויסגענומען אַ גאָפל מיט אַ לעפל, און באַשלאָסן גיין צו מיין זיידן, יאַנקל דעם שמיד, אין קוזניע מיט אַ פאַרטיקן פורעם פאַרשטעקט אין בוזעם.

איך האָב אָפּגעמאַכט מיט מיין קאָזין מאיר, אַז ער זאָל מיר העלפן צוהאַלטן דעם פורעם, ווען איך וועל גיסן דעם צין, דערפאַר וועל איך פאַר אים אויך אויסגיסן אַ דריידל.

מיר האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין קוזניע, ווען דער זיידע איז נישט געווען, איך האָב מיר אַריינגעלייגט די צעבראָכענע שטיקלעך פונעם גאָפל אין דעם לעפל אַריין, און געהאַלטן איבערן פייער צו צעשמעלצן דאָס.

מיטאַמאָל — וויי איז מיר! ס'האָט זיך צעשמאָלצן דער דעק פונעם לעפל, די צין האָט זיך דורכגעזייט און גענומען רינען. ווען איך האָב געוואָלט פאַרהאַלטן דעם צין מיט אַ שמאַטקע, האָב איך זיך פאַרברענט די הענט. אינמיטן איז דער זיידע אַריינגעקומען און אויף די סאַמע געדיכטע...

איך בין געקומען אַהיים, אָנשטאָט מיט דריידלעך — מיט אַ פאָר־ברענטער האַנט און אַ פאַרדרייטן קאָפּ, נישט ווייסנדיק וואָס טאַטע־מאַמע וועלן זאָגן, און וואָס איך וועל דערפאַר אַריינכאַפּן...

אַדאַנק מיין פאַרברענטער האַנט בין איך אויפן הייסן אָפּגעקומען ביים טאַטן מיט עטלעכע פּעטשלעך, די מאַמע האָט בלויז געשריען און דערביי פאַרבונדן די האַנט.

די ריכטיקע שטראָף האָב איך אָבער געקראָגן שבתצונאַכט, ווען די מאַמע האָט געמאַכט לאַטקעס לכבוד חנוכה.

ווי גיך דער זיידע מיט דער באָבען זענען אַריינגעקומען, האָט די מאַמע אַוועקגעשטעלט דעם פאַלומעסיק מיט די לאַטקעס אויפן טיש. געווען זענען דאָן חוץ מיר — נאָך פיר קינדער אין הויז.

די מאַמע האָט אַלעמען דערלאַנגט אַ גאָפל מיט אַ טעלער. מיר האָט זי געזאָגט, גיי נעם דיין גאָפל, אָן אַ גאָפל וועסט קיינער נישט טאָרן געמען קיין לאַטקע.

איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן צו גיין נעמען דעם גאָפּל פון דער גראַטקע, איך האָב זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז ס'איז נישטאָ מער ווי צו איין גאָפּל און לעפל פאַר יעדערן ביי אונדז אין הויז.

אָנשטאָט אַ דריידל, האָב איך זיך אַליין אַרומגעדרייט אַרום טיש... געגעסן די לאַטקעס מיט די אויגן... איך זאָג אייך, איך האָב געדאַרפט זיין שטאַרק ווי א מכבייער דאָס אַלץ איבערצוטראָגן... א גאנץ יאָר געוואַרט אויף לאַטקעס און דאָ ליגן ברוינע לאַטקעס, און איך קאָן אפילו נישט פאַרזוכן...

איך האָב געקוקט אויף דעם זיידן, דער זיידע — אויף מיר און צום סוף זאָגט ער אַזוי צו טאַטע-מאַמע: „וויפל פינגער האָט אַ גאָפּל, אַ יאָ, פינף? נו, אַז ער האָט גאָלדענע פינגער... האָבן מיר דאָך געזען ווי ער האָט געמאַכט אַ פורעם מיט דריידלעך... אויב אַזוי נעם מיט דיין גאָלדענעם גאָפּל אַ לאַטקע, און ער האָט מיר גלייך דערלאַנגט אַ לאַטקע אין האַנט אַריין, אַ לאַטקעלע, וואָס איך פיל נאָך איצט דעם טעם...

אַ שפּיל מיטן טאַטן און קנעפּלעך...

דער שטענדיקער אומעט און מיין קליינעם שטעטעלע ליפּסק פלעגט זיך איבעררייסן מיטן אָנקומען פון אַ יום־טוב. ספּעציעל אַ יום־טוב, ווו ס'האָט געמוזט זיין צום עסן, טרינקען און פאַרבונדן מיט פייערלעכקייט.

פאַר אַזאַ סאָרט יום־טוב האָבן מיר, די יינגלעך און חדר, באַטראַכט חנוכה.

וועגן חנוכה פלעגן מיר שוין רעדן מיט וואָכן פאָרויס. דאָס איז געווען די צייט פון שעכטן גענדז, פליקן פעדערן, פרעגלען פעטס, וואָס מ'פלעגט פאַרגרייטן אויף פסח (די גריוון האָבן געהערט צו חנוכה). דערצו דער געדאַנק, אז מ'וועט מאכן לאַטקעס, צינדן ליכטלעך, און די הויפּטזאַך, זען ווי די גרויסע שפּילן אין „קוויטלעך" און מיר קאָנען דרייען דריידלעך.

מיט וואָכן פאָרויס פלעגן מיר, די קינדער, שניצן פון עפּעס אויסצוגיסן די דריידלעך, דערצו פאַרגרייטן זיך מיט קנעפּלעך און פאַרנוצטע שוועבעלעך, צו האָבן מיט וואָס צו שפּילן... די שפּיל איז געווען, אַז ווען דאָס דריידל איז געפאַלן מיטן „גימל" אין דער הייך, האָבן אַלע קינדער געדאַרפט געבן צו דעם, וואָס האָט געדרייט דאָס דריידל אַ שוועבעלע, און אַכט שוועבעלעך איז געווען דער אויסבייט פאַר אַ קנעפּל...

דערפאַר האָב איך זיך געפילט אַזוי יום־טובדיק, און זיך געגרויסט פאַר די יינגלעך אויפן גליטש, אַז שבת־צונאַכטס צו דעם פינפטן ליכטל, קומט צו אונדז די פאַמיליע אויף לאַטקעס. עס קומען דער זיידע מיט דער באָבען, דער פעטער מיט דער מומען און נאָך און נאָך פריינד. די הויפּט־זאַך, צוזאַמען מיט זיי קומען די קינדער, מיינע חברים, וואָס זעלטן ווען פלעגן זיי קומען צו אונדז, וויבאַלד מיר וווינען אַזוי ווייט אויסער דער שטאָט ביי דעם ברונעם.

שבת פאַרנאַכט, ווען טאַטע־מאַמע זענען אַוועק אין שול, האָב איך פאַרטראַכט, ווי אַזוי צו האָבן מיט וואָס אין אָוונט צו שפּילן. די קנעפּ־

לער זענען מיר אָנגעקומען גרינג — איך בין צוגעגאַנגען צו דער שאַפע וווּ ס'זענען געהאָנגען דעם טאַטנס וואָכעדיקע קליידער און אָפּגעריסן די קנעפּלעך פון זיי. ווען איך האָב שוין געהאַט ביי זיך די קנעפּלעך פון דעם קאַפּטאַן, פון דער קאַמיזעלקע און פון די פּלודערן, האָב איך אין מיין קעשענע אָנגעציילט גאַנצע פערצן קנעפּלעך, וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר מיר, אַז איך בין געוואָרן אַ מיליאָנער... איך האָב מיט דעם געקאָנט אויסקויפן די שוועבעלעך פון אַלע קינדער אין חדר...

אָבער דאָס איז פאַר מיר גישט געווען גענוג, איך האָב אויך געדאַרפט שוועבעלעך פאַר דעם אָנפאַנג פון שפּיל אין חנוכה־דריידלעך.

אין דער גראַטקע אויף דער וואַנט האָט די מאַמע געהאַלטן דאָס קעסטעלע מיט שוועבעלעך. געהיט האָט זי דאָס, ווי אַן אוצר... זי פלעגט אָפּט שפּאַלטן אַ שוועבעלע אין צווייען, צו האָבן דאָס אויף צוויי מאָל...

איך האָב באַטראַכט דאָס קעסטעלע מיט די שוועבעלעך, עטלעכע אַרויסגענומען, אָנגעצונדן און זיי אַריינגעלייגט צוריק, ווייסנדיק, אַז אין אָוונט וועט די מאַמע מיר אונטערטראָגן די אויסגענוצטע שוועבעלעך, איך זאָל זיך האָבן מיט וואָס צו שפּילן... נאָר — מיטאַמאָל ווען איך האָב אַריינגעלייגט אַן אָנגעצונדן שוועבעלע אין קעסטל, האָט עפּעס ווי אַ דונער געטאָן, גלייך אַ בליץ געטאָן, און — אַלע איבעריקע שוועבעלעך האָבן זיך אָנגעצונדן און אויס...

איך האָב דאָס קעסטעלע אַ שטעל געטאָן צוריק אויף דער גראַטקע און אַליין, מיט די קנעפּלעך אין קעשענע, אַוועקגעלאָפן אויפן שול־הויף.

ווען די שטערן האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל, האָבן טאַטע־מאַמע, מיט די אַלע פריינד זיך געלאָזן צו אונדז אַהיים.

אַלע האָבן זיך געפרייט גייענדיק איבער דעם סקריפּנדיקן ווייסן שניי, וואָס דער זיידע יעקב, וועלכער האָט אַזוי פיין געזונגען, וועט מאַכן הבדלה און בענטשן דאָס פינפטע חנוכה־ליכטל.

די קינדערלעך האָבן ווי שטענדיק גענומען זיך וואַרפן מיט „שנעזשיקעס“, גליטשן זיך אויף די אייז־באַדעקטע טיילן אויף דער גאַס. נאָר איך בין געגאַנגען ווי אין חלום, דער שניי האָט מיר אויסגעזען שוואַרץ... ווען די מאַמע האָט אַ זאָג געטאָן צום טאַטן: זע נאָר, ווי דער „כל־בוניק“ גייט סטאַטעטשנע, האָב איך געפילט ווי איך דערטרינק זיך אין שניי... אין געדאַנק האָט זיך מיר געפּלאָנטערט: אפשר וועט געשען אַ נס, אפשר וועלן די שוועבעלעך זיך אָנציגדן כאָטש נאָך איינמאָל?...

דער טאַטע האָט אויפגעשלאָסן די טיר, אַלע זענען אַריין אין שטוב. די מאַמע האָט גלייך צוגעשפּאַנט צו דער גראַטקע, אַ נעם געטאָן דאָס קעסטעלע מיט די שוועבעלעך. מיט איין אָטעם האָט זי אַ זאָג געטאָן: „גוט־וואָך" און אַ רייב געטאָן דאָס שוועבעלע אָן קעסטל. קיין נס איז אָבער נישט געשען... זי האָט געריבן די שוועבעלעך איינס נאָכן צווייטן, ביז ס'איז איר פאַרבליבן דאָס ליידיקע שאַכטל אין דער האַנט...

אַ פאַרצווייפלטע האָט זי אויסגעשריגן צום טאַטן: משה אהרן, נישטאָ קיין שוועבעלעך אין הויז!...

דער זיידע איז געשטאַנען מיטן ניגון פון הבדלה אויף די ליפּן און אונטערגעבראָכן צו זיך. דער פעטער זלמן האָט שוין גענומען רעדן פון גיין אַהיים.

די מאַמע האָט פּרובירט באַרואיקן: געווים פון פייכטקייט זענען די שוועבעלעך קאַליע געוואָרן, אָבער אָט באַלד האָט זי צו מיר אַ וווּנק געטאָן: לויף צו צו יאָסל דעם קרעמער און ברענג אַ פּושקע שוועבעלעך.

אין אַן אַנדער צייט וואָלט איך פשוט זיך געשראָקן צו פאַרבייגיין די באָד אַליין ביינאַכט. איך וואָלט זיך פּרובירט אַרויסדרייען פון דער שליחות, אָבער נישט איצט... דאָס מאָל האָב איך זיך געפרייט, וואָס די מאַמע האָט פאַרטראַכט אַזאַ פיינעם תירוץ... איך האָב גיך פאַר־וואָרפן דעם באַשליק און שוין געוואָלט נעמען לויפן, צו קויפן שווע־בעלעך.

אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקו־מען משה־קאָפּל דער שוסטער. ער איז געגאַנגען נאָך וואַסער צום ברו־נעם, דערציילט ער, ווי ער האָט געהערט אין דער טיפער פינצטערניש דעם טומל אין שטוב, איז ער אַריינגעקומען צו זען, וואָס ס'איז געשען?

אַ גאַנצע וואָך פלעגט משה־קאָפּל רויכערן אייגענע געמאַכטע פּאַ־פּיראָסן, אָבער שבת־צונאַכטס פלעגט ער פאַררויכערן זיין ציבוק־ליולקע און מיט דעם אויפנעמען די נייע וואָך...

ווען ער האָט אַזוי אַ פּיפקע געטאָן די ליולקע, האָבן די פונקען זיך צעברענט און גענומען לויפן ווי די שטערן אין הימל, דער טאַטע איז צוגעלאָפן און זיך אַ פרעג געטאָן, אויב ער האָט אַ שוועבעלע?

— קיין שוועבעלע האָב איך נישט — האָט משה־קאָפּל געענט־פערט — אָבער פייער קאָן איך אייך געבן.

ער האָט אַרויסגענומען פון קאַמזעלקע אַזאַ גראָב שטריקל, איינגעדרייט אין אַזאַ שטיקל אייזן און גענומען פּאָרקען ביים אויוון צו מאַכן פייער. פונקען האָבן זיך באַוויזן און עס האָט גענומען רויכערן. דאָס ברענענדיקע שטריקל האָט מען צוגעשטעלט צו אַ שטרוי און מ׳האָט גענומען בלאָזן ביז ענדלעך ס׳האָט זיך באַוויזן אַ פייער.

„גוט-וואָך" — האָבן אַלע ווי איינאיינעם אויסגערופן, נאָר איך בין געשטאַנען אין אַ זייט מיטן באַשליק אין האַנט, פאַר מיר האָט דער „גוט-וואָך" געקלונגען אינגאַנצן אַנדערש...

דער זיידע האָט געמאַכט הבדלה, מ׳האָט געבענטשט דאָס פינפטע חנוכה-ליכטל, דאַן האָט דער טאַטע גענומען דאָס שמש-ליכטל אין האַנט, זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן די שוועבעלעך, וועלכע זענען געווען צעוואָרפן אַרום דער גראַטקע, באַטראַכט און אויסגערופן צו דער מאַמען: רחל, די שוועבעלעך זענען נישט פייכט געוואָרן, נאָר דער „כל-בוניק" האָט זיי אָפּגעברענט די קעפּלעך...

ער האָט פון דער זייט מיר אַ דריי געטאָן דעם אויער, פון וואָס איך האָב דערזען מיין עלטער-באָבען פון יענער וועלט, דערביי האָט ער שטיל אַ שושקע געטאָן: דאָס איבעריקע וועסטו שוין קריגן מאָרגן...

דער טאַטע האָט זיך געזעצט מיט דער פאַמיליע ביים טיש שפּילן „קוויטלעך". די מאמע האָט זיך גענומען פּאָרקען ביים אויוון צו מאכן לאַטקעס. איך האָב דערווייל באַוויזן אויפצוקלייבן פון דער ערד די צעוואָרפענע שוועבעלעך.

איך מיט די קינדער האָבן זיך צעזעצט אויפן שלאָף-באַנק און מיר האָבן גענומען שפּילן אין דריידלעך. די שפּיל האָט זיך ביי אונדז צעוואַרעמט. מיר אַלע האָבן אַרויסגעלייגט אונדזערע „פּאַרמעגנס", ווער די קנעפּלעך, ווער די שוועבעלעך — לעבן זיך.

אינמיטן שפּילן די „קוויטלעך" האָט דער טאַטע אויסגעטאָן זיין קאַפּאָטע, צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און גענומען אָנטאָן דעם וואַרעמען קאַפּטאַן.

ווען איך האָב דערזען, אַז דער טאַטע זוכט די קנעפּלעך אויף דער פּאָלע צו פאַרשפּיליען, האָב איך דערפילט, אַז מיין קאָפּ איז געוואָרן אַ דריידל און מיין שפּילן — איז שוין פאַרשפּילט...

איך האָב שנעל אַריינגעלייגט די קנעפּלעך אין קעשענע און מיטן באַשליק אין האַנט בין איך גלייך געלם געוואָרן אויף יענער זייט טיר...

אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט. איך האָב זיך געשטעלט לעבן דעם פאַרפרוירענעם פענצטער און דורך אַ שפּאַרונקעלע אַריינגעקוקט אין הויז אַריין. מיר האָט געוואָרפן אַ צאָן אין אַ צאָן פון קעלט און פון שרעק, צו שטיין אַזוי שפּעט אין אַ ווינטער־נאַכט איינער אַליין הינטערן הויז ביים פענצטער.

פון דעם באַוועגן מיט די הענט, ווי דער טאַטע האָט געוויזן דער מאַמען אויף די אויסגעריסענע קנעפּלעך אין דעם קאַפּטאַן און פון זיין פּאָכען מיטן צייג־פינגער, האָב איך געוווּסט וואָס מיך קאָן דערוואַרטן... נאָר ערגער פון אַלץ איז מיר געווען, וואָס פון מיינע אַלע פּלענער האָב איך געדאַרפט שטיין אין דרויסן, קאָן נישט שפּילן קיין דריידלעך, און דאָ זע איך ווי די מאַמע לייגט די ברוינע לאַטקעס אין פּאָלומעסיק און ווער ווייסט, צי איך וועל אפילו פאַרזוכן זייער טעם?...

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ באַטאַליע אין שטוב. דורך דעם נישט פאַרפרוירענעם שפּיץ אין פענצטער האָב איך דערזען, ווי דער זיידע האַלט איינעם פון די אייניקלעך ביים אויער, פאַרן אויסדרייען אַ קנאָפּ פון זיין פּאַלטאָ, וואָס איז געלעגן אויפן פּאָל ביים אויוון — איז מיר וואַרעמער געוואָרן אין מיינע פאַרפרוירענע גלידער...

ס'איז מיר אָבער באַלד ווידער קאַלט געוואָרן — ווען איך האָב דערזען, ווי די מאַמע טיילט איין אַלעמען לאַטקעס, אויך די קינדער אויפן שלאָף־באַנק קריגן צו אַ לאַטקע אין האַנט. זיי עסן און שפּילן זיך מיט דריידלעך, די שוועבעלעך און קנעפּלעך פליען ביי זיי פון די הענט, ווי דער פלאַטער פונעם שניי ביי מיר אונטערן קאָלנער...

ווען די מאַמע איז אַרויסגעקומען אין דרויסן און מיך פרובירט אַ כאַפּ טאָן פאַרן האַנט, האָב איך זיך גרינג געלאָזט כאַפּן און אַריינפירן אין הויז אַריין.

אונטערן אויוון האָט זי מיר צוגעטראָגן צוויי לאַטקעס און באַמערקט דערביי: דיין גליק, וואָס ס'איז פאַרבליבן נאָך לאַטקעס, אַז נישט וואָלט איך דיר געגעבן שוועבעלעך צו עסן...

אַזוי בין איך שוין אונטערן אויוון איינגעשלאָפן און אויף מאָרגן איז דערפרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען און גענומען זוכן מיין „פאַרמעגן“ אין די קעשענעס, האָב איך בלויז געטראָפן אַ פּאָר שוועבעלעך...

ווען איך האָב זיך גענומען אָנטאָן, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז נישט נאָר דער טאַטע האָט צוגענומען די קנעפּלעך, וואָס איך האָב געהאַט

אין קעשענע, נאָר — ער האָט מיר אויך געגעבן דעם ריכטיקן אָפּשניט: ער האָט אויסגעשניטן די קנעפּלעך פון מײַנע מייטקעס און קאַפּאָטע, איך זאָל מוזן זיצן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב...

אין אָוונט, ווען ער האָט אָנגעצונדן די חנוכה־ליכטלעך, האָט ער גוטמוטיק צו מיר אַ זאָג געטאָן: קום צום טיש, וועלן מיר שפּילן חנוכה־דריידל אין קנעפּלעך...

מלאכים האָבן צעכאַפּט די לאַטקעס...

גלייך אין אָנהייב ווינטער פלעגט שוין דער רבי געמען קנעלן מיט די יינגלעך אין חדר וועגן חנוכה. ער האָט געוווּסט, אַז אין די חנוכה־טעג וועט דער גביר, ר' הערצל, „פאַרהערן“ די קינדער און וועט אויסטיילן חנוכה־געלט צו די קינדער מיט „גוטע קעפּלעך“.

גאָר שטאַרק האָבן די קינדער זיך געקוואַפּעט צו קריגן דאָס גרויסע דריידל מיטן „נס גדול היה שם“, וואָס שמואל דער קרומער, אַ צווייטער גביר, פלעגט דערלאַנגען דעם „בעסטן קעפּל“.

פון דערפאַרונג האָבן אָבער די יינגלעך געוווּסט, אַז ווי גוט זיי זאָלן נישט קענען לערנען און דערציילן חנוכה־מעשהלעך, וועלן זיי דאָס גרויסע דריידל נישט קריגן, ווייל שוין דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט שמואל דער גביר צוגעטיילט דאָס גרויסע דריידל צו זיין אייניקל יאַנקעלע, טעוול דעם קרעמערס, וואָס האָט געהאַט גראָד אַ „שוואַך קעפּל“ צום לערנען. די אַנדערע קינדער האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט די קליינע, איינפאַכע דריידלעך...

דער רבי, יאָשע די מויד, ווי מען האָט אים גערופן, ווייל ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ מיידל, נאָר איינגעראַמט אין אַ קיילעכדיקער באָרד — ער פלעגט גוטמוטיק שמייכלען אפילו ווען ער פלעגט האַלטן די „רימענע לאָקשן“ אין האַנט. ער האָט געהאַלטן אין איין איינטענהן מיט די קינדער:

— לערנט, קינדערלעך, לערנט! אפילו אַ קליין דריידל פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל, און צוקערלעך מיט לאַטקעס קאָן מען אויך נישט קריגן אין אַ פּראָסטן מיטוואָך.

דער רבי יאָשע פלעגט דערציילן די קינדער מעשיות מיט נסים וועגן חנוכה, כאָטש געשמועסט האָט מען צווישן די עלטערן, אַז יאָשע אַליין ווייסט זייער ווייניק און אַז מער ווי מיט צען־יאָריקע יינגלעך קען ער נישט לערנען.

די קינדער האָבן אים געפּאָלגט און פליסיק געלערנט. זיי האָבן אים ליב געהאַט, ווייל ער האָט ליב געהאַט די קינדער, איבערהויפּט די אָרעמע. ער איז געווען אַ בעל־מטופל מיט אַכט קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געמוזט שפּילן בלויז מיט די אָרעמע קינדער, ווייל די רייכע פלעגן זיי אַוועקטרייבן פון זיך און אָפּשטויסן מיט אַ לידל:

יאָשע מויד, זיצט אין בויד,
די קינדער אויף אַ קאַסטן.
אַלע מאָנטיק — דאָנערשטיק,
מוזן זיי אַלע פאַסטן...

וואָס נעענטער ס'איז געוואָרן צו חנוכה און וואָס מער דער רבי יאָשע האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן די מעשיות וועגן חנוכה, אַלץ מער פלעגט ער צוטראַכטן אייגענע נסים און מעשיות.

גרויסע שוועריקייטן פלעגט יאָשע האָבן מיט די ווערטער חשמונאים און מכבייער, עפּעס אַלע מאָל איז ער געבליבן שטעקן מיטן חש — — — און מאַקאַ... פלעגן אַלע קינדערלעך אים אַרויסהעלפן און ווען ער פלעגט אַרויסזאָגן חש — האָבן די קינדער אונטערגעהאַלטן מיט אַ לאַנגן חש־מו־נאים. האָט ער געזאָגט מאַקאַ— האָבן די קינדער אויס־געצויגן מאַ־קאַ־ביי־ער. אַזוי איז שטענדיק געווען פריילעך אין חדר.

איינמאָל האָט ער דערציילט די קינדער, אַז די אַכט ליכטלעך צינדט מען אָן חנוכה, ווייל ס'איז אַמאָל, אַמאָל געווען איינער אַ יהודה המכבי און געווען איז ער אַ מלמד, וואָס האָט געהאַט אייגענע אַכט קינדערלעך. די קינדערלעך האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן, האָבן זיי געצאַנקט און געצאַנקט, ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען ווי קליינע חלבנע ליכטלעך. ווען די רייכע אין שטאָט האָבן זיך דערוווּסט פון דעם, האָבן זיי געבראַכט חנוכה־געלט מיט לאַטקעס, נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט, די אַכט „ליכטלעך“ האָבן זיך שוין געהאַט פאַרלאָשן... דערפאַר צינדט מען אָן אַכט ליכטלעך, די רייכע זאָלן בעסער זען וואָס זיי טוען...

ווען די קינדער האָבן דאָס מעשהלע איבערדערציילט אין דער היים, איז דאָס אויך אָנגעקומען צו די גבירים. האָבן זיי יאָשען געוואָלט אַרויס־שיקן פון שטאָט, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט קריגן קיין אַנדערן מלמד און „יאָשע מויד“ איז ווייטער פאַרבליבן קנעלן אין שטעטל.

אין די היימען האָט מען אָבער דערנאָך איבערגערעדט, אַז דאָס מעשהלע האָט געווירקט אויף די רייכע, אַז זיי זאָלן באַצאָלן אין צייט

שכר־לימוד און אריינשיקן אויף חנוכה פאר דעם רבינס קינדער א ביסל גריזון מיט גענדזן־פעטס.

איין חנוכה, ווען מ׳האט איינגעלאדן דעם רבי יאשע מיט די קינ־דערלעך צום „פארהערן“ ביי נחומען אין הויז, האט א באזונדער פרייד ארומגעכאפט די ארעמע יינגלעך! ווי פון זיך אליין איז פארשפרייט גע־ווארן א בשורה, אז דאס מאל וועלן זיי קריגן חוץ חנוכה־געלט און דריידלעך אויך לאטקעס, אמתע לאנדערינקעס (צוקערקעס), אויך שרייב־הענטלעך, בלייפעדערס און שרייב־פאפיר.

מיט אמתן חשק האבן די יינגלעך געלערנט און זיך באלאדן מיט חנוכה־לידלעך און מעשהלעך, ווען זיי זענען געקומען צו „פארהערן“ זיך ביי נחום דעם גביר.

ווי שטענדיק האט זיי ר׳ הערצל „פארהערט“, דערנאך האט מען זיי אויסגעשטעלט אין א ריי. מען האט ארייגעלייגט יעדן איינעם אין האנט א דריידל מיט א קיבעלע, נאר יאנקל טעוולס האט ווידער גע־קראגן פון זיין רייכן זיידן דאס גרויסע דריידל מיטן גרויסן נ.ג.ה.ש.

איינער פון די חדר־יינגלעך, שעפסל כל־בוניק, וועלכער האט גע־קענט נישט נאר גוט איבערדערציילן דעם רבינס מעשהלעך, נאר פלעגט אויך צוטראכטן אייגענע, האט דערשמעקט, אז אין קיך באקן זיך די אמתע גוטע לאטקעס אויף גענדזן־שמאלץ, און ווי נאר מ׳וועט ארויס־פטרן די ארעמע יינגלעך, וועלן די רייכע קינדער קריגן צו עסן און טרינקען און דערצו טאקע אויך די פיינע מתנות לכבוד חנוכה.

שעפסל כל־בוניק האט שוין נישט געקאנט רוען. ער האט גלייך גע־לאזן וויסן די אנדערע יינגלעך וואס דא וועט זיין שפעטער ווען זיי וועלן אוועקגיין. די גרויסע באלעבאטישע מענטשן האבן זיך גענומען זעצן ביי די טישן צו שפילן אין קוויטלעך, קארטן, שאך. די באלעבאסטע האט גענומען טראגן פאר זיי אלערליי נאשערייען. אין א צווייטן צימער האט מען גענומען גרייטן א טיש פאר די רייכע קינדער, וועמענס עלטערן עס זענען פארבליבן פארן אוונט.

דער כל־בוניק האט אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען די דינסט איז ארום אין צווייטן צימער אויסצושטעלן די כלים, האט ער זיך אריינ־געכאפט אין קיך, אריינגעקערט די שיסל מיט די לאטקעס אין די סער־וועטקעס, וואס זענען דארט געלעגן, צעשטופט דאס צו די יינגלעך אין די קעשענעס און די איבעריקע אריינגערוקט צו זיך אין לאמטערן. דעמלט האבן אלע ארעמע יינגלעך אויסגעזונגען א פיינעם, הויכן: „האט

א גוטע נאַכט" און זענען אַוועק, טאַנצנדיק אין דער שניי־ווייסער נאַכט אַריין.

ווען די באַלעבאָסטע און דאָס דינסטמיידל האָבן זיך געכאַפּט אַז די לאַטקעס זענען פאַרשווונדן געוואָרן, איז געוואָרן א געשריי, אַז רבי יאָשע מוז מאָרגן אָפּשמייסן אין הדר אַלע אָרעמע יינגלעך, ווייל זיי האָבן אויפגעגעסן אַלע לאַטקעס, וואָס זענען געווען אָנגעגרייט פאַר די רייכע קינדער.

רבי יאָשע האָט מיט זיין שמייכעלע אויפן פּנים געענטפערט: מיר, יידן, ווייסן דאָך, אַז חנוכה איז פול מיט נסים, אפשר האָבן מלאכים זיך אַריינגעכאַפּט, צוגענומען די לאַטקעס און זיי אַוועקגעטראָגן צו די הונגעריקע מענטשן אין שטאָט?

אויף צומאָרגנס האָבן אַלע אין שטעטל געלאַכט. געוווסט האָט מען, אַז קיין נסים זענען דאָ נישט געשען, גאָר א וואונדער איז יאָ געווען, ווי אַזוי די עטלעכע יינגלעך האָבן צורעכט געמאַכט אַזויפיל לאַטקעס...

אַלע אָרעמעלייט אין שטעטל האָבן אָבער געוווּנטשן די קינדער, אַז עס זאָל זיי גאָר זיין צו געזונט!

גריוון און שמאַלץ

מיר אַליין, טאַטע מאַמע און דאָס הויזגעזינד, זענען גאַנץ אָפּט געגאַנגען שלאָפֿן הונגעריקע, אָבער דאָס קיעלע און די דריי גענדזעלעך האָט מען שטענדיק געפּאַשעט, ממש געשטאָפּט זיי.

זומער פֿלעגן מיר אַכטונג געבן אויפֿן קיעלע און די גענדזעלעך אין פֿעלד און ווינטער — אין שטאַל, וואָס איז געווען אין שכנות מיט אונדזער הויז.

געהיט האָבן מיר אַזוי דאָס קיעלע, ווייל מיט דער מילך האָבן מיר אָפּגעצאָלט די חובות צום גביר פֿון שטאָט, בערטשיק דעם קרעמער. פֿאַר זיך פֿלעגן מיר נאָר האָבן, פֿון צייט צו צייט, אַ ביסל זויערמילך און סאַראַוועטקע. אַזוי אויך מיט די גענדזעלעך, וואָס האָבן געהערט צום גביר. די באַלוינונג וואָס מיר האָבן געהאַט פֿאַרן פֿאַשען זיי, פֿאַרן באַוועגן און שטאָפּן זיי — איז געווען אונדזער אויסקוק אויף חנוכה...

אויף חנוכה פֿלעגן מיר שעכטן די גענדז, די מאַמע פֿלעגט זיי פּליקן, צורעכט מאַכן, אָפּטיילן דאָס פֿעטס און אויספּרעגלען פּסחדיקן שמאַלץ אין דעם ספּעציעלן סלאָי, וואָס שרהקע בערטשיקס האָט צוגע־גרייט. די מאַמע האָט פֿאַר איר אַרבעט געקראָגן די פֿעדערן, דעם דרויב, אַ ביסל פֿאַרברויגטע ציבעלע פֿון די גריוון, וואָס מ׳האָט געקאָנט אַרונ־טערנעמען פֿון פֿאָלומעסיק, און אַ קליין סלאָיטשיקל מיט געפּרעגלטן שמאַלץ, וואָס די מאַמע פֿלעגט אַראָפּגיסן פֿון דער גרויסער קופּערנער פֿאַן — אויף צו האָבן שמאַלץ אויף פּסח...

דעם טאָג, ווען די מאַמע פֿלעגט פּרעגלען דאָס פֿעטס, איז געווען יום־טוב אין הויז. דער ריח פֿון די גריוון האָט אַזוי געשמאַק פֿאַר־שמעקט יעדעס ווינקעלע, עס האָט אַ זעץ געטאָן עפּעס אַזאַ וואַרעמ־קייט, אַז אַפֿילו די שכנים האָבן דאָס דערפֿילט און זיי פֿלעגן אַריינקומען און אָנרייבן די הענט ביי דער ליבער וואַרעמקייט, און דערביי טאַקע אַ שמעק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין טעפּל...

די גאַנצע צייט פֿונעם פּרעגלען איז די מאַמע געשטאַנען אויף דער וואַרטע (וואַך) און אָפּגעהיט די כשרקייט, עס זאָל זיין לויט אַלע כּללים פֿון פּסח.

ווי שפּעט עס איז נישט געווען דער זייגער, זענען אַלע קינדער, גרויס און קליין, געזעסן און געוואַרט ביז די גאַנצע פּראָצעדור וועט פֿאַרענדיקט ווערן.

די אַרבעט איז געווען א גאַנץ שווערע, נאָר די מאַמע מיט אירע גאָלדענע הענט האָט אַלץ פּינקטלעך צוגעגרייט. אויף דער ערד איז געלעגן א ווייס, ריין ברעטל. אויפֿן ברעטל איז געשטאַנען בערטשיקס פֿינקלדיקער סלאָי מיט זילבערנעם דראָט אַרומגעדראָטעוועט, ער זאָל חלילה נישט פּלאַצן. אויפֿן סלאָי איז געווען א ווייס שטיקל לייוונט, אַלבאַסטער־קלאָר, אויף דורכצוזייען דאָס פֿעטס. דער טאַטע האָט געהאַלטן די שווערע זודיקע פּאַן, און די מאַמע האָט אָנגעפֿירט מיט די מאַנעוורעס — ווען ער זאָל גיסן, און ווען ער זאָל וואַרטן.

ווען די אַרבעט איז פֿאַרענדיקט געוואָרן, און די גריוון מיט די ברוינע ציבעלעס זענען אַרויסגעלייגט געוואָרן אויפֿן חמצדיקן בלעך, האָט שרהקע בערטשיקס געגומען דעם הילצערנעם קאָך־לעפֿל אין האַנט, אַרויסגעקליבן די פֿאַרברענטע ציבעלעס מיט עטלעכע פֿון די קליינע נישט־געראָטענע גריוון און דערלאַנגט דאָס אויף א טעלער דער מאַמען, דערביי א בורטשע געטאָן: „זאָלן זיי אויך וויסן פֿון א גוט יאָר“... דערביי האָט זי אויך אָנגעוויזן דער מאַמען אָנצופֿילן דעם קליינעם סלאָיטשיק מיט פֿעטס פֿאַר אונדז אויף פּסח.

ווען זיי זענען אַרויס פֿונעם הויז, דער טאַטע מיטן סלאָי פֿעטס אויפֿן אַקסל, שרהקע בערטשיקס מיטן בלעך גריוון, און דער זון איידער, חיימקע, מיטן טאָפּ פֿלייש, וואָס דאָס אַלץ איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן צו בערטשיקן אין לעדאָווניע (אייז־קאַסטן), ערשט דאַן האָבן זיך אַלע קינדער אַוועקגעזעצט און געפּראַוועט יום־טוב...

די מאַמע, ווי א ליבע סאַרווערקע, האָט אַלעמען גלייך צעטיילט די חלקים: א הורבע ציבעלע מיט אַ גריוו פֿון אויבן... מיר האָבן אַלע געלעקט די פֿינגער, געגעסן מיט די אויגן און נישט פֿאַרגינען זיך דאָס אַרונטערצושלינגען...

ווען מיר, די קינדערלעך, זענען געווען פֿאַרנומען פּראַווענדיק די סעודה, האָט די מאַמע זיך דערווייל געפּאָרעט מיט איר סלאָיטשיקל פֿעטס, וואָס זי האָט געקראָגן אויף פּסח. זי האָט דאָס אַרומגענומען

מיט א ווייס שטיקל לייוונט, אַרומגעדרייט עטלעכע מאָל מיט א פאָדים, פאַרבונדן מיט אַ שיין שלייפעלע און אוועקגעשטעלט אין אַ ספּעציעלן ווינקל אויף דער פּאָליצע פון די פּסחדיקע כּלים.

דער יום־טוב חנוכּה איז אַוועק, און עס איז געקומען א פשוטער שבת... טאַטע־מאַמע זענען אַוועק אין שול; די עלטערע שוועסטערלעך און ברידער זענען אַרויס שפּילן זיך אויפן בערגל. איך, א ביסל א פאַרקיל־טער, זיץ אין הויז, קוק אויפן פאַרשמירטן אויוון מיטן טשאָלנט, וווּ עס שטייט דער אָרעמער קוגל און די בולבעס מיט די בעבלעך, און דער אַפּעטיט רייסט דערהווייל שטיקער.

און איידער איך האָב אַ פרעג געטאָן ביי מיין אַפּעטיט, וואָס איס צו געבן, האָט ער מיר אונטערגעזאָגט: אויף איין פאָליצע ליגט א שטיקל ברויט, אויף דער פּסחדיקער פאָליצע שטייט דאָס סלאָיטשיקל מיט פעטס. באַשמיר זיך אַ פענעץ ברויט מיט א ביסל פּסחדיקן שמאַלץ, באַשפּרינקל מיט אַ ביסעלע זאַלץ, און דו וועסט זען, אַז ס'איז גוט און געשמאַק...

איך האָב אויף גיך דורכגעפירט דעם פּלאַן, און כּדי נישט המצריך צו מאַכן דעם סלאָיטשיק פעטס, האָב איך מיט א ריין שפּענדל, וואָס איז געלעגן ביים אויוון, אַרויסגענומען דאָס שמאַלץ און באַשמירט דאָס ברויט.

איך וואָלט דעם טעם פונעם שטיקל ברויט מיטן שמאַלץ קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן, ווען דאָס וואָלט מיר באַלד דעם זעלביקן טאָג נישט פאַרשטערט געוואָרן.

ווען די מאַמע איז אַריינגעקומען פון שול, האָט זי זיך גלייך גע־כאַפּט, אַז עפּעס איז נישט גלאַט אויף דער פּסחדיקער פאָליצע. פון דעם ערשטן בליק האָט זי זיך אַ פּאַטש געטאָן:

„א בראָך איז מיר, מייז זענען געווען ביים פּסחדיקן שמאַלץ"...

ווען זי האָט דערזען דאָס צערודערטע שטיקל לייוונט איבערן סלאָי און דאָס צעגראַבלעטע פעטס אינעווייניק, איז שוין ביי איר מער קיין פראַגע נישט געווען, וואָס דאָ איז געשען.

אין אָוונט איז די מאַמע געגאַנגען צום רב מיט א שאלה. דער רב האָט געפּסקנט אַראָפּצונעמען מיט אַ פּסחדיקן לעפל דאָס צעגראַבלטע פון דעם פעטס און אַרויסוואַרפן. דאָס איבעריקע וועט דאַן בלייבן כּשר און גוט...

מיט א שווער געמיט האָט די מאַמע גענומען דעם סלאָיטשיק אין האַנט, און ווי זי האָט געזשאַלעוועט דאָס ביסל פעטס, איז זי דאָך אַריין טיף מיטן לעפל אַראָפּצוגעמען דאָס פון די מייז געפרעסענע פעטס און אָפּרייניקן דעם סלאָיטשיק...

איך האָב פארשטשעמעט די ציינדלעך, געקוקט אין צעבער, וויה'ן! די מאַמע האָט אָפּגעשאָקלט דעם לעפל פונעם פעטס און געטראַכט, אַז דאָס קיעלע וויים נעבעך גאָרנישט, פאַרוואָס עס וועט עסן א המצדיקע וועטשערע, פארפרעגלט מיט פסחדיקן שמאלץ.

מאיר־דרייער און מאַטקע־קאַלעקאַטקע

(אַ פּורים־מעשהלע)

שוין וואָכן פאַר פּורים פלעגן מיר, די אָרעמע קינדערלעך, נעמען טראַכטן ווי צו שאַפן „געווער" צו שלאָגן המנען ביים לייענען די מגילה. אָבער ביז ס'איז געקומען צו המנען און זיינע בנים, האָבן מיר אויך געהאַט צו פירן אַ קאַמף מיט די עלטערע רייכע בנים פונעם שטעטל.

מיר, די אָרעמע שניידער־ און שוסטער־ יינגלעך אין ליפּסק, זע־נען טאַקע געווען אַ סך, און רייכע — בלויז עטלעכע, אָבער זיי האָבן געהאַט צו הילף דעם רבין אין חדר, דעם שמש אין שול.

די הויפּט־מלחמה איז אונדז שטענדיק אויסגעקומען צו פירן מיט מ א י ר־ד ר יי ע ר און מ אַ ט ק ע־ק אַ ל ע ק אַ ט ק ע, צוויי פון די רייכע זינדלעך.

מאיר און מאַטקע האָבן געהאַט אַלערליי „געווער" אויף פּורים. נישט נאָר אַ דרייער און אַ קאַלעקאַטקע, זיי האָבן אויך געהאַט קלאַ־פּערס, און ביקסלעך, און שרייערס, און טרובעס. נאָר ווייזט אויס, צו־ליב דעם, וואָס עס האָט זיך געגראַמט אַזוי גוט מיט זייערע נעמען, האָט מען זיי גערופן: מאיר־דרייער און מאַטקע־קאַלעקאַטקע.

מאיר און מאַטקע זענען געווען גרויסע באַרימער און זיי פלעגן זיך וועלן אַרויסשטעלן פאַר אַלע קינדער אין חדר ווי יחסנים, פלעגן זיי טראָגן דאָס ביקסל אויף אַ לעדערנעם פּאַסיק אויפן אַקסל, די קלאַפּערס אין קעשענע און דעם גרעגער אָדער קאַלעקאַטקע אין האַנט. זיי האָבן שטענדיק געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך צוהערן צו זיי און באַוואונדערן זיי־ערע „גאָלדענע" קנעפּלעך און צוגעבן, אַז זיי האָבן די בעסטע קלאַפּער־געציייג.

ווען מיר האָבן געוואגט זיך אַמאָל ארויסצוכאַפּן מיט אַ וואָרט און זיי פרעגן: אָבער ווער קען בעסער לערנען? זאָגן אויף אויסנווייניק די נעמען פון המנס בנים? מער האָט מען שוין נישט באַדאַרפט. זיי פלעגן דאַן אויסנוצן די המן־קלאַפּערס צו קלאַפּן אונדז, און דערביי גלייך נעמען שרייען: רבי! און דער רבי פלעגט אונדז נעמען פּאַטשן אויף ביידע זייטן...

דעם פורים האָט אונדז אָבער שטאַרק געוואָגעט, מיר זאָלן נישט בלייבן הינטערשטעליק אין דער פורים־נאַכט, המן זאָל נישט ארויס מיט גאַנצע ביינער... מיר האָבן זיך געסטאַרעט, אז אונדזער קלאַפּערגעצייג זאָל זיך נאָך בעסער הערן ווי פון מאיר־דרייער און מאָטקע־קאַ־לעקאָטקע.

מיר האָבן אליין אויסגעאַרבעט גרעגערס מיט ציינגלעך פון דעמ־בענע האָלץ, געמאַכט זיך קאַלעקאָטקעס און אריינגעשאָטן טרוקענע אַרבעס אין דעם, עס זאָל שטאַרקער קלאַפּן. מיר האָבן אויך געמאַכט פייפלעך פון פוסטע שטעקלעך און אַפילו פּראַלניק־קלאַפּערס.

מיר, די אָרעמע יינגלעך, האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו ברענגען אין חדר דאָס קלאַפּערגעצייג. עס קאָן דער רבי דאָס נאָך צונעמען ביי אונדז. און אויב די רייכע יינגלעך ווילן זיך דערוויסן, קאָנען זיי פאָרן אין גרויס־שטאָט און קויפן זיך עפּעס אַזאַ המן־קלאַפּער, וואָס וועט אונדז פּרימשמיעלען, און מיר זאָלן ווידער דאַרפן טראַכטן פון מאַכן עפּעס בעסערס...

האָבן מיר געשוויגן, זיך אַלע געהאַלטן צוזאַמען און אָפּט געליטן פון מאיר־דרייער און מאָטקע־קאַלעקאָטקע.

מאיר־דרייער און מאָטקע־קאַלעקאָטקע האָבן שוין אַ לאַנגע צייט פאַר פורים געהאַט מיט זיך אין חדר זייער קלאַפּערגעצייג. ווען דער רבי פלעגט זיי אויפמערקזאַם מאַכן, אז מ'טאָר נישט פאַרוים, ס'הייסט פאַר דער מגילה, נוצן די אַלע שיסערס, פלעגן זיי זיך צעלאַכן, אַרונ־טערקריכן אונטערן טיש און זיך רייצן מיט אונדז. זיי האָבן געדרייט, געקלאַפּט און געשאָסן, דערביי אונדז נאָך געוויזן אַ פייג, וואָס האָט געדאַרפט מיינען, אַז אונדזערע המן־טאַשן זענען ליידיקע — אָנשטאָט צו זיין מיט מאָן און האָניק, זענען זיי אָנגעפּילט מיט אַ פייג...

אַ צייט פאַר פורים איז שוין אוממעגלעך געווען צו לערנען, און צו הערן אַ וואָרט אַפילו פון רבין, וואָס ער האָט צו זאָגן.

דאַך פֿלעגט דער רבי באַשיצן די רייכע יינגלעך. אַלע אויפֿדערנאַכט פֿלעגט ער צונעמען ביי זיי די שיסערס, די גרעגערס, די קאַלעקאַטקעס און פֿאַרבאַהאַלטן ביי זיך אין שאַפֿע מיט די ספרים, כדי די אָרעמע יינגלעך, וועלכע זענען געווען בייז אויף די רייכע בנים — זאָלן דאָס פֿון זיי נישט צונעמען.

דערפֿאַר האָבן מיר אַלע אָרעמע יינגלעך אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז דער וואָס וועט בלייבן ערב פּורים אין חדר אויסצוקערן די שטוב, אַרומוואַשן די טישן און אַריינטראָגן האָלץ, זאָל זיך צוכאַפּן צו דער שאַפֿע און אַוועקנעמען דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג פֿון די רייכע יינגלעך און פֿאַרבאַהאַלטן דאָס ביז נאָך פּורים.

בלייבן אין חדר פֿלעגן אַלע מאָל די, וועלכע האָבן זיך שווער פֿאַרזינדיקט דורכן טאָג, און — פֿאַרזינדיקט האָבן זיך שטענדיק די אָרעמע יינגלעך. איז דאָס מאָל פֿאַרבליבן אין חדר שעפּסל משה אהרנס, דעם שניידערס, צו אַריינטראָגן האָלץ און אויסקערן דעם חדר.

שעפּסל האָט שוין אין שאַפֿע געפֿונען די אַלע גרעגערס, קאַלעקאַטקעס און ביקסלעך. אויף גיך האָט ער פֿון די גרעגערס אַרויסגענומען די צינגלעך. פֿון די קאַלעקאַטקעס אַרויסגעשאָטן די אַרבעס, און פֿון די ביקסלעך אַרויסגעצויגן די פּולווער־סטענגעס און אָפּגעטונקען אין וואַסער.

ווען דער רבי איז געגאַנגען צו דער מגילה אין שול אַריין, האָט ער מיטגענומען דאָס קלאַפּערגעצייג פֿאַר די רייכע יינגלעך. ער האָט זיי דאָס אין שול אַלעמען אויסגעטיילט.

און נאָך איידער ס'איז געקומען צו קלאַפּן המנען, האָט מאיר־דרייער און מאָטקע־קאַלעקאַטקע נישט אַנדערש געוואָלט, אַז די אָרעמע יינגלעך זאָלן שטיין הינטערן באַלעמער און זיי אויף דער בימה, ווי מ'לייענט די מגילה...

דאַן האָבן זיך פֿאַראייניקטערהייט אַלע אָרעמע יינגלעך צעלאָזן מיט די קלאַפּערס, גרעגערס, קאַלעקאַטקעס, גענומען שטורעמען, אַזש די ווענט האָבן געציטערט. מיר האָבן זיך נישט געפֿילט מער קיין דער־שראָקענע און פֿאַרשעמטע — מיר זענען געשטאַנען צוזאַמען!...

מאיר־דרייער און מאָטקע־קאַלעקאַטקע האָבן זיך אַ כאַפּ־געטאָן צו זייערע קלאַפּערס, זיי האָבן גענומען דרייען די גרעגערס. די גרעגערס

זענען אָבער געווען טויב ווי די וואנט... האָבן זיי זיך גענומען צו די קאַלעקאָטקעס, זענען די קאַלעקאָטקעס שטום געווען ווי די פיש... האָבן זיי זיך געכאַפּט צו די ביקסלעך, האָבן די ביקסלעך געשוויגן... — ווי.. המן אויף דער תליה...

נאָך דעם פּורים, ווען עמעצער פון די קינדער האָט געסטראַשעט אַ צווייטן, פלעגט ער זאָגן: איך האָב פאַר דיר אַזוי מורא, ווי פאַר מאיר־דרייער און מאָטקע־קאַלעקאָטקע...

אַ ניכטערער פּורים...

דאַכט זיך אַלע זאָגן, אַז פּורים איז נישט קיין יום־טוב, דאָך האָט מען זיך געגרייט צו פּורים, ווי דאָס וואָלט זיין אַ גרויסער יום־טוב.

אָרעם און רייך האָבן אַרויסגעקוקט אויף דעם טאָג, ווען טרינקען איז אַ מצווה. ספּעציעל דאָס יונגוואַרג האָט אַרויסגעקוקט אויף פּורים, ווען מען קאָן טרייבן אַזוי פיל שפּאַס פראַנק און פריי.

די רייכע האָבן געבאַקן און צוגעגרייט פאַר דער פּורים־סעודה די פיינע חלות, באַבקעס און די הויפּט־זאַך — די המן־טאַשן. דערצו האָט מען שוין וואָכן פאַרויס פאַרגאָסן אין אַ גרויסן גאָנשאַר בראָנפן אויף פלוימען, קאַרשן און קריטשעבצער.

אויך די אָרעמעלייט האָבן געבאַקן המן־טאַשן. אמת, טאַקע קליי־ נינקע און אָפט אָן מאָן, אָבער פאַרט מיט דריי שפּיצן, לזכר המנען, און זיך אויך באַזאָרגט, אויב ס'איז געווען די פּאָר גראָשן, מיט אַ פלעשעלע ספּירט לכבוד פּורים.

דאָס יונגוואַרג האָט גאָר געקוואָלן פון פּורים און אַלץ וואָס מיטן פּורים איז פאַרבונדן. די גרעגערס, די קאַלעקאָטקעס, די פּאַטשערס און פייפערס האָבן דאָך געקאָנט מתים אויפוועקן. און ווער קאָן דאָס פאַר־ געסן די נאַשערייען, דאָס טראָגן שלח־מנות פון פריינד צו פריינד, און די פרייד מיט המנס מפּלה. ווער פון די קינדער האָט דאָס נישט געקענט זינגען: מרדכי היהודי רייט אויפן פערד, און המן־הגנב ליגט אין דער ערד...

נאָר די גרעסטע פרייד פון פּורים האָט מען געקאָנט זען אויף די פּנימער פון אַלטער חייקלס און שעפּסל דעם שניידער־יינגל.

אַלטער און שעפּסל זענען געווען צוויי „פּאַכאָלקעס", שניידער־ יינגלעך, ביי דעם רייכן אַנטשלען, דעם שניט־קרעמער און אָפּיצערסקן שניידער.

אלטער איז געווען דער עלטערער און שעפּסל דער ייִנגערער. גוטע אַפּעטיטן האָבן זיי, אָן אַ בייז־אויג, ביידע געהאַט. און אַנטשל, ווי רייך יִיר איז געווען אַזוי קאַרג איז ער געווען און געזשאַלעוועט עסן, נאָר נישט פאַר זיך.

פאַר זיך פלעגט אַנטשל פאַר אַלע יום־טובים צוגרייטן די אמתע גוטע זאכן וואָכן פאָרוים.

אַזוי האָט אנטשל צוגעגרייט אויף פּורים פאַר זיך און די באַלע־באַטים צו דער פּורים־סעודה א פיינעם גאָנשאַר מיט שנאַפּס־פאַרגאָ־סענע פּרוכטן אין קעלער, וווּ דער געשמאַקער שטאַרקער ריח האָט גע־ריסן די נאָז.

ווי אַזוי אלטער און שעפּסל האָבן זיך דערוווּסט און דערשמעקט דעם ריח, איז טאַקע אַ מעשה פאַר זיך, און די מעשה איז אַזוי געווען:

אלטער האָט ארונטערגעשיקט שעפּסלען אין קעלער אַרויפצונעמען אַ קוואָרט מיט גאַזע (קעראָסין) פון דער קאַן, וואָס איז דאָרט געשטאַ־נען, נאָר אַז שעפּסל האָט נישט געקענט אויפדרייען די שפּונטע, איז אויך אלטער אראָפּ אין קעלער.

ווען אלטער האָט געוואָרפן זיין אויג אויפן גאָנשאַר, האָט ער שוין פאַרגעסן אין דער גאַזע. ער האָט אָן עפּן געטאָן דעם פּראָפּן פון גאָנשאַר און גלייך האָט זיך דער סוד אַרויסגעשלאָגן אויפן קעלער... פון דאַן אָן האָט שוין אלטער באַשלאָסן, אַז אויב דער באַלעבאָס גיט נישט געגנוג צום עסן, זאָל מען כאָטש טרינקען... און עס איז געוואָרן לחיים. אַזוי האָט שוין אלטער נישט נאָר אַליין געטרונקען, נאָר פלעגט אויך אַלע שבת־צונאַכטס ווען דער באַלעבאָס פלעגט אַוועקגיין צו אַ קאָרטן־שפּיל, אייגלאַדן נאָך עטלעכע געזעלן אין קעלער און מ'האָט גע־מאַכט הבדלה מיט פולע גלעזלעך...

וואָס מער מ'האָט געטרונקען אַלץ מער האָבן די פּרוכטן געקוואָלן אין גאָנשאַר און געשפּאַרט זיך אין דער הייך...

נאָר פּונקט ווי אלטער האָט ליב געקראָגן צו גיין אַלע טאָג אין קע־לער זיך זען מיטן גאָנשאַר, אַזוי האָט שעפּסל ליב געהאַט אַנטשלס שיינע טאָכטער, מירעלע. מירעלע האָט אויך ליב געקראָגן שעפּסלען, נאָר אָך און ווי וואָלט צו ביידן געווען, ווען די אַנטשלס וואָלטן זיך דערוווּסט דערפון.

דערפאַר האָבן זיי אויסגעקוקט די אויגן אויפן פּורים.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך געגרייט מיט אַ פּורים־שפּיל לכּבוד פּורים. שעפּסל האָט געשפּילט מרדכי און מרים — אסתּר, דאָ האָט דער פעטער מרדכי, מיט דער פלימעניצע, פאַרשטייט זיך, גענומען זיך קושן, און מ׳האָט זיך געקושט פאַר המנס מפּלה...

אַז פּורים איז אונטערגעקומען, האָט מען ביי די אַנטשלס אין הויז גענומען זיך גרייטן צו דער פּורים־סעודה, ווו אַ סך פּני זענען געלאַדן געוואָרן. די טישן זענען געווען גרייט, נאָר ווען די באַלעבאָסטע האָט געהייסן אַרויפנעמען דעם גאָנשאַר מיטן בראָנפן אין קיך אריין און מ׳האָט פּרובירט אָנפילן די קאַראַפינקעס מיט דעם גוטן פּרוכט־פאַרגאָסענעם שנאַפּס, זענען אַלע שטיין געבליבן מיט פראַגע־צייכנס אין די אויגן. דער גאָנשאַר איז געווען מיט געשוואָלענע פ ל ו י מ ע ן און ק אַ ר ש ן, נאָר אָן אַ טראָפּן בראָנפן...

אַ שכנה האָט זיי „אויפגעקלערט“, אַז דאָס האָבן די פלוימען זיך „אָנגעטרונקען“ מיט דעם שנאַפּס, דערפאַר זענען זיי אַזוי גרויס געוואָרן ביי זיך...

אָט אַזוי האָט מען געפראַוועט די פּורים־סעודה און אַלע געסט האָבן געהאַט אַ פאַרשטערטן פּורים — אַוועק ניכטער אַהיים...

דערפאַר האָבן זיך גאָר בגילופנדיק געפּילט שעפּסל און מרים, זיי האָבן אין דער גרויסער סטאָדאָלע געשפּילט די פּורים־שפּיל. שעפּסל איז געווען פאַרקליידט מיט באָרד און פּיאות אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, ווי דער ריכטיקער מרדכי, און מרים, אויסגעשמירט אין עסיק און האָניק, מיט אַ פאַרדעקט פּנים — פאַר אסתּרן, זי האָט פאַר אַלעמענס אויגן, אין קעגנוואַרט פון טאַטע־מאַמע, זיך געקושט און געהאַלדזט מיט איר „פעטער מרדכי“.

אנטשל און זיין פרוי האָבן געקוואָלן פון דער שפּיל און זיך געטרייסט: די סעודה איז אונדז פאַרשטערט געוואָרן, אָבער הייגט האָבן מיר די אמתע פּורים־שפּיל, אַ געזונט זיי אין די ביינער!...

האָפּ, מײַנע המן־טאַשן...

פּורים איז פֿאַר אונדז געווען אַ ליבער יום=טוב. ערשטנס, טאַקע די פֿרייד פֿון המנס סוף, און צווייטנס: די גוטע זאַכן, וואָס מ׳קריגט צום נאַשן. אמת טאַקע, אַז פֿאַר די אָרעמע ייִנגלעך איז נישט אַלץ אַזוי געווען יום=טובדיק: אַלע האָבן געגעסן המן=טאַשן, ביי אונדז אָבער פֿלעגט מען דאָס רופֿן אָן=מאָן=טאַשן — ווייל קיין מאָן איז אינעווייניק נישט געווען. פֿלעגט מען אַריינלייגן אין דעם טייג — אַ פֿייג... דאָס האָט געהייסן אַ פֿייג המנען... האָבן מיר געהאַט — אַ פֿייג צו עסן...

פֿאַר פּורים פֿלעגט מען ביי אונדז פֿאַרקויפֿן צוקערקעס, „טשאַסטעס“, לאַנדערינקעס, ניסלעך, מאַנדלעך, יאַדרעס. דערצו פֿלעגט מען אָפּקאָכן גרויסע באָב. דאָס פֿלעגט אַלץ צוגעגרייט ווערן אויף שלח=מנות.

מיר, די אָרעמע ייִנגלעך, פֿלעגן אויף פּורים אָננעמען אַרבעט צו פֿאַרדינען אַ פּאָר גראָשן צו האָבן מיט וואָס צו קויפֿן יאַדרעס און צוקערקעס. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין צעריבן דעם מאָן פֿאַר די רייכע באַלעבאָסטעס.

מיר פֿלעגן אויך פֿאַרדינען אַ פּאָר גראָשן פֿון טראָגן דעם שלח=מנות. אָבער מיט דעם געלט איז שוין געווען צו שפּעט צו קויפֿן עפּעס אויף פּורים פֿאַר אונדזערע אייגענע שלח=מנותן...

די אַרבעט פֿון רייבן מאָן איז געווען אַ גאַנץ שווערע. אַ לאַנגע צייט פֿלעגן מיר דאַרפֿן דרייען מיטן הילצערנעם וואַלעק אין דעם מאַקעטערטשיק — אַזאַ ליימענער טאָפּ, נישט קיין געגלייזטער, נאָר פֿאַרקערט — שאָרסטקע אינעווייניק ווי אַ ריבאייזן.

אָבער חוץ דעם גראָשן, אָדער קאָפּיקע, האָבן מיר טאַקע ליב געהאַט די אַרבעט, ליב ווי איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן. ווייל אויב מיר האָבן נישט געהאַט אַלע מאָל קיין מאָן אין די המן=טאַשן, האָבן מיר אָבער דערפֿאַר געכאַפּט אַלע ווייל אַ נאַש, אַ הויפֿן מאָן פֿון מאַקעטערטשיק... אויך אַ גרויסע נקמה איז פֿאַר אונדז געווען, וואָס די רייכע קינדער, וועלכע

פלעגן א גאַנץ יאָר נישט וועלן אַפילו רעדן צו אונדז, צו קוקן אין אונ־דזער זייט, האָבן דאָ געמוזט אָנקומען צו אונדז, מיר זאָלן זיי לאָזן א גאַש טאָן דעם מאָן פונעם טאַפּ...

דער מאָן, ווען ער איז שוין געווען צעריבן מיטן האָניק צוזאַמען, האָט טאַקע געהאַט אין זיך אַלע טעמען. וואָס מער מ׳האָט דעם מאָן געריבן, אַלץ זאַפטיקער און זיסער איז ער געוואָרן...

אַזוי פלעג איך אַלע וויל כאַפּן א לעק, כדי צו פילן דעם טעם, צי מ׳דאַרף נאָך רייבן דעם מאָן, צי ס׳איז שוין גענוג...

איינמאָל, ווען איך האָב אַזוי שווער געאַרבעט פאַר דער מאַדאַם בורשטין, איז אַריינגעקומען איר צעלאָזן אייניקל, יאַנקעלע, און בעט ביי מיר א ביסל מאָן צו פאַרזוכן. פון דעם בין איך שוין געווען גאָר צו־פרידן. אויף דעם חשבון האָב איך שוין אויך געהאַלטן אין איין פאַרזוכן, ביז — די באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען, אַ קוק געטאָן אין טעפּל און פאַרבראָכן אירע פּוכקע הענט: „ווייי צו מיר, ווו איז אויסגערונען דער מאָן? עס וועט דאָך נישט זיין מיט וואָס די המן־טאַשן צו באַקן!“

איך האָב אַרונטערגעלאָזט די אויגן און פאַרשעמטערהייט אַ בור־טשע געטאָן אונטער דער נאָז: א ביסל האָט גענומען יאַנקעלע און ווייטער, האָב איך אַזוי לאַנג געריבן און געריבן, ביז דער מאָן איז צעריבן געוואָרן אונטער די הענט...

די מאַדאַם בורשטין האָט צוגעשאָטן נאָך מאָן און צוגעגאָסן נאָך האָניק. זי האָט מיר שוין אָבער געקוקט אין מויל אַריין...

צום סוף האָט זי מיר באַצאָלט פאַרביידע מאָל רייבן דעם מאָן — נישט מער ווי איין קאָפּיקע, דערצו האָב איך נאָך געדאַרפט העלפן דעם דינסטמיידל סאָשע אַוועקצוטראָגן די בלעכן המן־טאַשן צו חיים דעם בייגל־בעקער, וועלכער פלעגט אויף שבת און יום־טוב מאַכן דעם אויוון צו באַקן די היימישע חלה — אָדער שטעלן דעם טשאָלנט.

אויפן וועג איז מיר איינגעפאַלן צו מאַכן אַ סימן פאַר זיך אויפן בלעך, כדי צו וויסן וועלכע המן־טאַשן זענען דער מאַדאַם בורשטינס...

צום זעלביקן בייגל־בעקער האָב איך אויך אַוועקגעטראָגן די המן־טאַשן, אָדער ווי מ׳האָט זיי גערופן „אָן־מאָן־טאַשן“, וואָס מיין מאַמע האָט צוגעגרייט אויף פּורים.

ווען מ׳האָט דאָס געדאַרפט אָפּנעמען, בין איך, פאַרשטייט זיך, גע־ווען פון די ערשטע. די אַלע געבעקסן זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט

אויפן לאַנגן וואָלגער=ברעט. יעדערער פלעגט שוין דערקענען זיינס לויטן בלעך. איך האָב דאָס מאָל דערקענט מיינס...

איך האָב אויף גיך אַריבערגעוואָרפן די גרויסע המן=טאַשן פון מאַדאַם בורשטיינס בלעך אין מיין בלעך אַריין, און מיינע דריי „אָן=מאָן=טאַשן“ — אַריבערגעוואָרפן אין דער מאַדאַמס בלעך...

אין אָוונט צו וועטשערע און אויף מאָרגן קומענדיק פון שול, האָט דער טאַטע געהאַלטן אין איין קוועטשן מיט די אַקסלען, נישט קאָנענ=דיק פאַרשטיין, ווי קומט דאָס אין די המן=טאַשן אייער, ראָזשינקעס און טאַקע אַזויפיל מאָן מיט האָניק?...

די מאַמע האָט זיך אויך געוווּנדערט, געהאַלטן אין איין קוקן און פאַרזוכן, און צום סוף זאָגט זי ווי צו זיך: „ווער ווייס? אויב גאָט האָט געקאָנט המנען אַרויפציען אויף דער תליה, טאָ פאַרוואָס זאָל ער נישט קאָנען שיקן א מלאך אין אויוון און אַריינשפּאַרן מאָן און ראָזשינקעס און אייער אין די המן=טאַשן — צו=להכעיס המנען?...“

שוין איינמאָל אַ פּורים־שפּיל!...

וואָכן פאַר פּורים פּלעגן די באַלעבאָסטעס נעמען טראַכטן און זיך גרייטן וואָס מ'דאַרף האָבן אַלץ אויף פּורים. איינע פּלעגט אָנגרייטן אַ מאַקעטערטשיק, אַזאַ לייִמענעם טאָפּ, צו האָבן ווו די מאָן צו צערייבן. אויב מ'האָט דאָס נישט געקראָגן אויפן יאַריד, איז מען צוגעפאָרן אין אַ קליין שטעטל צו יאָסע דעם טעפּער, און זיך באַזאָרגט. אַ צווייטע פּלעגט טאַקע האָבן די זאָרג צו קריגן די מאָן פאַר פּורים, ווייל וואָס אַ טעם קאָנען דאָס האָבן המן־טאַשן אָן מאָן?

שמואל דער פעלדשער, וועלכער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, האָט באַטראַכט פּורים פאַרן וויכטיקסטן יום־טוב, און האָט אויסגעקוקט די אויגן אויפן טאָג פּורים. אַ גאַנץ יאָר, ווען ער האָט געמאַכט אַ „לחיים“, און נישט נאָר איינעם פאַר זיך, נאָר פאַרן גאַנצן שטעטל, האָט מען אים גערופן שמואלקע שיכור. אָבער פּורים האָט ער געטרונקען און נאָך פאַרדינט אַ מצווה דערפאַר... דערביי האָט ער נאָך געהאַט דעם כבוד צו פאַרדינען די מצווה צוזאַמען מיט די „שענסטע באַלעבאַטים“ פון שטעטל. מער פון אַלעמען האָט אָבער הירשקע דער רויטער, דער מלמד אין שטעטל, געטראַכט און געגרייט זיך פאַרן פּורים.

הירשקע, צוזאַמען מיט עטלעכע באַלעבאַטישע בחורים און ייִנגלעך, האָבן באַשלאָסן אויפצופירן אַ „פּורים־שפּיל“ אין שטעטל — אָבער טאַקע עפּעס אַזוינס וואָס אונדזערע זיידעס און באָבעס האָבן נאָך נישט געזען...

געהערט האָבן מיר רעדן וועגן דעם אין חדר, אָבער וואָס איז אַזוינס אַ „פּורים־שפּיל“ האָבן מיר נישט געוווסט. די מאַמע האָט מיר פּרובירט פאַרטייטשן, אַז דאָס מוז געווים זיין עפּעס אַ רייכער מאכל, וואָס איז ווי המן־טאַשן, נאָר אָנגעפּילט מיט מאַרצעפּאַנעם אָנשטאָט מיט מאָן.

די באָבע האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: די גאַנצע „פּורים־שפּיל“ מוז זיין עפּעס אַ נייער גרעגער אָדער שיסער פאַר פּורים, צו שלאָגן המנען.

דערפאַר האָבן מיר, אַ גרופּע פון די עטלעכע יינגלעך אין די יאָרן, צווישן צוועלף און פערצן, זיך געפּילט גליקלעך, וואָס דער רבי, הירשקע דער רויטער, האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז נישט נאָר מיר וועלן קאָנען ביי־זיין די פּראָבן, נאָר מיר וועלן זיך אויך דאַרפן באַטייליקן אין דער שפּיל.

ביי דער ערשטער פּראָבע, וואָס הירשקע האָט אָנגעפירט, איינגע־טיילט די ראָלן אין ווערטער, האָבן מיר שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס באַדייט אַ פּורים־שפּיל.

הירשקע האָט באַשטימט, אַז לייזער וועט שפּילן אחשוורושן; מאָט־קע וועט זיין ושתי; ער, הירשקע אַליין, וועט שפּילן המן; יאָסל וועט שפּילן מרדכי; און אַלטער וועט שפּילן אסתר. אַזוי זענען צעטיילט גע־וואָרן אַלע ראָלן, אַפילו אַ ויזתא איז שוין געווען פאַרן פּורים־שפּיל — דער קליינער בערל.

מיר, די חדר־יינגלעך, האָבן זיך אַ ביסל איבערגעקוקט און געוווּנ־דערט, ווי אַזוי וועט אַלטער מיט די שפּיציקע וואָנצעלעך קאָנען שפּילן די שיינע אסתר? מילא ושתי, האָבן מיר געוווּסט פון דער מגילה, האָט אַן עק אויפן שטערן; אָבער אסתר, די שיינקייט אליין — מיט וואָנצעס?

ווען מיר האָבן דאָס געפרעגט ביי אונדזער רבי הירשקע, האָט ער אונדז דאָס אַזוי פאַרטייטשט: פּורים דאַרפן יידן זיין אַזוי פאַרשנאָש־קעט, אַז זיי זאָלן נישט וויסן פון ארור המן ביז ברוך מרדכי. נו, וועלן זיי גיין קוקן צי אסתר האָט וואָנצעס?

צו דער צווייטער פּראָבע האָבן מיר שוין אויך געקראָגן אונדזערע „ראָלן“. מיר, אַ גרופּע פון זעקס יינגלעך, זענען פון הירשקען באַשטימט געוואָרן צו זיין דער כאָר. אונדזער פראַזע איז באַשטאַנען פון איין וואָרט: „טראַלאַלאַ“...

אָט גיט ושתי אַ זינג אַרויס: „ווי לאַנג איז ער געווען אַ שטאַל־מייסטער ביי מיין זיידן, איצט אַז ער איז קעניג וויים ער נישט וואָס צו ריידן“?!

דער כאָר איז געווען אויף דער וואַך און אונטערגעבראָמט: „טראַ־לאַלאַ, טראַלאַלאַ“.

דערנאָך ברענגט דער וועכטער די נייעס צום קעניג אחשוורוש, און ער זינגט אַרויס: „דיינע רייד האָט זי נישט געהערט, דיין באַגער

האָט זי געטאָן פאַרקערט, אַ שטאַלמייסטער האָט זי אויף דיר געזאָגט,
און מיט כעס האָט זי אונדז אַרויסגעיאָגט".

ווידער זענען מיר אַריינגעפאַלן מיט אונדזערע „טראַלאַלאַ, טראַ־לאַלאַ, טראַלאַלאַלאַ".

און אָט פירט המן מרדכין אויפן פערד (אויף א „סטאָלקי", וואָס מען זעגט האָלץ אויף דעם, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן לייוונט). דאָס פאָלק פון פרס גייט נאָך און זינגט: „מרדכי היהודי רייט אויפן פערד, און המן דער רשע ליגט אין דר'ערד"...

אויך דאָ האָבן מיר געהאָלפן מיט אונדזער „טראַלאַלאַ" אָפּלאַכן פון המנס מפּלה...

מיט יעדן טאָג איז די שפּיל געוואָרן מער געשפּאַנט. מיידלעך פלעגן זיך שוין אונטערגנבענען אין חדר ביים פענצטער צו כאַפּן א קוק. אויפן שול־הויף האָט מען שוין אַפילו געשמועסט, צי מ'זאָל אינגאַנצן לאָזן די שפּיל דורכפירן?

הירשקען האָט אָבער ווייניק וואָס געאַרט די רייד אויפן שול־הויף. ער האָט געוווסט, אַז אַזוי לאַנג ווי די רייכע בחורים און דעם רבס זון זענען אין דער שפּיל, וועט שוין די „פורים־שפּיל" דורכגיין און מיט דערפאָלג. איין פראַגע איז נאָך געווען פאַר אים: ווי אַזוי קריגט מען די נויטיקע קליידער? די מאַסקעס האָט ער שוין אַליין געמאַכט.

ביי די לעצטע פּראָבן איז הירשקע אַרומגעגאַנגען ווי פאַרצווייפלט און ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר זיינע קאָלעגן, אחשוורוש, המן, מרדכי, ושתי און אסתרן, אַז עס פעלט אים נאָך צום שפּיל א פּאָר ביסטרע וואָנצעס פאַר המנען, אויך דאַרף ער דעם נויטיקן מונדיר מיט די גאָל־דענע עפּאָלעטן און קנעפּ. נאָך די הויפּט־זאַך: מרדכי איז נאָך אָן אַ באָרד...

אויף מאָרגן האָט אהרן משה־קאַפּלס געבראַכט פון זיין טאַטן דעם שוסטער אַ פּעקל חזיר־האָר אויף וואָנצעס פאַר המנען; וועלוול חנה־שרהס האָט געבראַכט זיין מאַמעס פאַרוק צו מאַכן א באָרד פאַר מרדכין, און אַלטער, חייקל דעם שניידערס, האָט אַרויסגעלקחנט פון שטוב דעם מונדיר, וואָס דער סטראַזשניק האָט געבראַכט צו פאַרריכטן, און דער מונדיר איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר המנען, פאַרטיק מיט קנעפּ און עפּאָלעטן...

דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם, אַלע האָבן זיך גע־גרייט צו זען די שפּיל. נאָך פאַראינטערעסירט האָט מען דאָס קליינוואַרג,

וועלכע האָבן זיך דערוווּסט, אַז מרדכי רייט אויף אַ פערד און אלטער — ווערט פאַר פּורים אַ מיידל. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דער סטראַזש־ניק האָט זיך דערוווּסט פון דעם „ספּעקטאַקל“ און באַשלאָסן צו קומען זען, אויב אַלץ איז אין אָרדענונג...

פּורים איז דאָס שטעטל געלאָפן צו דער שאַפע, ווו די שפּיל האָט געדאַרפט פאָרקומען. דאָס איז געווען אַזאַ פאַרלאָזענער באַראַק, ווו סאָלדאַטן זענען איינגעשטאַנען. געקומען זענען נישט נאָר יידן, נאָר אויך אַ סך קריסטלעכע קינדער.

ביים טויער האָט מען געשמועסט, וואָס פאַר אַן אומגליק ס'האָט געטראָפן הייקל דעם שניידער, מ'האָט ביי אים צוגעגנבעט אַ מונדיר פון הויז אַרויס, און ער וועט זיך איצטער נישט קאָנען אָפּצאָלן פאַר דעם... אינמיטן דעם גערודער דערוווּסט מען זיך, אַז חנה־שרה קאָן נישט קומען צום פּורים שפּיל, ווייל זי קאָן נישט געפינען דעם פּאַרוק... דאָ פּאַלט אַריין משה־קאַפּל דער שוסטער: „אַ בייזער פּורים אויף אונדז, ביי מיר האָט מען צוגענומען פון אונטער דער האַנט אַ גאַנץ פּעקל חזיר־האָר...“

ווען הירשקע איז צוגעקומען מיט דעם קאָרב זאכן, האָבן מיר פאַרגעסן פון אַלץ אין דער וועלט און אַריינגעלאָפן זיך צוגרייטן פאַר דער שפּיל.

הירשקע האָט אַריינגערופן דעם סטראַזשניק צו זיך און די ערשטע זאַך אים דערלאַנגט אַ „מאָנאָפּאָלקע“. מיט איין קלאַפּ אויף דער האַנט, האָט ער דאָס געעפנט און אויסגעטרונקען. הירשקע האָט אים געבעטן זיצן ביים אַריינגאַנג און אכטונג געבן. ער האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט אין זיין אלטן שינעל, וואָס ער האָט געטראָגן, ווי אַן אָרעמאַן ביי דער טיר...

דער עולם האָט זיך צעזעצט אויף טיש און בענק. אַלע האָבן גע־קוקט אין איין ריכטונג.

מיטאמאָל האָט זיך דערהערט ווי אַ בת־קול: „ויהי בימי אחשוורוש“, און די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן.

אַלץ איז געגאַנגען ווויל און פיין. דער עולם איז געווען פאַרכאַפּט פון דעם רעדן אין גראַמען, פון דעם זינגען, און דער „טראַלאַלאַ“ פון דעם כאָר איז ביי אונדז געווען די הויפּטזאַך. עס האָט זיך צעטראָגן איבער דער שאַפע, ווי מלאכים וואָלטן אַרומגעפלויגן מיטן „טראַלאַלאַ“ און דאָס צעטראָגן אין אַלע ווינקעלעך...

מיטאמאָל קומט דער שמאָלצער מרדכי היהודי, ער גיט זיך אַ גלעט זיין גרויסע באָרד, און — באַלד לעבן אים גייט פאַרביי המן, ער גיט אַ פאַרדריי די וואָנצעס און באַפעלט מרדכין זיך צו בוקן פאַר אים. נאָר ווען מרדכי צעלאַכט זיך מיט שפּאָט און אַנטזאָגט זיך צו בוקן, גיט המן ווידער א דריי זיינע בייזע שפּיציקע וואָנצעס, און ווייזט אָן אויף זיינע עפּאָלעטן, אויסרופנדיק: ווייסטו, יהודי, ווער איך בין?...

דאָ דערלאַנגט א געשריי משה־קאָפּל דער שוסטער: דו ביסט המנקע גנב און שמעק מיר גלייך אָפּ דיינע חזירישע וואָנצעס פון מיינע חזיר־האָר...

חנה־שרה, וועלכע איז אַריינגעקומען פאַרדעקט דעם קאָפּ מיט אַ פאַטשיילע, נישט האָבנדיק דעם פּאַרוק, האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל. אין דעם טומל האָט זי אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און אויסגע־שריען צום מאַן: שמואלקע, זע נאָר, יאָסעלע גנב האָט אָנגעטאָן מיין פּאַרוק אויף דער מאָרדע, ס'איז געוואָרן א באָרד ביי אים, ווי איז מיר!...

אַז ס'איז געוואָרן אַ טומל, האָט וואָיטעק דער סטראַזשניק זיך אויפגעכאַפּט און רייבנדיק זיך די אויגן, האָט ער דערזען המנען אין אַ מונדיר מיט עפּאָלעטן מיט גאָלדענע קנעפּ און ער האָט זיך צעשריען: וויפל סטראַזשניקעס האָט איר דאָס דאָ?!...

באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז זיין מונדיר און ער האָט זיך א לאָז געטאָן צו די פּורים־שפּילער...

אָבער נישט געזאָרגט, די גאַנצע שפּיל האָט זיך פאַרענדיקט ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר אַ פּורים־שפּיל... דער סטראַזשניק האָט געקראָגן נאָך אַ „מאַנאַפּאָלקע" צוזאַמען מיט זיין מונדיר, מיט די גאָלדענע קנעפּ און עפּאָלעטן. אהרן, וועלוול, אלטער, צוזאַמען מיט זיי נאָך עטלעכע יינגלעך, האָבן אַזוי געקראָגן אָנגעדרייט די אויערן, וואָס איך ווינטש נאָר אַלע לעבעדיקע המנס צו פילן דעם טעם...

הירשקע דער מלמד איז אָפּגעקומען בלויז מיט לייטיש געלעכ־טער... געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז ער איז אַ מלמד נישט קיין המן, אָבער אַ המן־מפּלה האָט ער געקראָגן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ המן־הרשע מיט אַ ויזתא צוזאַמענגענומען.

אַ גאַסט אויף פּסח...

באַלד ווי ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער רייכער מומע פון אַמעריקע, אַז זי קומט אויף פּסח צו באַזוכן די פאַמיליע אין דער אַלטער היים, אינעם קליינעם שטעטל ליפּסק, האָט דאָס גאַנצע שטעטל גענומען גיין כאָדראָם.

דער אמת איז, אַז איר איז חלילה נישט איינגעפאַלן צו פאָרן באַזוכן די גרויסע פאַמיליע, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט און שוין נישט געזען פאר גאַנצע פופצן יאָר, נאָר ווען זי האָט באַשלאָסן צו פאָרן, צוליב איר געזונט, קיין דרוסקעניק, ווו עס געפינט זיך אַ פיינע דאַטשע און קוראָרט, האָט זי זיך אויך דערמאָנט ווו איר ווינגעלע איז געשטאַנען...

„די רייכע מומע" ראָוז סטאַר, וואָס אין דער אַלטער היים האָט זי געהייסן רייזל סטאַראָזענסקי האָט געהאַט א גרויסן דעפּאַרטמענט-סטאָר אין באָסטאָן.

פון צייט צו צייט פלעגט זי, ערב אַ יום-טוב, אַרויסשיקן פאַר דער פאַמיליע צו פינף און צען רובל און — אַז מ'זאָל איר דערמאָנען צום גוטן — פלעגט זי אויך שיקן עטלעכע רובל פארן רב און אויף ליכט אין בית-המדרש.

אין אירע בריוו צו דער פאַמיליע האָט זי ווינציק וואָס געשריבן און כמעט גאָרנישט דערציילט ווי רייך זי איז, און ווי זי און איר מאַן לעבן זיך אויס אין זייער רייכטום, ווייל קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט.

מער דערוווסט אין שטעטל וועגן דער רייכער מומען האָט מען זיך פון יאָסל-יאנקל דעם שוסטער.

דער יאָסל-יאנקל איז געווען צוויי יאָר אין ניו-יאָרק. ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע, האָט ער ארויסגעשטעלט א שילד אויף זיין שוסטעריי א גרויסן שטיוול מיט אַן אונטערשריפט „אמעריקאַנסקי סאַפּאָזשניק", דאָס הייסט — אן אמעריקאַנער שוסטער.

אָט דער יאָסל־יאַנקל האָט ליב געהאַט שבת זיך אויספּוצן אין זיינע אַמעריקאַנער מלבושים... אַלע שבת, זומער אָדער ווינטער, זון־שיין, צי רעגן — פלעגט ער אָנטאָן דאָס פלושענע היטל מיט די אויער־דעקלעך אויפן קאָפּ, די שוואַרצע גלאַנצדיקע קאַלאָשן אויף די שטיוול אין דאָס לאַנגע קייטל פון די שליסלען אויף דער וועסט.

מיט דער אַמעריקאַנער „יוניפאָרם" האָט ער זיך געפילט, אַז ער האָט אַ רעכט צו רעדן פאַר אַמעריקע און ער פלעגט דערציילן איין ווונ־דער נאָכן צווייטן.

ער האָט אויך געבראַכט די נייעס פון אַמעריקע, אַז די מומע ראָוז סטאַר פון ליפּסק איז אַזוי רייך, אַז זי קאָן אָפּקויפן דאָס גאַנצע שטעטל און עס וועט איר נאָך בלייבן גענוג געלט אויף צו פאָרן צוריק אין „נעוו־יאָרק"...

און אַז יאָסל־יאַנקל האָט זיך דערוווּסט פונעם בריוו, אַז די מומע קומט פון אַמעריקע אויף פסח צו באַזוכן די פאַמיליע, האָט ער זי שוין איינגאַנצן נישט אַרויסגעלאָזן פונעם מויל. כאָטש ער האָט זי אין אַמע־ריקע קיינמאָל נישט געזען און איז קיינמאָל נישט געווען אין באָסטאָן, פלעגט ער דערציילן מיט אַלע פּיטשעוועקעס ווי זי קליידט זיך, אין וויפל צימערן זי וווינט, וואָס פאַר אַ גרויסער מאַכער ס'איז איר מאַן אין „פּאָליטיקע" און ווי אַזוי ער, יאָסל־יאַנקל, וועט זיין דער איינציקער אין שטעטל וואָס וועט זי קענען פאַרשטיין וואָס זי רעדט, ווייל לויט איר רייכקייט איז ער זיכער, אַז זי קען שוין נישט פאַרשטיין אַ וואָרט מאַ־מע־לשון...

די רייכע מומע איז אויך געווען אונדזערע אַ קרובה, דער מאַמעס אַ קוזינע. אַזוי אָרום בין איך שוין אויך געווען אַ בעבל אין טאָפּ צו קאָכן זיך מיט אַלעמען...

שוין וואָכן פאַר פסח האָט מען געשמועסט צווישן דער פאַמיליע, צי וועט זי די עטלעכע רובל וואָס זי פלעגט אַלע מאָל שיקן, איבער הויפּט פאַר פסח, אויך דאָס מאָל צושיקן פריער, אָדער זי אַליין וועט דאָס ברענגען און אויסטיילן צו אַלעמען לויט דער באַדערפעניש?

פאַרוואָס מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך וועל קריגן אַ גאַרניטער מיט אַ מאַנישקע פון דער רייכער מומע, ווייס איך נישט. פונקט ווי די אַנדערע קוזינס האָבן נישט געוווּסט און דאָך געחלומט פון שטיוועלער, פון היטלען, פון אַ גאַרמאָשקע, אַפילו פון אַ זייגערל מיט אַ קייטל...

וואָס נעענטער עס איז געוואָרן צו פּסח אַלץ מער זענען אין דער פאַמיליע ארויפגעשוואומען נייע זאָרגן: וואָס וועט די מומע עסן? ווו וועט זי זיך קענען שפּיגלען? ווייל די מערסטע ביי אונדז אין שטעטל פלעגן זיך שפּיגלען אין אַן עמער מיט וואַסער, אַפילו פאַרקעמען אַזוי זייער פריזור...

נאָך צוויי פראַגן זענען געלעגן ווי א שווערער שטיין אויפן קאָפּ:

ערשטנס, אויב עס איז אמת, ווי יאָסל־יאנקל זאָגט, אַז די מומע רעדט שוין מער נישט קיין יידיש, ווי וועט מען זיך מיט איר צוזאַמענרעדן; צווייטנס — און דאָס איז געווען די גאָר גרויסע דאגה: ווו באַלייגט מען אַזאַ געהויבענעם גאַסט? מילא, די משפחה וועט זיך שוין ווי נישט איז צונויפקוועטשן, און אַזוי ווי בעטן זענען סיי ווי געווען א „ראָסקאָש“, איז אַ שלאָף־באַנק אָדער אַפילו א שטרוי־זאַק אויך געווען רעכט — אַ ברירה האָט מען געהאַט?

מיט פלאַץ פאַר דער מומען וועט מען זיך אויך געבן אַן עצה. אַ שטיבל מיט אַ קיך איז דאָ — וועט די משפחה זיך אויסמאָסטשען אין קיך, און דאָס שטיבל וועט מען אָפּגעבן דער מומען.

אָבער אַ בעט?

די פראַגע איז געגאַנגען פון מויל צו מויל ביז עס האָט אָנגעשפּאַרט אויפן שול־הויף, און אויפן שול־הויף איז שוין דער באַזוך פון דער רייכער מומע געווען אַ טעמע פון פריער. אין שול האָט מען דערוואַרט, אַז די רייכע מומע זאָל אויסקאַלכן די פאַרשוואַרצטע ווענט און אויפהענגען אַ נייעם בליץ־לאָמפּ, וואָס זאָל געבן אַ ביסל מער ליכט. אין באָד — האָט מען דערוואַרט, אַז די מומע זאָל לייגן אַ נייע פּאָדלאָגע און פאַרריכטן דעם אויוון. אויך דער רב האָט אויסגעקוקט די אויגן אויף דער רייכער מומע — אפשר וועט ער קריגן אַ שטיקל נדן פאַר דער טאָכטער פעשען, וועלכע איז געבעד פאַרזעסן געווען צוליב דער אָרעמקייט.

אַלע פראַגן זענען אָבער אַוועקגעשטופּט געוואָרן אין אַ זייט, און די הויפּט־פראַגע איז געבליבן.

נאָר דאָ איז ווידער געקומען דער „אַמעריקאַנער עקספּערט“, יאָסל־יאַנקל, און ווי אַן אַרכיטעקט האָט ער געגעבן דעם פּלאַן ווי אַזוי אויסצומייסטרעווען אַ בעט.

שמואל דער סטאָליער, אַ קרוב פון דער רייכער מומע, האָט געבראַכט די נויטיקע ברעטער, געבראַכט זעג און האַמער און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

די נייעס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבערן שטעטל. אַלע זענען געקומען אָנקוקן דאָס גרויסע וווּנדער, און יאָסל־יאַנקל איז געשטאַנען ווי אַ וועגווייזער און געגעבן אַלעמען צו פֿאַרשטיין ווי דאָס „אַמעריקאַנער" בעט וועט אויסזען ווען עס וועט פֿאַרטיק ווערן.

ביי אונדז אין הויז האָט די מאַמע זיך שוין גענומען צו שייערן און ראַמען פֿאַר פּסח, נאָר ווי פֿאַרנומען עס איז נישט געווען טאַטע־מאַמע, איז די רייכע מומע נישט אַראָפּ פֿון די ליפּן. דער זיידע און באַבע האָבן פּרובירט טרעפֿן צי זי האַלט נאָך יידישקייט. די מאַמע האָט פּרובירט טרעפֿן צי זי וועט זי נאָך דערקענען, און דער טאַטע האָט געחשבונט וואָס אַזאַ רייזע קאָן אָפּקאָסטן.

איך בין געווען גליקלעך ווען איך האָב געהערט פֿון טאַטן, ווי ער האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז ער וועט נישט האָבן קיין צייט מיר איבערצונייען אַ גאַרניטערל פֿון זיין אַלטן לעטניק. דאָס האָט מיר געגעבן מער זיכערקייט, אַז די רייכע מומע וועט מיך שוין געוויס אויספּוצן אויף פּסח...

די זון האָט ליבלעך געשיינט און געוואָרפֿן אירע שטראַלן אויף די שטרויענע דעכער און אַ ביסל אויסגעטריקנט דעם סמעטניק אַרום הויז. אָבער אַלעמענס אויגן אין שטעטל זענען געווען געווענדט צו דער פּאָטשט, פֿון וואַנען מ׳האָט דערוואַרט דעם פֿריילעכן אָנזאָג, אַז די רייכע מומע פֿאָרט, זי קומט, זי איז שוין דאָ!

אַ פּאָר טעג שפּעטער פֿאַר פּסח, איז ענדלעך אָנגעקומען אַ דאַר בריוועלע צו דער פֿאַמיליע, ווו עס איז דערקלערט געוואָרן אין עטלעכע ווערטער: „עס פֿאַרדריסט מיך וואָס איך וועל זיך נישט קאָנען אָפּשטעלן אין ליפּסק צו זען אייך, ווייל מיין גאַנצע גאַרדעראָבע איז אַוועקגעשיקט געוואָרן גלייך אין דראָזגעניק"...

דאָס שטעטל איז געוואָרן ווי פֿאַרפֿינצטערט, ווי די זון וואָלט זיך אויסגעלאָשן: די פֿאַמיליע איז אַרומגעגאַנגען פֿאַראומערט, ווי זיי וואָלטן געליטן פֿון אַ פּאָגראָם. עס איז געוואָרן אַ פֿאַרשטערטער פּסח...

די שול איז ווייטער געבליבן פֿאַרחושכט, די באָד אָן אַ פּאָדלאָגע, פּעשע דעם רבס — אָן נדן. די פֿאַמיליע איז געבליבן מיט אויסגעשטרעקטע צינגען, נישט קריגנדיק אפֿילו די עטלעכע רובל וואָס מען פֿלעגט אַלע מאָל קריגן צושטייער אויף יום־טוב.

און איך — איך בין געזעסן אַ פֿאַרוויינטער, וואָס איך האָב נישט וואָס אָנצוטאָן אויף פּסח, ביז די גוטע מאַמע מיינע האָט אַוועקגעלייגט

אלע ארבעטן אין א זייט, גענומען מיין אלטן גארניטער און ארויפגעלייגט נייע לאַטעס אויף די קני און עלנבויגנס און — מיט אַ וויש די אויגן פון שפּיץ פאַרטעך אַ זאָג געטאָן: נאַ, טראָג עס געזונט...

לאַנג, לאַנג האָט מען דערמאָנט די רייכע מומע פון אַמעריקע און דאָס בעט מיט דער אַרכיטעקטור פון יאָסל־יאַנקלען דעם „אַמעריקאַנער" איז געבליבן ווי אַ מאָנומענט...

אַ פּסחדיקער סטרייק

באַלד נאָך פּורים, ווען די אָרעמע ייִנגלעך האָבן שוין אויסגעגעבן זייערע עטלעכע פֿאַרדינטע גראָשנס פֿון טראָגן שלח־מנות, האָבן זיי גענומען אַרויסקוקן אויפֿן פּסח.

פּסח איז געווען אַ קוואַל פֿון פֿאַרדינסטן פֿאַר די אָרעמע ייִנגלעך. עס איז געווען אַ גרויסע „אינדוסטריע“ און דער „סעזאָן“ האָט אָנגעהאַלטן מער ווי דריי וואָכן...

מיר האָבן דעם פּסח יום־טוב שטאַרק ליב געהאַט פֿאַר אַ רײ זאַכן: ערשטנס, איז אונדז זייער געפֿעלן די מעשה מיט פּרעהס סוף, ווי אַזוי די שקלאַפֿן זענען אַנטלאָפֿן פֿון מצרים און אָפּגעפּליוכעט די, וועלכע האָבן זיי פֿאַרשקלאַפֿט — מיט אַ ים וואַסער; צווייטנס, איז פּסח אַ לאַנגער יום־טוב, אַ גאַנצע וואָך צייט, ווען אַפֿילו די גרעסטע קבצנים מוזן עסן מצה, טרינקען ווייַן, עסן כרעמזלעך, קנײדלעך און שפּילן אין ניס; דריטנס, האָבן מיר, די אָרעמע ייִנגלעך, פֿאַר פּסח געקאָנט פֿאַרדינען אַ גראָשן און האָבן געהאַט פֿאַרוואָס צו קויפֿן ערב־פּסח אויפֿן יאַריד — אַ נייַ היטל, אַ מעסערל און טאַקע ניס אויף פּסח.

אַרבעט איז געווען גענוג פֿאַר אַלע ייִנגלעך און מיידלעך. מיר האָבן געקאָנט אויסקלייבן וואָס פֿאַר אַן אַרבעט מיר האָבן נאָר געוואָלט.

די אַרבעט איז באַשטאַנען פֿון טראָגן און גיסן וואַסער, שײַטן מעל. מײַרען טייג, וועלגערן, רעדלען, פּאַקן און טראָגן דעם קאָרב מיט מצות צו די באַלעבאַטים. חוץ דעם איז אויך געווען אַרבעט, צו רײַבן כריין, שטויסן מצה אין אַ סטופּע מיט אַ טולקאַטש צו מאַכן פֿון דעם פֿאַרפֿל און מצה־מעל.

איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, נאָר אַלע ייִנגלעך האָבן חשק געהאַט צו ווערן רעדלער, אפֿשר דערפֿאַר, וואָס דאָס רעדל מיט די ציינדלעך איז געווען אַ פֿיינע שפּילצייג און מ׳האָט מיט דעם געקאָנט מאַכן

קונצן אויף דער מצה, ווי מאַכן קעסטעלעך, זיג־זאַגן, אויסדריקן „כשר לפסח“, אָדער אפילו אָנשרייבן מיט די ציינדלעך אויף דער מצה דעם אייגענעם נאָמען.

ווען אַלע האָבן זיך געריסן צום רעדל — און אַ פּאָר מאָל איז געקומען צו אַ קאַמף מיטן וואַלגערהאָלץ — האָבן מיר באַשלאָסן צוווישן זיך צו מאַכן אַ חברה (דאָס הייסט אַ יוניאָן). מיר האָבן אָפּגעמאַכט, צו בייטן זיך אַלע מאָל מיט דער אַרבעט, אַזוי אַז אַלע טאָג האָט יעדערער פון אונדז געאַרבעט ביי אַן אַנדער אַרבעט. דאָס האָט שוין אויך געפירט צו דעם, אַז מיר זאָלן מאַכן איין קאַסע. ווייל אויב מ׳האָט געצאָלט דער קנעטערין פאַר גיסן וואַסער און מעדניצע, אַ גראָשן אַ פוד, האָט מען פאַר מיירען געצאָלט — אַ קאָפּיקע, פאַר רעדלען — אַ דרייער.

פאַר קאַסירער האָבן מיר אַלע טאָג געמאַכט אַן אַנדערן, און אין אָוונט פלעגן מיר זיך צעטיילן מיטן געלט.

ווען ס׳איז געקומען דער טאָג צו באַקן די מצה פאַר בערטשיקן, דעם גביר פונעם שטעטל, איז אַלץ געגאַנגען כאָדראָם. מ׳האָט געמוזט שאָבן מיט גלאָז די ברעטער, סקראָבען די וואַלגערהעלצער, שייערן די מעדניצע, און אַלע האָבן געמוזט צולייגן אַ האַנט. מ׳האָט אים געשאָלטן — און געאַרבעט.

דאָס שטעטל האָט שטאַרק פיינט געהאַט בערטשיקן מיט זיין „משפחה“ פאַר שינדן די הויט פון יעדן איינעם, אויף וועמען ער האָט געהאַט אַ וועקסל. דערצו איז ער געווען זייער אַ קאַרגער און פלעגט זעלטן ווען באַצאָלן ריכטיק און צו דער צייט.

די בערטשיק־פאַמיליע איז געווען אַ גרויסע און דערצו האָט ער געהאַט אַרבעטער. פלעגט ער באַקן אַ סך מצה אויף פסח. דערפאַר האָבן אַלע אָרעמע פרויען, וועלכע האָבן אַמאָל געקויפט עפּעס אויף באָרג אין זיין קראָם, געמוזט קומען וועלגערן פריי זיינע מצות...

אָבער מיר, די אָרעמע ייִנגלעך, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַ חזקה ביי חיים דעם בעקער, האָבן געוווּסט, אַז אָן אונדז וועט מען זיך נישט קאָנען באַגיין...

ווי איבערראַשט זענען מיר אָבער געוואָרן, אַז ווען ס׳איז געקומען צום רעדלען די מצות, איז צוגעקומען אפרים, בערטשיקס מיזיניקל, און דערקלערט, אַז ער וועט אַליין רעדלען די מצות און איינשפּאָרן געלט דעם טאַטן...

דאַן האָבן מיר זיך אַלע אַ שטעל געטאָן. דער וואַסערגיסער מיטן קענדל וואַסער אין האַנט, דער וואָס האָט געמיירעט — מיטן וואַלגערהאָלץ, דער מעל־שיטער — מיט דער שופלע, דער וואַסערטרעגער — מיט דער קאָראָמיסלע, און אָנגעזאָגט אפרימען מיט האַרבן וואָרט, אַז מיר זענען אַ חברה — און ער קאָן נישט רעדלען.

אפרים איז צוגעלאָפן מיט אַ געוויין צו זיין גרויסן ברודער יאָסל, און יאָסל איז גלייך צוגעלאָפן צו אונדז, גוט אָנגעדרייט אונדז אַלעמען די אויערן און אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן...

אַלע בערטשיקס קינדער האָבן פאַרנומען אונדזער אַרבעט. איינער פון זיי, שלמהקע, איז געוואָרן דער וואַסערטרעגער. האָט די חברה שוין געזען, אַז אויף די סלופיקעס לעבן דער שטוב, וו די צוויי פסחדיקע עמער זענען געהאָנגען איבערגעקערטע, זאָלן פאַרביטן ווערן מיט די המצדיקע, וועלכע זענען געשטאַנען דערביי.

שלמהקע האָט אָנגעטראָגן אַ קאַרושקע מיט וואַסער מ'האָט געשעפט פון קאַרושקע, געגאָסן אין מעדניצע — נאָר מיטאַמאָל האָט מען זיך געכאַפט, אַז דאָס זענען די חומצדיקע עמער...

אויף מאָרגן האָט מען ווידער געדראַפט סקראָבען די ברעטער, שייערן די מעדניצע, גליען און ברענען די קאַרושקע פאַרן וואַסער, און אָנפאַנגען פון דאָס ניי צו באַקן מצה פאַר בערטשיקן דעם גביר.

היים דער בעקער האָט שוין אָבער אונדז, חברה, געקענט... האָט מען מיט אונדז פאַרהאַנדלט... מיר האָבן געשטעלט אַ פאָדערונג, אַז די רייכע וועלן איצט מוזן צאָלן אַ דאָפלטן פרייז, פאַר יעדן גראָשן — אַ קאָפיקע און — זיי האָבן געצאָלט!

אַזוי האָבן מיר, די אָרעמע יינגלעך פון די שניידער און שוסטער, געוווּנען דעם ערשטן סטרייק, און אפרים דאָס רייכע זונדל, איז געשטאַנען און געקוקט ווי מיר רעדלען זיין טאַטנס מצה. ער איז אונדז, נעבעך, שטאַרק מקנא געווען. מיר האָבן זיך אָבער געהאַלטן מיט אים פונדערווייטנס. און מיר האָבן אים אויך נישט געוואָלט האָבן צווישן אונדזערע חברה, ווייל מיר האָבן שוין דאַן געפילט, אַז אָרעם און רייך זענען נישט גלייך...

ניט אויף פּסח

דער קליינער פּסחקע איז געווען אַ גרויסער שטיפער, אָבער אַלע האָבן אים ליב געהאַט, אַפילו ווען ער האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל.

איז אין שול געווען עפּעס אַ שווערע פראַגע צו ענטפערן, האָט דער לערער באַלד געפרעגט ביי פּסחקען: „נו, וואָס שווייגסטו?“ — האָט פּסחקע באַלד געענטפערט קורץ און שאַרף.

אין הויז האָבן טאַטע־מאַמע כסדר געהאַט צו טאָן מיט פּסחקען. האָט ווער צעבראָכן אַ פענצטער — איז פּסחקע. האָט ווער פאַרמאַכט די קאַץ אין קאַסטן — איז פּסחקע. וואָס עס זאָל זיך נישט טרעפן, האָבן אַלע שכנים געוווסט, אַז עס מוז זיין פּסחקע.

פּסחקע האָט ליב געהאַט צו פרעגן פראַגן, איבערהויפּט, אַז דער זיידע פלעגט קומען צו־גאַסט. „זיידע, פלעגט ער אָנהייבן פרעגן, פאַר־וואָס איז פּורים דער המן־טאַש מיט דריי שפּיצן, און פּסח זענען די קניידלעך קיילעכדיק? פאַרוואָס רופט מען מיך פּסח, און איך האָב נישט קיין ברעמזלעך מיט ניס, און ניסעלע חיימס קומט יעדן מיטוואָך און דאָנערשטיק שפּילן אין פּאַרק מיט פולע קעשענעס מיט ניס, מיט קיכעלעך און אַנדערע גוטע זאַכן?“

אַז דער זיידע האָט זיך איינמאָל צעשריגן: „פּסחקע פרעג נישט קיין פראַגעס!“ האָט פּסח זיך צעלאַכט און געזאָגט: „איך וועל מער נישט פרעגן, אָבער געדענק דאָס, זיידע“.

און אז ס'איז געקומען פּסח, און די באָבע האָט געפרעגט: „נו, פּסחקע, וועסט כאָטש פרעגן ביים זיידן די פיר קשיות ביים סדר?“ „ניין, דער זיידע האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל נישט פרעגן קיין קשיות — פרעג איך נישט“.

אין דער שול פלעגט פּסחקע פאַרוואַרפן דעם לערער מיט פראַגן: „לערער, פאַרוואָס האָט אַ מענטש צוויי פיס און צוויי הענט און נאָר

איין קאָפּ?" און ער פּלעגט באַלד אַ וואָרף טאָן די אייגעלעך צו די אַנדערע יינגלעך און אַליין ענטפערן אויף זיין פראַגע: „ווייל אַן אָרעמאַן האָט נישט מער ווי איין היטל..."

ניסעלע האָט געהאַט רייכע עלטערן, פּלעגט אים פּאַרדריסן, ווען פּסחקע פּלעגט אָפּלאַכן פון רייכע. אָבער ער האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט פּסחקען. און יענער פּלעגט טאָקע העלפן ניסעלען ביים לערנען. אָבער ווען ניסעלע פּלעגט ברענגען גוטע זאַכן אין שול, פּלעגט ער זיי האַלטן פאַר זיך און קיינעם נישט געבן.

אַז עס איז געקומען נעענטער צו פּסח, איז ניסעלע יעדן טאָג געקומען אין שול מיט אַ זעקעלע ניס, וועלשענע ניס, טערקישע ניס, מאַנדלען, אַלערליי ניס. ווען דער לערער האָט אים אַ פרעג געטאָן: „ניסעלע, וואָס דאַרפסטו מיטשלעפּן מיט זיך אַזויפיל ניס?" האָט ניסעלע געענטפערט, אַז דאָס קלייבט ער ניס צו קאָנען שפּילן זיך פּסח. ער האָט זיך גענומען באַרימען פאַר די קינדער, אַז ער האָט מער ניס אין זיין זעקעלע, ווי אַלע קינדער אין דער שול צוזאַמען גענומען.

איין טאָג האָט פּסחקע געפּאַקט דאָס זעקעלע ניס אונטערן טיש. ער האָט זיך אויף שנעל אַרויסגעכאַפּט אין גאָרטן, איבערגעשאָטן די ניס אין אַן אַנדער זעקל און ניסעלעס זעקל האָט ער אָנגעפּילט מיט קליינע שטיינדלעך, פאַרבונדן דאָס זעקעלע און צוריק אַוועקגעלייגט אונטערן טיש.

ניסעלע האָט אַזוי אַרומגעשלעפּט זיין זעקל מיט „ניס" ביז ס'איז געקומען פּסח. אַלע יינגלעך זענען געשטאַנען אין גאָרטן און פּסחקע האָט פאָרגעשלאָגן מען זאָל שפּילן אין ניס, זיי קייקלען אין אַ גריבעלע אריין, ווי עס פירט זיך פּסח. אַלע קינדער האָבן ארויסגענומען הויפנס מיט ניס, גרייט צום שפּילן. נאָר ווען ניסעלע האָט אויפגעעפנט זיין זעקעלע, האָט ער געפונען איינוויניק שטיינדלעך מיט זאַמד אַנשטאָט ניס. ניסעלע האָט זיך צעוויינט, און געלאָפן צום לערער, זיך באַקלאָגט, אַז זיינע ניס זענען „פאַרשטיינערט" געוואָרן.

דער לערער האָט אויסגעפרעגט אַלע קינדער, ביז ער איז געקומען צו פּסחקען. פּסחקע האָט שטיפעריש פאַרזשמורעט די אייגעלעך און האָט אַ פרעג געטאָן:

„לערער, פאַרוואָס איז ניסעלע אַרומגעגאַנגען אַזאַ לאַנגע צייט מיט דעם זעקעלע ניס און האָט קיינמאָל נישט געעפנט אַ קוק צו טאָן?"

„ווייל איך האָב דאָס געקליבן אויף פּסח“ — האָט ניסעלע אַ פּאַר־ווינטער געענטפערט.

„אַזוי? אויף פּסח! — האָט פּסחקע זיך צעלאַכט. — טאָ ווייסט... אויב אַזוי — איז גוט... ווייל איך האָב זיי טאַקע צוגענומען ביי דיר און צעטיילט צווישן אַלע קינדער — אויף פּסח!“

די רויטע פּאָן רייט אויף אַ פערד

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען נאָר איין סטראַזשניק, און גערופן האָט מען אים טאַנקוש. ער האָט געהונקען אויף איין פיס, און דערפאַר האָט ער ליב געהאַט צו רייטן אויף אַ פערד מיט אַ נאַגייקע (קאַנטשיק) אין די הענט. ער האָט געדאַרפט היטן מיט זיין פערד און זיין נאַגייקע, אַז די אַרבעטער זאָלן נישט פייערן דעם ערשטן מאַי.

נאָר די אַרבעטער, פאַרשטייט זיך, האָבן געפייערט זייער יום־טוב. וואָכן לאַנג פאַרן ערשטן מאַי פלעגט מען זיך טרעפן אין וואַלד, הינטערן שטעטל, און זיך צונויפרעדן, ווי אַזוי די פייערונג דורכצופירן. יעדער־איינער האָט געוואָלט טראָגן די רויטע פאָן, כאָטש דער פאָנען־טרעגער איז געווען אין דער גרעסטער געפאַר.

יענעם יאָר האָט מען צוגעטיילט אַלטער דעם שניידער דעם כבוד פון טראָגן די רויטע פאָן. ער איז אַוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט און האָט פון דאָרטן געבראַכט רויטן שטאָף פאַר דער פאָן אויפצומאַכן.

דעם ערשטן מאַי, גאַנץ פרי, איז טאַנקוש, דער סטראַזשניק, שוין געווען אין שענק (סאַלון) און האָט געטרונקען בראָנפן. אין דעם שענק האָט זיך אַרומגעדרייט סטאַשעק, אַ פּויליש יינגל, וואָס פלעגט אַמאָל גיין אַ גאַנג פאַר דעם שענקער. אָט דער סטאַשעק האָט אין זיין פרייער צייט געלערנט זיך ביי אַלטערן צו זיין אַ שניידער, און פון אַלטערן האָט סטאַשעק זיך דערוווסט וועגן דעם אַרבעטער־יום־טוב.

סטאַשעק האָט נישט אומזיסט געדרייט זיך אַרום טאַנקוש דעם פאָליציי־מאַן. אַזוי שנעל, ווי ער האָט דערזען, אַז יענער איז שיכור, האָט ער שטילערהייט אים צוגעשפיליעט פון הינטן צום קאָלנער אַ ברעג פון דעם רויטן טישטעך, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. דערנאָך האָט סטאַשעק אַ זאָג געטאָן צו טאַנקושן, אַז די אַרבעטער זינגען שוין אויפן מאַרק ערשטע מאַי־לידער... און ווי סטאַשעק האָט דאָס אַרויסגערעדט,

האָט ער זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר, ווי ער וואָלט טאַקע אַליין גע־לאָפן צום מאַרק הערן פרייהייטס־לידער.

טאַנקוש האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און האָט זיך געלאָזט לויפן צו זיין פערד. שיכורערהייט האָט ער אָבער נישט באַמערקט, אַז דאָס רויטע טישטעך שלעפּט זיך אים נאָך.

ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין פערדל, מיט דער נאַגייקע אין דער האַנט און זיך אַ יאָג געטאָן צום מאַרק.

דער ווינט האָט דערווײַלע צעבלאָזן דאָס רויטע טישטעך אויף זיין רוקן, און עס האָט אויסגעזען, ווי אַ רויטע פאָן וואָלט געריטן אויפן פערד.

האָבן אַלע מענטשן גענומען לויפן נאָך דער פאָן, וואָס פאָרט ריידנדיק אויפן פערד.

נאָר בשעת דער סטראַזשניק האָט זיך געיאָגט צום מאַרק, און די פאַרבייגייער — נאָך אים, איז דער ערשטער מײַ־פאַראַד אָפּגעהאַלטן געוואָרן גאָר אין אַן אַנדער פּלאַץ. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט הינטער דעם שטעטל, לעבן דער מיל, און האָבן אָפּגעהאַלטן אַ יום־טובדיקן מיטינג.

עפּעלע־קעפּעלע

עפּעלע־קעפּעלע, אַזוי האָט מען גערופן מיט אַ צונאָמען אפרימקע בערמשיק, דעם גבירם זונדעלע.

די מאַמע און דער טאַטע, די באָבע און דער זיידע האָבן אים גערופן אפרימל. נאָר די קינדערלעך אין חדר, די שכנים אַרום הויז, און אפילו אַ סך פון זיין פאַמיליע פלעגן אים רופן „עפּעלע־קעפּעלע“.

אין שטעטל איז שוין דער נאָמען עפּעלע־קעפּעלע געווען אַזוי באַקאַנט, אַז יעדעם ייִנגל, וואָס איז געווען אַ נאַר, אָדער האָט זיך באַנאַרישט מיט עפּעס, פלעגט מען אים גלייך אַ זאָג טאָן „עפּעלע־קעפּעלע“, אפילו אין חדר, אויב איינער האָט נישט גוט געלערנט, האָט דער רבי אים צוזאַמען מיט אַ דריי דעם אויער אויך אַריינגעזאָגט אין אויער — עפּעלע־קעפּעלע...

די מעשה ווי אַזוי אפרימקע האָט געקראָגן דעם צונאָמען איז אַזוי:

ביי בערמשיקן אויפן בוידעם האָט זיך געפונען אַ סך ווינטער־עפּעלעד, געפרוירענע, נאָר ווען דער אייז איז צעגאַנגען איבער זיי, פלעגן זיי ממש זיך צעגיין אין מויל.

אפרימקע פלעגט אַלע טאָג ברענגען אין חדר עטלעכע ווייניקע עפּעלעד מיט זיך. ער האָט זיי געגעסן, זיך פאַסמאַקעוועט, און ווען ביי די אַרומיקע אָרעמע ייִנגלעך האָט גערונען די סלינע פון מויל, האָט ער זיך נאָך באַרימט פאַר זיי, ווי זיין שטייגער איז געווען צו באַרימען זיך, אַז אויפן בוידעם ליגן נאָך מיליאָנען־מיליאַסן עפּעלעד, און דאָס איז נאָך גאָרנישט, זיי האָבן אפילו אין קעלער אויך אַ סך עפּל...

שעפּסל כל־בוניק, דאָס אָרעמע שניידער־ייִנגל, וועלכעס האָט מערסטנס געלעבט אויף ברויט מיט ציבעלעס און רעטעך האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן. האָט ער זיך צעלאַכט און אַ זאָג געטאָן: — אפרימקע, דו ביסט אַ באַרימער און אַ ליגנער. איר האָט אפשר צען עפּעלעך אויפן בוידעם, ניט דאָס אויך אַ סך.

איז אפרימקע בייז געוואָרן און זיך צעשריגן: — לאָמיר זיך וועטן אין דריי קנעפּלעך און שבת ביי טאָג, ווען דער טאַטע וועט שלאָפן, וועלן מיר אַרויפגיין אויפן בוידעם און אויב דו וועסט נישט אָפּצײלן, אפשר אַ הונדערט עפּעלעך, וועסטו געווינען די קנעפּלעך.

— גוט — האָט שעפּסל כל־בוניק מיט אים אָפּגעמאַכט.

אין דער שטיל האָט שעפּסל געלאָזט וויסן זיינע חברים, זיי זאָלן שטיין שבת ביי טאָג ביי בערטשיקס הויז אַרום דאַך־פענצטער, און ווען ער וועט דאָס פענצטער צעעפענען, זאָלן זיי אָנפאַנגען צו וואַרפן שניי־פילקעס אין דאַך־פענצטער, און ער וועט זיי צוריקוואַרפן עפּעלעך.

שבת ביי טאָג אין דער באַשטימטער צייט, האָט אפרימקע אַ קוק געטאָן, אַז דער טאַטע שלאָפט שוין, און די מאַמע איז שוין אַוועק צו דער שכנה, איז ער מיט שעפּסל כל־בוניק אַרויף מיטן לייטער אויפן בוידעם. אפרימקע האָט אים אַ וויז געטאָן: זעסט וויפל עפּעלעך מיר האָבן.

ווען אפרימקע האָט געוואָלט נעמען ציילן די עפּעלעך, האָבן גענומען פליען דורכן בוידעם־פענצטער שניי־פילקעלעך.

שעפּסל כל־בוניק איז כלומרשט צוגעלאָפן אַ קוק צו טאָן, ווער עס וואַרפט זיך דאָרט מיט שניי, און ער האָט גלייך אויסגערופן צו אפרימקען: לאָמיר זיי צוריקוואַרפן!

אפרימקע האָט גענומען הויפנס שניי פון אַרום פענצטער, צונויפגעדריקט אין קיילעכדיקע פילקעס און גענומען וואַרפן, שעפּסל האָט גענומען וואַרפן די ווינטער־עפּעלעך צו זיינע הדר־חברים אין גאַס אַראָפּ.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און אפרימקע האָט אויסגערופן: איך האָב שוין מער נישט קיין שניי!

— איך האָב שוין אויך נישט... — האָט שעפּסל אים געענטפערט.

און אפרימקע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך ווידער געוואָלט נעמען ציילן די עפּעלעך צו געווינען די דריי קנעפּלעך, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט נישט וואָס צו ציילן. בלויז ווו נישט ווו האָט ער נאָך געפונען אַן עפּעלע.

ווען אפרימקע און שעפּסל זענען אַראָפּ פון בוידעם האָט ער דערלאַנגט שעפּסלען כל־בוניק די דריי קנעפּלעך און געבעטן אים, ער זאָל קיינעם נישט דערציילן, אַז ער האָט פאַרלוירן. וועגן די עפּעלעך האָט ער געזאָגט, אַז געווים האָט די מאַמע אַוועקגעטראָגן די עפּעלעך צו דער שכנטע.

אויף מאָרגן, ווען די אָרעמע יינגלעך זענען געקומען אין חדר, האָבן זיי געבראַכט מיט זיך ווינטער־עפּעלעך. יעדער איינער פון זיי איז צו־געגאַנגען צו אפרימקען, געגעבן אים אַ שמעק צו טאָן און געפרעגט: — אפרימקע, לאָמיר זען, צי זענען דיינע עפּעלעך טאַקע אַזעלכע ווי אונ־דזערע? און ארויסגייענדיק פון חדר האָבן אלע צוזאמען געלאכט און געזונגען:

עפּעלע־קעפּעלע,
ווו איז דיין קנעפּעלע?
געלאָפן אויפן בוידעם,
געקראָכן אויפן דאַך,
געוואָלט האָסט ווייזן,
עפּעלעך אַ סך.
איצט, נישטאָ איז קיין עפּעלעך,
און נישטאָ איז קיין באַר,
בלויז עפּעלע־קעפּעלע —
דער שטאָטישער נאַר...

ווי איר ווייסט שוין, קינדערלעך, איז עפּעלע־קעפּעלע, ווי מ'פלעגט רופן אפרימקע בערטשיקס, געווען אַ באַרימער און אַ ליגנער, אָבער אַ רייכן טאַטן האָט ער געהאַט און דערפאַר פלעגט מען טאַקע זאָגן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל מיט אַ גרויסן לעפל אין מויל...

עפּעלע־קעפּעלע איז שטענדיק געווען אויסגעפּוצט טאַקע אין אַ זיידן העמדל מיט אַ שלייף אויפן האַלדז, אַ היטעלע פון סאַמעט, און לאַקיר־טע שטיוועלעך — ווי צוויי שפּיגעלעך. עסן האָט ער געקענט פאַר פינף, אָבער לערנען — אפילו נישט פאַר איינעם. דערפאַר אָבער אַ באַ־רימער איינער אין דער וועלט...

פאַר פרישטיק, אַז אפרימקע, אַ יינגל פון צען יאָר, האָט אויפ־געגעסן דריי בולקעס, איז נישט געווען גענוג פאַר אים, פלעגט ער זיך באַרימען פאַר די קינדער, אַז ער עסט אויף צען בולקעס מיט אַ שטיקל...

ווען עפּעלע־קעפּעלע האָט אָנגעטאָן אַ פּאָר נייע לאַקירטע שטיוועלעך, פלעגט ער הייסן אַלע אָרעמע קינדער אַ טאַפּ טאָן דעם לעדער און דערביי זיי געלאָזט וויסן, אַז די שטיוועלעך קאָסטן אפשר הונדערט

רובל, און די פעל פאַר די שטיוועלעד האָט מען אַרונטערגעצויגן פון שוואַרצע זשוקעס.

ווען שעפּסעלע כלבוניק האָט דערהערט דעם געוואַלדאָוועם ליגן פון עפּעלע־קעפּעלע, זאָגט ער צו אים: איך וועט זיך מיט דיר אין אַ גראָשן, אַז איך וועל טראָגן שבת אין שול פּונקט אַזעלכענע שטיוועלעד ווי דיינע!

— געלאַקירטע? — פרעגט נאַרישעוואַטע עפּעלע־קעפּעלע.

— געלאַקירטע!

— מיט אויערלעך?

— מיט אויערלעך!

— און מיט אַ גאַרמאָשקע אין די כאָליעווקעס, וואָס שפּילט?

— ביי מיר וועט דאָס שפּילן און זינגען — צעלאַכט זיך שעפּסל.

— גוט — האָט עפּעלע־קעפּעלע אַרויסגעכאַפּט אַ גראָשן פון קע־שענע.

— אָפּגעמאַכט! — האָט שעפּסל כלבוניק אויך אַרויסגעכאַפּט אַ קנעפּל פון קעשענע און ביידע האָבן איינגעלייגט ביי אַלטעריקן אין האַנט דעם געוועט.

אַלטערקע האָט איינגעדריקט אין האַנט דעם גראָשן און דאָס קנעפּל און אָפּגעזאָגט אַ „שפּרוך“ פאַר מזל:

בוידעם, לייטער, פענצטער, טיר,
קום נאָר, מזל, אַהער צו מיר.

— גוט? — האָט ער לאַכנדיק אַ פרעג געטאָן ביי ביידן.

— גוט! — האָבן ביידע, שעפּסל כלבוניק און עפּעלע־קעפּעלע צו־געשטימט.

די ייִנגלעך האָבן שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויף שבת און גע־וואָלט זען, וואָס פאַר אַ שפּיצל וועט דאָ דער כלבוניק עפּעס אָפּטאָן...

אַלע יינגלעך האָבן געוווסט, אַז כלבוניק קאָן נישט האָבן קיין נייע לאַקירטע שטיוועלעך. ער טראָגט שטענדיק שטיוועלעך, וואָס יאָסל־יאַנקל דער שוסטער מאַכט איבער פון אַ פּאָר אַלטע משאַבאַטעס.

אָבער די אָרעמע יינגלעך האָבן נישט געדאַרפט וואַרטן אויף שבת צו וויסן, אַז דער כלבוניק האָט געוווּנען דעם גראָשן און נאָכמער, אַז אַפרימקע עפּעלע־קעפּעלע וועט זיך שעמען צו קומען אין שול.

פּאַסירט האָט די מעשה אַזוי:

פרייטיק ביי טאָג איז געגאַנגען דער רבי מיט אַלע חדר־ייִנגלעך אין באָד אַריין. די אָרעמע ייִנגלעך האָבן געמוזט אַכטונג געבן אויף זיך אַליין, זיך אַליין אויסטאָן, אָנטאָן און זיך וואַשן, אָבער אויף די רייכע ייִנגלעך האָט דער רבי געמוזט אַכטונג געבן און מאַנכע פון זיי פלעגט ער אָפּפירן אַפילו אַהיים.

און ווי גיך דער רבי איז אַריין מיט די קינדערלעך אין דעם אָנגערויכערטן און מיט פאַרע פאַרפילטן באָד־צימער זיך אויסצוטאָן, האָט ער אויסגעטאָן עפעלע־קעפעלע, צעהאָנגען זיינע זאַכן און אַוועקגעשטעלט אונטער דער באַנק די לאַקירטע שטיוועלעך.

שעפסל כל־בוניק האָט אויף גיך איבערגעביטן די שטיוועלעך, צוגענומען די לאַקירטע און אַוועקגעשטעלט זיינע טשאָבאָטקעס. ווי אַלע מאָל האָט ער זיך אַליין אויסגעבאָדן, זיך אָנגעטאָן און אַוועק אין די נייע לאַקירטע שטיוועלעך.

ווען עפעלע־קעפעלע האָט זיך גענומען אָנטאָן, האָט דער רבי זיך געכאַפּט, אַז עס פעלן אים אַפרימקעס שטיוועלעך, און נישט אַנדערש, אַז עמעצער האָט זיי געמוזט צוגנבענען, ווייל פאַרבייטן קאָן נישט זיין. וואָס הייסט, ווער קאָן דאָס נישט דערקענען, אַז אַזעלכע לאַקירטע שטיוועלעך טראָגט דאָך בלויז אַפרימקע בערטשיקס?

דער רבי האָט אים אַריינגענורעט אין זיין כאַלאַט און אַוועקגעטראָגן אויף די פלייצעס אַהיים.

אַז שעפסל כל־בוניק איז אַריין אין זיין היים, אין דעם פאַרפינצטערטן שטיבעלע, איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן אים צו קוקן אויף די שטיוועלעך וואָס גלאַנצן אַזוי פיין.

אין שול פרייטיק־צונאַכטס איז געווים קיינעם נישט געקומען צום אויג שעפסלס „נייע“ לאַקירטע שטיוועלעך, ווייל שעפסל איז געשטאַנען מיט זיין טאַטן דעם שניידער הינטערן באַלעמער און עפעלע־קעפעלע איז פרייטיק שוין אינגאַנצן נישט געקומען אין שול אַריין.

דערפאַר אָבער שבת פרי, ווי גיך שעפסל כל־בוניק האָט געוויזן אַלע ייִנגלעך זיינע „נייע“ לאַקירטע שטיוועלעך, האָט ער גאָר גענומען אָפּשפּאָטן פון עפעלע־קעפעלע און דערציילט זיי, אַז די שטיוועלעך קאָסטן הונדערט רובל מיט אַ קאָפּיקע. זיי זענען געמאַכט פון דער פעל, וואָס מ'האָט אַרונטערגעצויגן פון קאָמאַרעס, און אַלע ווילע האָט ער אַ שפּיל געטאָן מיט די כאָליעוועס ווי מיט אַ גאַרמאָשקע, דערביי אַ מאַך געטאָן מיט די ליפּן — סקריפּ, סקריפּ, סקריפּ...

ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט די ייִנגלעך, איז ער צוגעגאַנגען צום רבין און אַ פֿרעג געטאָן מיט אַן אומשולדיק פּנים:

— רבי, אפֿשר ווייסט איר ווער עס האָט זיך פֿאַרביטן מיט מיר שטיוועלעך? איך בין זיכער, אַז דאָס זענען נישט מײַנע...

— וואָס הייסט ווער? — איז דער רבי אויפֿגעשפּרונגען פֿאַר פֿרייד, — עפּעלע־קעפּעלע האָט נעכטן אין באָד פֿאַרביטן זײַנע שטיוועלעך.

גלייך אויף דער נאַכט האָט דער בעל־בוניק אָפּגעגעבן צו עפּעלע־קעפּעלע זײַנע שטיוועלעך און אַלטעריקע האָט אָפּגעגעבן צו שעפּסלעיזם געוווּנטעם גראָשן...

פֿון דאַן אָן, אַז עפּעלע־קעפּעלע פֿלעגט זיך נעמען מיט עפּעס באַרימען, פֿלעגן די ייִנגלעך גלייך אָפּזאָגן אין איין אָטעם:

„בוידעם, לייטער, פֿענצטער, טיר, —
קום נאָר, מזל, אַהער צו מיר!“

טערקישע קאַווע, אָדער ציקאָריע

דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כּאַדאָראָם, רעדנדיק וועגן דער חתונה פֿון דעם גבירס זון, נפֿתּלי הערצלס. עס האָט זיך ממש געטאָן אויף טיש און אויף בענק.

געשמועסט האָט מען אויף די פּריזבעס און שול-הויף, אַז אַזאַ חתונה איז נאָך אין אונדזער שטעטל קיינמאָל נישט געווען. פֿון מויל צו אויער האָט זיך געטראָגן די נייעס, אַז דריי קאַפּעליעס וועלן שפּילן אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דעם באַרימטן קלעזמער נחום באַנדורע. רבנים פֿון דער גאַנצער גובערניע וועלן פֿראַווען די חופּה; צו דער חופּה וועט מען גיין מיט ברענענדיקע שטורקאַטשעס (פֿאַקלען) אין די הענט; ביי דער וועטשערע אין הערצלס גאָרטן וועט מען עסן: מאַרינאַט, געפֿילטע פֿיש, געבראָטענע גענדז, יויך מיט אויגן און די הויפּט-זאַך, מ'וועט מיטן טאָרט טרינקען טערקישע קאַווע...

מ'האָט אויך געשמועסט, אַז מען וועט שטעלן טישן פֿאַר אָרעמעלייט און אַלץ וואָס די מחותּנים וועלן עסן, וועט מען אויך טיילן צו די אָרעמע מענער, פֿרויען און קינדער.

וואָכן פֿאָרויס האָבן די אָרעמע מאַמעס שוין געוואַשן און געקאַמט די קינדערלעך. עלטערן האָבן געזוכט לאַטעס אַרויפֿצולייגן אויף די עלנבויגנס און קני פֿון די קינדערישע זאַכן; מיטליאָריקע מיידלעך האָבן געהאַלטן אין איין קראַצן די איינציקע רויטע ציגלנע וואַנט פֿון דער „משיינע“, צי האָבן מיט וואָס צוצופֿאַרבן די בלאַסע אָפּגעצערטע באַקן...

די אָרעמעלייט האָבן צעטראָגן די נייס ווי אַ בשׂורה איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון אַרום. מ'האָט גערעדט און גערוישט וועגן דער רייכער חתונה, ווו די אָרעמעלייט וועלן פֿאַרבעטן און מ'וועט זיי טיילן מאַרינאַט, פּעטשאַ און צימעס-קוגל, און די הויפּט-זאַך — טערקישע קאַווע וועט מען טרינקען ווי וואַסער...

שוין אַ וואָך פאַר דער חתונה איז פול געוואָרן דער מאַרק, דער בית־המדרש, די ליידיקע שאָפּע — מיט אָרעמעלייט און בעטלער. קרומע, לאָמע, שטומע און „צעדרייטע“, זענען געקומען צו דער חתונה.

אין טאָג פון דער חתונה איז דאָס שטעטל ווי פון זינען אַראָפּ. ווי פון זיך אַליין איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן פאַסטן צוגלייך מיט דער כלה. די אָרעמעלייט האָבן אָנגענומען דעם באַפעל ווי אַ מיטל צו אויסהונגערן זיך, מען זאָל קאָנען אויפעסן די אַלע גוטע זאַכן, וואָס הערצל, דער גביר, וועט טיילן אין זיין גאָרטן פון די חתונה־טישן.

מיר, אַ גרופּע אָרעמע יינגלעך, אין די יאָרן פון זיבן און אַכט, האָבן נישט פאַרפעלט צו זען די קלעזמער, דאָס טאַנצן פון די ייִדן און יידענעס, געהאָלפן טראָגן די שטורקאַטשעס און אויך נישט פאַרפעלט צו זיין פון די ערשטע ביים טויער פון הערצלס גאָרטן.

ביים טויער איז געשטאַנען דער סטראַזשניק מיטן סטרוזש און האָבן אַריינגעלאָזט וועמען זיי האָבן געוואָלט און זיי האָבן שוין גוט געוווסט, וועמען זיי ווילן האָבן אינעווייניק ביי די טישן.

אין דרויסן אַרום די שטאַכעטן זענען געבליבן שטיין די אַלע נישט־צוגעלאָזטע געסט, די אָרעמעלייט פון שטאָט און די פרעמדע בעטלער. די קינדערלעך זענען אַרומגעלאָפן פון איין שטאַכעט צו דער צווייטער און „געגעסן מיט די אויגן“ דאָס אַלץ, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן צו די טישן. מאַנכע פרויען־בעטלערינס האָבן ממש געחלשט פון הונגער, נישט האָבנדיק געגעסן אַ גאַנצן טאָג. די אָרעמעלייט און בעטלער האָבן געזוכט ברעקלעך אין זייערע קעשענעס און טאָרבעס, מיט וואָס אונטערצולענען זיך, ווען זיי האָבן אויסגעפונען, אַז זיי האָבן אומזיסט געפאַסט אַ גאַנצן טאָג...

אַ סך פון די שטאָטישע מאַמעס מיט קינדער, וועלכע זענען אַנטוישט געוואָרן, האָבן מיט קללות אויף די ליפּן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. אָבער מיר, אַ גרופּע אָרעמע יינגלעך, זענען געבליבן שטיין מיט די בעטלער ביי די שטאַכעטן. האָבנדיק מער פּלאַץ צו אַריינקוקן, האָבן מיר געזען מיט אונדזערע אויגן, געשמעקט מיט אונדזערע נעזער, די געשמאַקע עסנס, די וויינען, די געווירצן און די הויפּט־זאַך — די טערקישע קאַווע. איינע די אַנדערע האָבן מיר אָנגעוויזן אויף די טישן: אָט־אָט־דאָס איז דאָס! אין די קליינע קריגעלעך געפינט זיך די טערקישע קאַווע!...

מיר האָבן געניוכעט, מיט די קליינע נעזלעך, צווישן די קראַטעס צו כאַפּן וואָס מער פון דעם ריח...

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָבן די מחותנים זיך אַרויסגעלאָזט טאַנצן צווישן די טישן, מאַנכע האָבן זיך אָנגעטאָן און געעפנט די טויערן אויף אַרויסצוגיין. דאָ האָבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אַריינגעכאַפּט אייגציקווייז. מיר, די קינדערלעך, ווי די אַלע אָרעמע, קרומע און לאָמע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו כאַפּן פון די טישן די פאַרבליבענע שפּייז, וואָס איז נאָך געלעגן אָנגעוואָרפן אויף די טע־לער און טאַצן.

מיר האָבן גענומען לייגן און פּאַקן אין די קעשענעס: קישקע, פּע־טשאַ, טאָרט, פליגעלעך, שטיקער הערינג. מיר האָבן דערביי אויך גע־געסן וואָס עס איז געקומען אונטער דער האַנט. מיטאַמאָל האָב איך דערזען אין אַ קריגעלע האַלב־פול אַ ברוינע פליסיקייט. איך האָב אַ גע־שריי געטאָן ווי נישט מיט מיין קול צו מיין חבר וועלוול: „טערקישע קאַווע!“...

איך וועלוול האָט נאָך געפונען אַ ביסל אין אַ קריגעלע און מיר האָבן ביידע אַ זופּ געטאָן מיט אַזאַ געפיל, ווי דאָס וואָלט געווען „יין המשומר“... מיר האָבן אָבער נאָך נישט באַוויזן דאָס אַרונטערצו־שלינגען, דערפילנדיק דעם טעם פון אַ ביסל ביטערע, קאַלטע, שמו־ציקע וואַסער — האָבן מיר דאָס מיט פאַרקרימטע פּנימער אויסגע־שפּיגן: טפו־טפו־טפו!

מיר האָבן מיט דעם ביסל טערקישע קאַווע איבערגעפירט דעם גאַנצן געשמאַק פון אַלץ, וואָס מיר האָבן אויפגענאַשט פון די טישן.

ווען איך בין פאַרטאָג געקומען אַהיים, איז דער טאַטע שוין גע־ווען וואַך און גרייט מיטן פּאַס פון די הויזן. ער האָט מיר באַצאָלט פאַרן קומען שפּעט און דערביי געשריגן: „זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן און דערשטיקן מיטן עסן אָן דיר?“...

איך האָב אַ וואָרף געטאָן דאָס רעקל לעבן אויבן און אליין מיט אַ שטיל געוויין זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן שעניק, וואָס איז שטענדיק געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ ווינקל פונעם הויז.

אינדערפרי האָט די מאַמע מיינע פון איין זייט געשריגן אויף מיר, פאַרוואָס איך בין געווען אַזוי שפּעט אויף דער התונה... פון דער צווייּ־טער זייט, האָט זי געפאָרשט, געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס אַלץ איז דאָרט געווען, און וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן.

ווען איך האָב אַ כאַפּ געטאָן מיין רעקל און געוואָלט באַווייזן, וואָס עס איז אַלץ סערווירט געוואָרן ביי דער חתונה, וואָס איך האָב געגעסן און נאָך געבראַכט אַהיים מיט זיך, האָב איך געטראָפן אין די קעשענעס איין גרויסע מאַסע בלאָטע. דער פּעטשאַ און דער פּאַרקי־טער מאַרינאַט איז זיך צעגאַנגען און דאָ איז געוואָרן איין גרויסער געמויז פון פיש, הערינג, קישקע, עוף, טאָרט, ניס און צוקערקעס...

איך האָב שוין דער מאַמען דאָס נישט געוויזן, ווייל דאָס וואָלט געמיינט פרישע פּעטש פאַר רואינירן דאָס רעקל... האָב איך בעסער גע־נומען דערציילן דער מאַמען פון דער טערקישער קאַווע, וואָס איך האָב געטרונקען...

די מאַמע האָט אויסגעגלאָצט אירע אויגן און נאָכאַמאָל און ווי־דעראַמאָל איבערגעפרעגט: „טערקישע ק־אַ־וו־ע“???

„יאָ, מאַמע — האָב איך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און גרייט גע־ווען זיך צו שווערן — מיר האָבן געטרונקען טערקישע קאַווע“.

„געטרונקען“? — האָט די מאמע איבערגעפרעגט.

„ניין — האָב איך זיך שוין צוריקגעכאַפּט — איך האָב גלייך אויסגעשפּיגן. דאָס איז דאָך ווי אַ בלאָטע, געדיכט, שמוציק, ביטער און גלאַט פּאַסקודנע“...

די מאַמע האָט מיטן פאַרטעך זיך אַ וויש געטאָן די אויגן און מיט נצחון זיך צעלאַכט: „זאָלן די רייכע אַזוי וויסן פון זייער געזונט, ווי זיי ווייסן וואָס גוט איז... ווען זיי מאַכן אָבער אַ טעפּעלע ציקאָריע, מיט אַ ביסל געבריטע מילך, און זיי טרינקען דאָס „פּרעקוסקע“, וואָלטן זיי געוווּסט וואָס עס מיינט טעם גן־עדן.. גאָר גיי, זאָג אַ בהמה פון מאַרצעפּאַנעס...“

פאַרדינטע מלקות...

דער שוואַרצער וואָלקן־רויך, וואָס האָט געגומען אַרויסשלאָגן דורכן קוימען פון דעם מרחץ ערב יום־טוב, איז געווען דער אמתער עמוד האש, וואָס האָט דערמאָנט די יידן אין יום־טוב — „יידן אין באָד אַריין"...

אויף צוויי זאַכן האָבן יידן שטענדיק אויסגעקוקט די אויגן: אויף דעם יאַריד פאַר יום־טוב צו קאָנען איינקויפן אַ טעפּל און אַ רייבאייזן און — אויף דער באָד, צו קאָנען גיין אין מרחץ אַריין.

אַ באַזונדער הנאה פוןביידע זאַכן האָט געהאַט דאָס יונגוואַרג. דער יאַריד, ווו מ'האָט געקאָנט קויפן אַ היטעלע אויף יום־טוב און די הויפּט־זאַך — זען דעם קליינעם צירק, וואָס דער אַלטער טאַטאַרעק פלעגט אַראָפּברענגען.

עס זענען געווען אין צירק, וואָס מ'האָט געקאָנט אין דעם לייוונ־טענעם ביידל אָנקוקן פאַר אַ קאָפּיקע: אַ מאַלפּע אָן אַן עק, אַ ווילדע קאַץ אָן וואָנצעס, אַ טיגער אָן ציין און אַ באָק אָן אַ בערדל... דער צירק איז געווען עפּעס אַ מין סימבאָל פון מיין שטעטל ליפּסק, ווו יעדן איינעם האָט עפּעס געפעלט: וועמען אַ שוך, וועמען אַ קלייד און וועמען גלאַט אַ פּאָר גראָשן אויף שבת, יום־טוב און אַ גאַנץ יאָר...

אַזוי האָט אויך דאָס יונגוואַרג אויסגעקוקט אויפן טאָג, ווען די טאַטעס וועלן זיי נעמען אין מרחץ אַריין, און זיי — די יונגע חבֿרה — וועלן זיך קאָנען שפּריצן מיטן וואַסער, אַ ברי טאָן איינער דעם צווייטן מיטן הייסן בעזעמל, און די הויפּט־זאַך — אָפּגיסן מיט קאַלטע וואַ־סער די יידן אויף דער אויבערשטער באַנק, אויף וועמען זיי האָבן גע־האַט אַ האַרץ.

געוואַרט האָבן שטענדיק די יאַטן אויף אַ געלעגנהייט זיך אָפּצו־רעכענען אין באָד מיט בערטשיק דעם גביר.

אָט דער בערטשיק איז געווען דער איינציקער גביר אין שטעטל, און צוליב דעם איינציקן גביר האָבן אַלע ייִדן געליטן. אַז בערטשיק האָט אָפּגענאַרט עמעצן אין וואָג, האָבן די קריסטן גערופן אַלע ייִדן „מאָשעניקעס“; אַז בערטשיק האָט געהאַט וועקסלען אויף אַ קריסט, האָט מען גערופן אַלעמען „פּראָצענטניקעס“. און נישט בעסער האָט בערטשיק באַהאַנדלט די ייִדן, אפילו זיין אייגענע פאַמיליע.

נאָר אַז עס זענען געקומען די פּראָכטיקע טעג, איז בערטשיק געוואָרן דער דעה־זאָגער אין שול און אין באָד: ווער עס זאָל דאַווענען און ווער עס זאָל בלאָזן שופר, ווער עס זאָל קריגן מפטיר און ווער שלישי...

בערטשיק האָט געוווסט, אַז מען האָט אים זייער „ליב“ אין שטעטל, פלעגט ער זיך פּרובירן אָפּרעכענען מיט ייִדן אויף פאַרשידענע אופנים: איינעם האָט ער נישט געוואָלט באָרגן, אַ צווייטן פלעגט ער גלאַט דריקן, אַ דריטן — אפילו מסרן פאַר דער פּאָליציי.

נקמה פלעגט ער אויך נעמען, וואָס אומעטום האָט מען געמוזט וואַרטן אויף אים. אָן אים האָט מען נישט געטאָרט אָנהייבן דאַווענען, אָן אים האָט מען נישט געטאָרט עפענען קיין אסיפה. דער איינציקער פּלאַץ, וווּ ער האָט נישט געוואָלט מ׳זאָל וואַרטן אויף אים, איז געווען אין מרחץ. דאָ גראַדע האָט ער ליב געהאַט צו זיין פון די לעצטע — האָבן די באָד פאַר זיך אַליין...

איין פאַר יום־טוב איז דאָס שטעטל געגאַנגען כּאָדראָם, און ווידער האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן בערטשיקן. גערעדט האָט מען וועגן אים אויפן שול־הויף, אויף די פּריזבעס און אַפילו אין באָד אויפן „פּאָל“.

געשען איז אָט־וואָס: מאָטקע דער דאָרפס־שניידער איז געקומען ערב יום־טוב פון דאָרף, נישט האָבנדיק פאַרדינט אַ קאָפּיקע געלט. אין הויז איז געווען פינצטער און טרויעריק, האָט ער באַשלאָסן, אַזוי ווי ער קומט בערטשיקן בלויז אַ פּאָר רובל פאַר דעם שטיקל סחורה, וואָס ער האָט גענומען צו מאַכן זיך אַ לעטניק נאָך אויף פּסח, וועט ער איצט אפשר קריגן געבאָרגט אין בערטשיקס קראָם דאָס נויטיקע אויף אַ נייעם חוב פון אַ פּאָר רובל.

ווי גיך מאָטקע איז אַריין אין קראָם, האָט בערטשיק אים אַ פרעג געטאָן, צי ער האָט געבראַכט דאָס געלט פאַר דער סחורה?

ווען מאָטקע האָט גענומען שטאַמלען: יום־טוב. ראָש־השנה, יום־כיפור, האָט בערטשיק אַראָפּגעריסן פון אים זיין לעטניק, אַרויסגעוואָרפן

אים פון קראָם און האָט אים נאָך נאָכגעשריגן, אַז ער וועט אים פאַרשיקן אין סיביר מיט אַלע „ציציליסטן“.

מאַטקע איז געקומען אַהיים און גענומען זוכן צווישן יידן, ווער עס קאָן אים געבן עפּעס וואָס אָנצוטאָן צו גיין אין שול אַריין.

עס האָט גענומען קאָכן אויף דער גאַס, איבערהויפּט האָט אַ פייער זיך אָנגעצונדן צווישן די שניידער־געזעלן, זיי האָבן באַשלאָסן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אָנלערנען דעם רייכן, אָנדרייען דעם חזיר פאַר די אויערן.

ערב יום־טוב האָט די דינסט ביי בערטשיקן אויסגעהאָנגען אויף דער וועראַנדע זיך צו לופטערן, ווי אַ סטראַשידלע, בערטשיקס קליידער, די אַטלאַסענע קאַפּאָטע, דעם צילינדער, דעם פיינעם זיידענעם טלית — צוגעגרייט פאַר אים זיך אויסצופּוצן צו גיין אין שול אַריין — אויף זיין „שטאָט“ אין סאַמע מזרח אויבן־אָן.

ווען מאַטקעס פרוי איז געקומען צו לויפן בעטן רחמים, ער זאָל צוריקגעבן די קאַפּאָטע און נישט פאַרשטערן אַ יידן דעם יום־טוב, האָט איר בערטשיק געענטפערט מיט שפּאָט, אַז מסתמא האָט איר מאַטקע אַזוי אויסגעבעטן לעצטן יאָר אַזאַ כתיבה וחתימה...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פעקל וועש מיט האַנטעך אונטערן אָרעם, וואָס די דינסט האָט אים צוגעבראַכט און איז אַוועקגעלאָפן אין באָד אַריין.

עס איז שוין געווען שפּעט. אַלע יידן זענען אַוועק פון מרחץ. בלויז יויזקע דער בעדער איז נאָך פאַרבליבן אַכטונג צו געבן אויפן אויוון, ווייל ער האָט געוווסט, אַז בערטשיק דאַרף נאָך קומען.

בערטשיק האָט זיך צעלייגט אויף דער אויבערשטער באַנק ווי ביי זיך אין סאַד. יויזקע האָט גענומען דערלאַנגען פּאַרע און בערטשיק האָט זיך געשמאָלצן — „איי גוט“ — אין דער לענג און אין דער ברייט.

אין דעם געדיכטן טומאַן פון פּאַרע זענען אַריינגעקומען עטלעכע „געזעלן“ איבערגעדעקט מיט ווייסע לייַלעכער און אַ זאָג געטאָן צו בערטשיקן: „רב בער, ס'איז שוין שפּעט, האָט דער רב אונדז געשיקט, אַז מיר זאָלן אייך טאָן דאָס רעכט דאָ, גלייך אין מרחץ... און אייך געבן די נויטיקע מלקות“.

בערטשיק האָט געהערט, אַז דער רב האָט געשיקט, האָט ער זיך בכבוד אַוועקגעלייגט ווי עס באַדאַרף צו זיין, גענומען זאָגן: אשמנו, בגדנו, גזלנו, און די געזעלן האָבן גענומען דערלאַנגען „מלקות“ אָן אַ צאָל....

ווען ער האָט גענומען שרייען: געוואַלד, עס טוט וויי! האָבן זיי אים געענטפערט: „מסתמא האָט איר זיך אַזוי אויסגעבעטן לעצטן יאָר, אַז איר זאָלט האָבן אַזאַ כתיבה וחתימה....“

ווען בערטשיק איז קוים געקומען מיט די לעצטע כוחות אַהיים, האָט ער אויף דער וועראַנדע נישט געטראָפן קיין אַטלאַסענע קאַפּאָטע, קיין צילינדער און קיין טלית. אין די וואָכעדיקע בגדים איז ער ווי נישט זיין אוועקגעקראָכן אין שול אריין, ווו אַלע יידן האָבן שוין אויף אים געוואַרט. און מער פון אַלע האָט געוואַרט מאָטקע דער שניידער, וועלכער האָט גלייך געלאָזט וויסן בערטשיקן: טוט אוים *מיין* קאַפּאָטע, וועל איך אויסטאָן *אייער* קאַפּאָטע.

דער טאַטע שלאָגט מיר על־חטא...

שוין פון וואָכן פאָרויס האָט מען אין מיין קליין שטעטעלע געקאָנט דערקענען דאָס אָנקומען פון א יום־טוב.

דעם יום־טוב האָט מען געקאָנט דערקענען פון א סך זאכן, איבער־הויפּט פאַר ראש־השנה און יום־כיפור. חוץ דעם שופר־בלאָזן, וואָס האָט צווישן די פרומע אָנגעוואָרפן א פחד אויף גרויס און קליין, איז אויך געווען דאָס רעדן און אָנגרייטן זיך מיט די יום־טובדיקע מאכלים, וואָס האָט געגעבן א סך פרייד און טעם אין לעבן...

אבער אויף מער פון אלץ האָבן מיר, די קינדער, אויסגעקוקט אויפן יום־טוב צוליב דאָס באַגייען זיך: ווער מיט א גאַרניטור, ווער מיט נייע שיך און ווער מיט א שניפּס און מאַנישקע.

אפילו די יינגלעך פון דעם אָרעמען קלאַס האָבן אויך אויסגעקוקט די אויגן פאַרן יום־טוב. אויך איך האָב דערוואַרט, אז פאַר ראש־השנה וועט דער טאַטע פאַר מיר איבערניצעווען א מאַרינאַרקע און א פּאָר הויזן און אויך קויפן א נייע היטעלע אויפן יאָריד.

דעם יום־טוב האָט מען אויך אפילו דערקענט לעבן באָד, ווו די פּוי־ערים האָבן אַראָפּגעלייגט האָלץ, עס זאָל זיין מיט וואָס די באָד צו הייצן פאַר די הייליקע טעג, זיך ריינצווואשן פון די זינד און אפשר די הויפּט־זאך פונעם שמוץ...

ווען ייד און קריסט האָבן געזען אין באָד גיין א רויך פון קוימען, האָט מען געוווּסט ס'איז ערב יום־טוב...

אויך אַרום בית־המדרש און שול האָט מען דערשמעקט דאָס אָנקו־מען פון יום־טוב. דעם בית־המדרש פלעגט מען אויף יום־טוב קאַלכן און אויך די שול פלעגט מען פאַרריכטן, פאַרשמירן די לעכער, אריינשטעלן שויבן ווו ס'איז געווען צעבראָכן און אָפּפּוצן די לייכטער און לאָמפּן, איבער וואָס די פרויען האָבן זיך ממש געריסן, צוליב דער מצוה.

און אז מ'איז פאַרבייגעגאַנגען די קוזניע פון מיין זיידן, יאַנקל דער

שמיד, װעלכער איז געװען צײטנװײז אויך דער חזן, האָט מען געהערט װי עס קײקלט זיך, מיט דעם געקלאנג פון דער קאָװאַדלע, מײן זײדנס לײבן־שטימע.

אויך מײן טאַטע, משה־אהרן דער שנײדער, פלעגט אָפט דאַװענען שחרית פארן עמוד, און אויך ער פלעגט באַגלײטן דעם געשטעפ אויף דער מאַשין, אָדער דעם ארויסבלאָז פון פרעס־אײזן אויפן געװאַנט מיט ניגונים פון די פאַרטאָמיקע טעג. ער פלעגט אין דעם ניגון ארײנגיסן דעם גאַנצן װײטיק פון דער אָרעמקײט אין הויז. אזוי אז ער האָט שוין װאָכן אין פאָרויס „געבעטן" אויף א שטיקעלע מער מזלדיק קװיטל...

איך האָב צו נײן יאָר שוין געאַרבעט מיטן טאַטן בײם טיש, געלערנט זיך צו װערן א שנײדער. צװישן אײן תפילה און א צװײטער, האָב איך געהערט װי דער טאַטע באַקלאָגט זיך פאַר דער מאַמען אויף יאַנקל דעם קאַראַבעלניק, װעלכער איז געװען אײנער פון די רײכע באַלעבאַטים, געהערט צו דער מזרח־װאַנט, און איז אויך געװען דער גבאי אין שול.

דער טאַטע האָט דערצײלט, אז יאַנקל דער קאַראַבעלניק לאָזט אים נישט זיצן אויף דער „שטאָט" אין בית־המדרש, צוליב די זעקס רובל, װאָס ער איז אים שולדיק פאַר די פאַדאַטקעס און קאָן נישט באַצאָלן ביז נאָך יום־טוב. דער רב הײסט דעם טאַטן זיצן אויף דער „שטאָט", נאָר ער װיל נישט מאַכן קײן מחלוקה. װעט אים אויסקומען צו שטײן דעם גאַנצן דאַװענען הינטערן באַלעמער.

די מאַמע האָט זיך אויסגעװישט א טרער: „אָבער װי װעסטו דאָס שטײן אויף די פיס? יום־טובים געדױערט דאָס דאַװענען לאַנג. דערצו זעען דײנע אויגן שלעכט, הינטערן באַלעמער איז דאָך פינצטער?"

דער טאַטע א שטילער מענטש, אָן קנאה און אָן שנאה, האָט שטיל געענטפערט דער מאַמען:

„הער זיך צו, רחל, איך װעל זיך מיט יאַנקל דעם דעזאָרצע נישט פאַרטשעפען, ער קאָן נאָך די שטוב און די נײ־מאַשין אויך ארײנװאַרפן אין חרם"...

איך בין געזעסן בײם טיש, זיך צוגעהערט צו דעם קרעכצנדיקן געשפרעך פון טאַטע־מאַמע. איך האָב געגנבעט נישט פאַרשטאַנען װעגן װאָס דאָ האַנדלט זיך. אָבער אײן זאַך איז מיר קלאָר געװאָרן. פאַרװאָס מײן טאַטע שטײט הינטערן באַלעמער און זיצט נישט מער אויף זײן „שטאָט", װאָס ער האָט געהאַט בירושה פון זײן זײדן.

איך האָב מיין טאַטן ליב געהאַט פאַר זיין אָרנטלעכקייט. איך האָב געהאַט א באַזונדער צופרידנקייט, ווען די קריסטן און אונדזער שטעטל האָבן מיין טאַטן רעספּעקטירט פאַר זיין שפּאָרעוודיקייט און שניידן זייער סחורה און זיי פלעגן אָפט באַטאָגען, אַז צוליב זיין אָרנטלעכקייט איז אים אזוי שווער צו מאכן א לעבן אפילו מיט דער הילף פון פרוי און קינדער.

אָבער שוין אַלס קינד איז מיר געווען דערווידער דעם טאַטנס אונטערטעניקייט צו דעם רייכערן.

איך האָב שוין נישט געקאָנט פאַרגעסן די גאַנצע צייט ביז ראש־השנה, אַז מיין טאַטע וועט דאַרפן שטיין דעם גאַנצן דאַווענען און איך, פאַרשטייט זיך, לעבן אים.

ערב ראש־השנה בין איך געגאַנגען מיטן טאַטן אין שול אריין. איך האָב געפילט, אַז זיינע תפילות זענען אויסגעמישט מיט „פּאָדאַטקעס", מיט יאַנקל דעזאָרצעס און — און זיין צעבראָכענער שטימע, וואָס האָט זיך אָפט אויסגעמישט מיט דעם שווערן יאַרישלעווען הוסט, וואָס איז אים שטענדיק געווען אויפן האַרצן, איז געווען געבעטן און פאַרגעבונג — פאַר די רייכע ווי פאַר די אָרעמע.

דורך דער צייט פון דאַווענען האָבן מיר, דאָס יונגוואַרג, זיך ארויסגעכאַפּט פון שול־הויף א ביסל א שטיף טאָן. מיר פלעגן שוין געפינען תירוצים פאַרוואָס ארויסצוגיין.

אזוי לויפנדיק איבערן שול־הויף האָבן מיינע אויגן דערזען א קאַסטן מיט וואַפּנע, וואָס עס איז באַנוצט געוואָרן די שול צו פאַרריכטן. און אַז איך האָב דערזען אין דעם א קרוג, איז מיר איינגעפאַלן א געדאַנק ווי גוט צו מאכן דעם ווייטיק פון מיין געקריוודעטן טאַטן...

ווען מיר זענען ארויס פון בית־המדרש, זענען די טירן געבליבן אָפן פאַר די אורחים, וואָס זענען אוועק עסן און געדאַרפט קומען שלאָפן אויף די בענק ביים אויוון.

גייענדיק אהיים, האָב איך זיך ארויסגעדרייט ביים טאַטן פון אונטער די הענט. איך בין צוגעלאָפן צום קאַסטן, אנגעשעפּט א קרוג מיט וואַפּנע, אריין אין בית־המדרש און אויסגעגאָסן אויף די אַלע זיץ־פּלעצער פון די רייכע אין מזרח־וואַנט...

איך בין גלייך געקומען א היים און מיט צופרידנקייט געגעסן און געגאַנגען שלאָפן, טראַכטנדיק, אַז דורך דער נאכט וועט דאָס פאַרהאַרטעוועט ווערן און אום יום־טוב וועט מען דאָס נישט קאָנען ארונטער־

געמען. אזוי וועלן די רייכע, די גבירים מוזן שטיין די גאנצע צייט פון דאווענען, און אויך יאנקל דעזאָרצע וועט מוזן שטיין צוגלייך מיט מיין טאַטן. אלע וועלן פילן דעם טעם פון שטיין אויף די פיס...

אין דער פרי האָט דער טאַטע מיך אויפגעוועקט און ווי אלע מאָל אָנגעזאָגט איך זאָל נישט קומען צו שפּעט אין שול אריין.

איך האָב זיך אָנגעטאָן צו לויפן אין שול אריין, איך האָב זיך געוואָלט וואָס מער אָנזעטיקן מיט נקמה פאר מיין טאַטן.

נאָר ווי איך האָב געעפנט די טיר פון בית־המדרש מיט א שמייכעלע אין די אויגן און דערזען, ווי אלע פון אויבן־אָן שטייען פונקט ווי מיין טאַטע הינטערן באַלעמער, איז גלייך דער טאַטע מיר אנטקעגן געקומען „מקבל פנים" זיין.

דער טאַטע האָט מיך אָנגענומען פארן אויער, און נישט מפסיק געווען מיט קיין וואָרט, כדי מיך עפּעס וואָס צו פרעגן, אָדער זאָגן, נאָר בפני כל־עם־ועדה, מיט איין האנט געהאַלטן דעם אויער און מיט דער צווייטער געפּאטשט, געשלאָגן אָן א טאָלק און אָן א רעכענונג...

ווען הער זיידע, יאנקל דער שמיד, איז צוגעלאָפן און מיך ארויסגענומען פון טאַטנס הענט, האָב איך זיך ארויסגעכאַפּט אין דרויסן.

קומענדיק א ביסל צו זיך, בין איך געשטאנען מיט מוראדיקן פארדרוס און חרפּה. נישט אזוי וואָס איך האָב געכאַפּט פּעטש פון טאַטן. צו פּעטש בין איך שוין געווינט געווען... א פארדרוס איז מיר געווען וואָס מיין טאַטע האָט אזוי געהאַנדלט. איך האָב זיך אָנגענומען זיין קריוודע און ער — ער האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון די, וואָס פלעגן אזוי אָפּט זיך באָדן אין זיין בלוט.

„מיט א פרייליך פנים"

(דערציילונגען און מעשהלעך)

דער ערשטער ארויספאָר קיין קוני־איילאַנד

אַזוי גיך ווי דער „גרינער“ האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ נייעם אַמעריקאַנער גאַרניטער, מיט אַ קנייטש אויף די הויזן, און האָט שוין באַוויזן צו נעמען ביי אַ „קאָסטימער פּעדלער“ אויף אויסצוצאָלן אַ זייגער מיט אַ גאָלדן קייטל, האָבן די קאָזינס און קוזינעס אין זיין עלטער אים גענומען ווייזן ניו־יאָרק: טעאַטערס, קאָנצערטן, פּאַרקס און אַפילו געפירט אים ווייזן דעם „זו“. זיי האָבן אויך באַשלאָסן צו פירן אים ווייזן דעם באַרימטן פאַרוויילונגס־פּלאַץ: קוני־איילאַנד.

אויך די שיינע אסתר, איינע פון דער פאַמיליע, האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם „גרינעם“ און זי האָט געגעבן אָנצוהערן:

— ווען שעפּסל זאָל זיך קויפן אַ שטרויענעם הוט און אַוועקוואַרפן דאָס יינגלישע היטעלע, וואָלט איך אים „אויסגענומען“ אַמאָל צו אַ טאַנץ.

שעפּסל האָט מיט פאַרדרוס אַ זאָג געטאָן: אויב דער הוט איז די הויפּט־זאַך, טאָ זאָל זי זיך קויפן אַ הוט און גיין דערמיט טאַנצן...

פונדעסטוועגן האָט ער זיך איבערגעבעטן מיט זיך אַליין. ווען זיינס גלייכן האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז שבת פאָרן זיי מיט אים צו ווייזן קוני־איילאַנד, איז ער אַוועק מיט איינעם פון די קאָזינס און זיך איינגע־האַנדלט אַ האַרטן שטרויענעם הוט.

שבת פרי האָט זיך שעפּסל אויסגעפּוצט אין דעם נייעם גרויען גאַר־ניטער, אָנגעטאָן זיך דעם זייגער מיטן גאָלדענעם קייטל, ווי מ׳האָט דאַן געטראָגן: אין דער אויבערשטער קעשענע פונעם רעקל און דאָס רינגל פון קייטל פאַרשפּיליעט אין דער קליאַפּע פון לאַץ, פאַרקאַמט זיך די האָר און אָנגעטאָן צום ערשטן מאָל דעם האַרטן שטרויענעם הוט.

אַכט פון דער פאַמיליע: קאָזינס, קוזינעס און פריינד, זענען מיט־געפאָרן מיט „שעפּסל דעם גרינעם“ קיין קוני־איילאַנד.

געפאָרן איז מען קיין קוני־איילאַנד מיט אַ „סטריט־קאַר" — פאַר איין ניקל פינף סענט. און געפאָרן איז מען, ס'הייסט געשלעפּט זיך, פון צוויי ביז דריי שעה.

אויפן וועג האָבן זיי, די שוין „אויסגעגרינטע", געהאַלטן שעפּסלען אין איין דערציילן פון די וואונדער און בייז־וואונדער, וואָס מ'זעט זיך דאָרט אַלץ אָן.

— עס איז פאַראַן אַ „לונאַ־פּאַרק" — זאָגט איין קאָזין: וואָס ווייסטו, וואָס דאָרט טוט זיך אָפּ? נאָר וואָס דאַרף איך דיר דערציילן, אָט באַלד וועסטו דאָס אַליין זען.

כאַפּט אונטער אַ קוזינע: „נו, און וואָס איז מיט „סטיפּלטשעיס"? אַז מ'גייט דאָרט אַריין, ווייסט מען נישט, צי מ'איז אויפן הימל צי אויף דער ערד"...

אויך אסתר וואַרפט אַריין אַ וואָרט: „און וואָס איז שלעכט גלאַט גיין שפּאַצירן, הערן די שרייער, זען „די קליינע מענטשעלעך", זען דאָס מיידל, וואָס איז האַלב־מענטש און האַלב־פיש, אָדער דורכפאָרן דעם טונעל אין דער פינצטער אין אַ שיפל, וואָס וואַרפט אין אַ קדחת און מ'קושט זיך נאָך אויך?" — צעלאַכט זי זיך.

וואָס ווייטער זיי פאָרן, ווערט דער טראַמוויי אַלץ מער איבערגע־פילט, עס הענגט שוין יונגוואַרג פון ביידע זייטן אויף די שטאַנגען ביי די אָפענע פענצטער; מען שטייט שוין איינע אויף די אַנדערע. די פּעק־לעך מיט די באָד־קאָסטיומען באַמבלען זיך אויף די אַקסלען; די שפּייז, וואָס מ'האָט מיטגענומען, ווערט צעדריקט, אַזוי אַז מ'קאָן שוין דער־שמעקן פאַרשידענע ריחות פון די שפּייזן. אָט פאַרשמעקט מיט געבראָ־טענער הון; אָט דערפילט מען דעם ריח פון געהאַקטע לעבער, און אָט רייסט די נאָז פון געפילטער קרויט, וואָס אַ פאַמיליע האָט געפירט אין אַ סלאָי, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן פון אַ קלאַפּ מיטן פוס...

מיטאַמאָל האָבן אַלע דערפילט איין ריח — אַן איבלדיקן ריח פון אַ שטייענדיק וואַסער פון אַ זומפּ און אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך באַוויזן אַ פרייד. ווי מיט איין קול האָבן אַלע גענומען שרייען: קוני־איילאַנד! קוני־איילאַנד!...

אַ פאַרפּלאָנטערטער מענטשן־קנויל האָט זיך גענומען שפּאַרן צום אַרויסגאַנג. יעדער איינער האָט געפּרוווט אויסוויקלען — זיך, די פּעק־לעך, און געפינען די אייגענע פון דער גרופּע.

ענדלעך שטייט „שעפּסל דער גרינגער" מיט דער פאַמיליע צוזאַ־מען. דאָס ערשטע כאַפּט ער זיך געבן אַ קוק אויף זיין נייעם זייגער: ווי לאַנג האָט גענומען די רייזע? נאָר ווי ער האָט אַ קוק געטאָן צו זיין לאַץ, האָבן שוין אַלע דערזען, אַז מ'האָט אים געשניטן „קריעה"... אַ קע־שענע־גנב האָט אויפגעשווירן דאָס לעכל אין קלאַפּע און — דער גייענ־דיקער זייגער איז אַוועק אַזוי יונג, פאַר דער צייט...

די פאַמיליע האָט געפּרוווט טרייסטן שעפּסלען, אַז דעם לאַץ וועט ער קאָנען פאַרריכטן ביי אַ וועבער, און אַ זייגער וועט ער קאָנען קריגן אַ צווייטן, ביים „קאָסטימער פּעדלער", ווייל אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך נישט באַצאָלט, איז דער זייגער ביים פּעדלער פאַרסטראַכירט.

דער „גרינגער" שעפּסל האָט זיך אַ וויילע דערפילט זייער אַנטוישט פון זיין ערשטן אַרויספאָר אין קוני־איילאַנד. נאָר אָט איז ער אַרוים אויף דער טומלדיקער סוירף עוועניו, דערהערט די געשרייען און דערזען ווי מ'רייסט אַלעמען פאַר די אַרבל, זיי זאָלן קויפן „אייז־קרעם", צוקער־וואַטע (קאַטן קענדי), פריש־געקאָכטע קוקורוזע, און „האָט־דאָגס".

שעפּסל האָט געוואָרפן זיינע אויגן אויף די אַלע טשיקאַוועסן, אויף די פאַרזעעניש, אויף די האַלב־נאַקעטע טענצער, אויף דעם „זעקסהונ־דערט־פונטיקן מיידל", ווי זיי האָבן זי פאַרגעשטעלט און אויף דעם „פינף־און זעכציק־פונטיקן ליליפוטל", איר מאַן...

ענדלעך האָט די פאַמיליע זיך דערנעענטערט צו „סטיל־פּטשעים", וווּ אַ גרויסע גומענע אָנגעבלאָזענע „לעידי" האָט אַלעמען באַגריסט מיט אַ קייכן זיך פון געלעכטער... פון פאָרנט איז געזעסן אין אַ דראַטענעם שטייגעלע אַ מאַן, וואָס האָט פאַרקויפט בילעטן: אַ קאָמבינאַציע־בילעט אויף צוועלף אַטראַקציעס — פאַר פופציק סענט.

און אָט וואַרפט שוין דער „גרינגער" שעפּסל זיינע אויגן אויף אַלע בייז־וווּנדער, אויף די הוידעלקעס, אויף די פערדלעך, אויף די שיפלעך, אויף דעם „לופּ־דע־לופּ" און אויף דעם „שטורעמדיקן גליטשער", וווּ מ'גייט אַרויף מיט טרעפּ אַזוי הויך ווי פינף עטאַזשן, און פון דאָרט לאָזט מען זיך באַרג־אַראָפּ אין אַזאַ דרייענדיקער שיסל, וווּ עס וואַרפט ווי אין קדחת.

די קאָזינס, וועלכע האָבן גוט געדענקט שעפּסלס צונאָמען אין חדר: שעפּסל דער „אַטוואַזשניק", האָבן אויך דאָ געוואָלט זען, צי דער „גרי־

נער" איז נישט פון די שרעקנדיקע. האָבן זיי באַשלאָסן צו גיין צוערשט צו דער אַטראַקציע פון „שטורעמדיקן גליטשער".

זיי האָבן גענומען שפּאַנען די טרעפּ אַרויף־צו, און „שעפּסל דער גרינגער" — מיט זיי.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן ברעג, און ווען איינער האָט אויסגערופן: איינס, צוויי, דריי, האָבן אַלע גלייך זיך אַ לאָז געטאָן.

עס האָט גענומען טראָגן און וואַרפן. נאָר אינמיטן האָט דער שטו־רעם אַ טראָג געטאָן דעם נייעם שטרויענעם הוט פון שעפּסלס קאָפּ. דער הוט האָט גענומען קייקלען זיך באַרג־אַראָפּ אין שיסל אַריין. יאָ, דער שטרויענער קאַפּעליוש איז אָנגעקומען דער ערשטער... און ווען זיי זענען אַרונטערגעקייקלט געוואָרן צום „דנאָ" מיטן פולן אימפּעט, האָט יעדער איינער געטראָפן מיט די פיס אין דעם נייעם שטרויענעם הוט, וועלכער איז צעמאָלן געוואָרן. בלויז דער שוואַרצער באַנד איז געבליבן הענגען ביי איינעם פון די קאָזינב אויף אַ שוך — ווי אַ טרויער־צייכן — נאָכן זייגער און נאָך דעם שטרויענעם קאַפּעליוש...

אסתר האָט געוואָלט אַ ביסל צעשטרייען דעם „גרינעם" פאַר די אַלע „פאַרגעניגנס", וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט פון זיין ערשטן באַזוך אין קוני־איילאַנד, האָט זי אים איינגערעדן, שוין אָן אַ הוט, צו פאָרן מיט איר צוזאַמען אין דעם ראָמאַנטישן טונעל, ווי אַ שיפל פאָרט אין דער טונקלקייט פון שיינע פּאַנאָראַמעס פון דער וויטן.

דער „גרינער" שעפּסל האָט פאַרגעסן אין זייגער און אין דעם הוט. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ פריידיקע שטימונג.

שטיפעריש זענען זיי אַריינגעשפּרונגען אין די שיפלעך, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט איינע די אַנדערע און זיך אַוועקגעלאָזט אין טונעל אַריין.

שעפּסל, נאָך גאַנץ היפּש שעמעוודיק, איז געזעסן אין שיפל און געוואַרט אויף אַ פאַסיקער געלעגנהייט, אָדער אויף אַ גוט וואָרט פון אסתרן, אויף אַ דערמוטיקונג אַרומצונעמען זי און געבן איר אַ קוש...

נאָך איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט צו ווערן אַנטשלאָסן, האָט זיך ווידער באַוויזן ליכטיקייט און דאָס שיפל האָט זיך אָפּגעשטעלט. די דריי מינוט זענען אַריבער...

ביים אַרויסגיין פון די שיפלעך האָט אַ גומענע קוקלע אַרויסגע־רוקט דעם קאָפּ דורך אַ פענצטער און געוויזן די פּאַסאַזשירן — אַ נאָז...

שעפּסל האָט געפילט און אפשר אויך אסתר — אַז די לאַנגע נאַז איז געצילט צו זיי...

איצט, ווען ער פאָרט אין קוני־איילאנד, דערמאָנט זיך שעפּסל, אַז עס איז געוואָרן פּונקט פופציק יאָר, ווי ער האָט צום ערשטן מאָל געהאַט זיין דערפאַרונג און ד ע ר פ אָ ר ו נ ג אין קוני־איילאנד. בענקט זיך אים שטאַרק נאָך זיין פאַרלוירענעם זייגער, נאָך זיין פאַרלוירענעם קאַפּעליוש, און נאָך זיין פארלוירענעם קוש. נאָר מער ווי אלץ — נאָך די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר!...

ווי דערלעב איך שוין איבעראַיאָר?...

(מאָנאָלאָג)

איר האָט שוין אַ נייעם קאַלענדאַר? פיין, זאָלט איר דערפאַר דערלעבן איבעראַיאָר.

איך ווייס נישט אויב נאָך אַ מענטש קוקט אַזוי אויס אויף אַ נייעם יאָר ווי איך. מיט יעדן נייעם יאָר, ווער איך א נייער מענטש.

פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרלייקענען זייערע יאָרן, אַנדערע קירצן זיך די יאָרן, און פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס ווילן אויסציען אַ יאָר אויף אַכצן הדשים... ביי מיר אָבער, איידער איך דערלעב ניי־יאָר, איז יעדער טאָג אַ יאָר...

וואָס אייל איך זיך אַזוי? עס ברענט? נישטאָ קיין צייט? די מאַמע־ערד וועט מיך ארויסטרייבן פאר קומען צו שפעט אהיים?....

יאָ, אייך איז גוט צו רעדן, איר האָט זיך שוין צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט, „ריטאיערט“, ווי מ׳זאָגט דאָ. אָבער איך געפין זיך אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע. ווי איר קוקט מיך אָן בין איך שוין ראוי לחופה... לויט די אמתע יאָרן, זינט מיין מאַמע האָט מיך געבוירן און דער טאַטע האָט מיך פאַרשריבן אויפן טאָוול פון זיין סידור — בין איך שוין פינף און זעכציק — נאָך מיט „אָווערטאַים“. נאָר לויט דער שיפס־קאַרטע, וואַס מ׳האָט אָנגעגעבן ביים קומען דאָ אין לאַנד, בין איך געבוירן געוואָרן — ווען איך בין שוין אַלט געווען גאַנצע דריי יאָר. כ׳בין הייסט עס, אַליין געגאַנגען צו מיין ברית...

די מעשה איז אַזוי געווען, לויט די שיפס־קאַרטן וואָס מ׳האָט צוגעשיקט אין דער אַלטער היים, האָט לויט אַלע רעכענונגען געפעלט אַ האַלב שיפס־קאַרטע.

ווי איר זעט, בין איך קיין צו־גרויסער און צו־געראָטענער נישט געווען. האָט מען באַשלאָסן מיר קירצן דריי יאָר... און פון זיבעצן בין איך געוואָרן פונקט פערצן, צו קאָנען פאָרן אויף אַ האַלבן בילעט.

אָט אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן, און פון דאַן אָן האָט מען מיר שוין אומעטום געקירצט די יאָרן... די ערשטע שוועריקייט איז געווען ביים קריגן אַ דערלויבעניש פאַר אַרבעט. שפּעטער האָב איך פאַרלוירן אַ ליבע מיט אַ ווויל מיידל, ווייל זי האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ צו־יונג ייִנגל.

אַזוי איז עס געגאַנגען ביז מ'האָט מיך רעקרוטירט פאַר אַ סאָל־דאַט. אויף מיינע אַלע טענות און דערקלערונגען האָט מען געהאַט איין ענטפער, אַז נאָך מיינע יאָרן בין איך ראוי צו זיין אַ סאָלדאַט און איך קאָן האָבן דעם כבוד צו קריגן אַ מעדאַל פאַר שיסן עמעצן אַנדערש, אָדער — פאַר ווערן אַליין דערשאָסן...

הכלל, די יאָרן זענען געגאַנגען ביי וועמען צו גיך, נאָך ביי מיר קריכנדיק....

ווען איך בין אַריינגעקומען אין אַ שאָפּ זוכן אַרבעט און אַ באַלעבאָס אָדער פאָרמאַן האָט דערזען מיין פאַרפוצטן פּליך אין אַ גרויער ראָס האָט מען מיט איין וווּנק מיר געלאָזט וויסן:

— „יונגערמאַן“, איר זענט שוין צו־אַלט צו מאַכן אַ טאָג־אַרבעט...

ווידער פאַרקערט, ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער יוניאָן און געלאָזט וויסן, אַז איך וויל זיך צוריקציען פון דער אַרבעט, „ריטאַיערן“, האָט מען געבעטן מיך צו זיצן, געגעבן אַ שטול ווי פאַר אַן עלטערן מענטשן און — געגומען אויספרעגן: זענט איר שוין 20 יאָר אין דער יוניאָן? געדענקט איר די נעמען און אַדרעסן פון די אַלע שאָפּן, וווּ איר האָט אין די צוואַנציק יאָר געאַרבעט? ווייסט איר די געזעצן, אַז אַזוי גיך ווי איר „ריטאַיערט“, נעמט מען צו אייער ביכל און איר טאָרט מער נישט אַרבעטן אין דעם פאַך?

— איך ווייס —זאָג איך — איך ווייס שוין אַלץ.

— און ווען רעכנט איר צו „ריטאַיערן“? — גיט מיך אַ פרעג דער סעקרעטאַר, קוקנדיק אין מיינע דאָקומענטן.

— ס'הייסט — זאָג איך — ווען? שוין, איצט באַלד, איך האָב שוין נישט קיין כוח צו אַרבעטן. און ווען איך זאָל אַפילו האָבן כוח, האָב איך נישט ווו.

— וואָס מיינט איר שוין באַלד — לאַכט ער פון מיר — ווייסט איר נישט, אַז מ'דאַרף אַלט זיין פולע פינף און זעכציק יאָר? סיידן — זאָגט ער מיר — איר קאָנט באַווייזן, אַז איר זענט אַן אינוואַליד, אַ קריפּל, אָדער איר האָט אַן אומהיילבאַרע קראַנקהייט. אַנדערש —

זאָגט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק — קאָנט איר גאָרנישט טאָן. איר מוזט נאָך אַרבעטן.

— געוואַלד געשריגן — האָב איך שוין אַרויסגעפּלאַצט — וויפל דאַרף דאָס אַ מענטש ליידן דערפאַר, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן פאַר מיר מער נישט געהאַט ווי אַ האַלבע שיפס־קאַרטע.

— מיר מוזן האָבן פאַקטן, טרוקענע פאַקטן — באַשטייט דער סעקרעטאַר אויף זיינס.

— געווים פאַקטן — זאָג איך אים — איך קאָן אייך ברענגען דעם סידור ווו מיין טאַטע האָט פאַרשריבן דעם טאָג פון מיין געבורט.

דער סעקרעטאַר ווערט שוין אומרואיק און גיט זיך אַ זאָג: ווען איר וועט דאַרפן „ריטאיערן" פאַר גאָט, וועט איר אים וויזן דעם סידור... ביי אונדז דאַרפט איר נאָך וואַרטן 2 יאָר, 5 חדשים און 6 טעג.

איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך בין אַזוי נייגעריק צו הערן דעם פייף פון אַ ניי־יאָר?

ווי דערלעב איך שוין איבעראַיאָר?...

איך האָב נישט קיין מזל...

(הומאָרעסקע)

ווען די וועלט זאָגט, אַז צו אַלץ דאַרף מען האָבן מזל, ווייסט די וועלט וואָס זי רעדט.

ביי לייטן האָבן מענטשן „פּאָליסים": פייער־פּאָליסים, פּאָליסים קעגן גנבה, קעגן קראַנקהייטן, אַפילו קעגן טויט.

דערצו צאָלט מען פּאָליסים פאַר ליגן אין שפּיטאָל, פּאָליסים פאַר אָפּערירן אייך און אַפילו פּאָליסים פאַר עקסידענטס. ס'הייסט פאַר אַ צו־פאַל — אָדער איר פאַלט אויף עפּעס, אָדער עס פאַלט עפּעס אויף אייך...

פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרזיכערן זייערע אויגן, זייערע הענט, זייער שטימע, אַפילו זייערע פרעמדע ציין.

אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס אַלץ, טאַקע אַנטקעגן דעם, וואָס איך האָב צו קיין זאַך נישט קיין מזל.

יאָרן־לאַנג האָבן מיר געצאָלט אַ פייער־פּאָליסי. איינמאָל קומט צו רייד מיט אַ שכן וועגן שריפות, זאָגט ער אין אַ שפּאַס: „וואָס האָט איר מורא? אייער הויז וועט קיינמאָל נישט ברענען, ווייל צעפּוילטע זאַכן ברע־נען נישט... און פאַר אייער דלות אין הויז וועט די קאָמפּאַני אייך געבן צוויי מיט אַ האַלבן פינגער, ס'הייסט, אַ גרויסע פייג"...

טראַכט איך ביי זיך, אַז מיין שכן ווייסט וואָס ער רעדט. ווען ס'איז געקומען צו באַצאָלן די פייער־פּאָליסי, האָב איך זיך געמאַכט נישט־ווייסנדיק און נישט באַצאָלט.

אין עטלעכע חדשים אַרום ברענט אויס אַ פייער ביים שכן. דאָס פייער האָט מיטגעשלעפּט עטלעכע הייזער און מיין הויז צווישן זיי.

דער שכן האָט זיך אויפגעמאָנט אַ פיינע סומע און גלייך גענומען רעדן פון בויען זיך אַ גרעסער הויז. און איך האָב אַפילו קיין פייג אויך נישט געקראָגן — נישטאָ קיין מזל...

מיין שווער האָט געהאַט אַ לעבנס־פּאָליסי. ער האָט שוין איינגע־צאָלט אין די יאָרן אַ גאַנץ פיינע סומע. מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך, אַז ער וואַרפט געלט אין בלאָטע. וואָס הייסט, ער וועט זיך פייניקן ביים לעבן צו צאָלן אַ פּאָליסי, וואָס וועט עפּעס ווערט זיין נאָך זיין טויט. הכלל, דער שווער האָט אָפּגעגט די פּאָליסי — אויפגעהערט צו צאָלן.

איז קיין צוויי יאָר נישט אַוועק, ווי ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַלע אברים. ס'האָט ביי אונדז צוגענומען יעדע פּעני — און ער איז אַוועק... פאַרשטייט איר דאָך שוין, אַז קיין ירושה האָבן מיר נישט געקראָגן און נאָך געדאַרפט דערצו צאָלן קבורה־געלט...

ביי לייטן האָבן אָבער מענטשן מזל. אונדזערער אַ לאַנדסמאַן האָט אַרויסגענומען אַ לעבנס־פּאָליסי, און נאָכדעם ווי ער האָט געצאָלט בלויז איין יאָר — איז ער אַוועק אַ גאַנג... כ'ווייס נישט אין וועלכן הימל ער געפינט זיך, אָבער זי, זיין ווייב, איז איצט אין זיבעטן הימל, מיט אַן איינגענער מאַטניא. זוכט זי שוין דעם אמתן שידוך און מיט אַ קניפּל..

איז ווידער דאָס איינגענע. ביי לייטן האָבן מענטשן מזל. איך באַלאַנג צו דריי אָרגאַניזאַציעס צו באַשיצן מיין געזונט. איך באַלאַנג צו אַ סאָ־סאיעטי, וואָס צאָלט קראַנקן־בענעפיט. ווי גיך מען קרענקט אָפּ אַ וואָך, צאָלט שוין די סאָסאיעטי אויף דער צווייטער וואָך בענעפיט. איך באַ־לאַנג צו דער יוניאָן; צאָלט די יוניאָן אויף דער דריטער וואָך קראַנקן־בענעפיט און גיט צושטייער אויף מעדיצין.

העלפט גאָט, און אַ שיינעם טאָג ווער איך קראַנק. באַשליס איך, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, איך וויל זען וואָס די אָרגאַניזאַציעס וועלן דאָ אויפטאָן פאַר מיר. איך וויל וויסן וואָס האָב איך פאַר מיין געלט?

בקיצור, מ'האָט מיך גענומען אין שפּיטאָל. דאָס איז געווען אין אַ פּריוואַטיק; האָט מען מיר געגעבן עטלעכע פּילן, אַן אונטערזוכונג און אַלץ, וואָס איז נויטיק... און איצט, זאָגט דער דאָקטאָר, קאָנט איר שוין ווידער עסן אַ פריינטיקדיקע וועטשערע און מאָרגן שבת — זאָלט איר האָבן אַ גוטן טאָג רו. איר דאַרפט זיך גוט אויסרוען.

דעם אמת געזאָגט, האָבן די פּילן און אַנדערע מעדיצינען געאַרבעט גוט און גיך, און ווי מע זאָגט, איך בין געוואָרן אַ געזונטער.

ערשט ליגנדיק אין שפּיטאָל, האָב איך זיך דערוווסט, אַז קראַנק זיין איז אַ געזונט געשעפט — עס באַצאָלט זיך...

דערציילט מיר איין פּאַציענט, אַז זינט ער איז קראַנק, קומט אים צו אַ שטיק געזונט. פריער האָט זיך קיינער אויף אים נישט אומגעקוקט,

און איצט קוקן אים אַלע אין מויל אַריין... פון פיר סאָסאיעטיס קריגט ער בענעפיטס, פון שאַפּ — בענעפיטס, פון דער יוניאָן — בענעפיטס. מיט איין וואָרט, עס איז אים נאָך קיינמאָל אַזוי גוט נישט געווען...

אַ צווייטער פּאַציענט זאָגט מיר, אַז ער געפינט זיך דאָ שוין אַכט וואָכן, און אָפט דענקט ער, אַז ער איז אויף וואַקאַציע.. דאָס עסן טראָגט מען אים צו, מע וואַשט אים און מע פּוצט אים... אַ גאַנצן טאָג שפּאַצירט ער, אָדער ליגט אין בעט, און קוקט אויף טעלעוויזיע. די איינציקע שוועריקייט דאָ, זאָגט ער, וואָס מ'לאָזט נישט אַרויס פון שפּיטאָל צו קאָנען אַריינגיין איבערן וועג און נעמען זיך אַ „פּאַסטראַמי" אָדער „סאַלאַמי" סענדוויטש און פאַרטרינקען מיט אַ ביר...

אַנטקעגן וואָס דערציייל איך אייך דאָס אַלץ, טאַקע אַנטקעגן דעם, וואָס, ווי איר זעט, מ'דאַרף האָבן צו אַלץ מזל.

איך בין אַזוי אָפּגעלעגן אַ וואָך אין שפּיטאָל. דער דאָקטאָר האָט מיך דערקלערט פאַר געזונט און זאָגט מיר, אַז איך קאָן שוין ווידער גיין אַרבעטן...

און אַז איך גיב אַזוי אַליין צו זיך אַ זאָג: אָט אַזוי צאָל איך מיינע בלוטיקע צענערלעך צו די אָרגאַניזאַציעס, צו דער יוניאָן, צו דער סאָסאיעטי און איידער וואָס און איידער ווען, בין איך שוין ווידער געזונט — נישט קיין בענעפיטס, נישט קיין מעדיצין, נישט קיין בלומען, נישט קיין קענדים.

דער דאָקטאָר האָט האָט אויפגעכאַפּט און זיך צעלאַכט: וואָס ווילט איר, אַז פאַר אייערע עטלעכע צענערלעך זאָל איך אייך צושטעלן אַ ק ר ע נ ק ?....

ווי איר זעט, האָב איך נישט קיין מזל!....

אַ טייערע ביסן!...

(הומאָרעסקע)

עס האָט מיך געגומען יאַדן אַ צאָן. אַלץ הייסט יאדן. ער האָט מיך געצומען מיט זיין „נאָגן“, קריכן פשוט אין די ביינער אריין — אַן אמתער נודניק... אָבער קעגן אַ נודניק האָב איך אַ מיטל: איך וואַרט אויף אַ געלעגנהייט און פאַרכאַפ דאָס וואָרט. און דאַן, נעם איך נודען, אַזש ער אַנטלויפט — זוכן אַן אַנדער קרבן...

מיט אַ ציין-דאָקטאָר קאָנט איר אָבער די קונצן נישט מאַכן. ער האַלט אייך דאָס צווענגל מיטן שפיזל אין מויל, ער רעדט, זאָגט וואָס ער וויל, און איר — ווערגט זיך און מוזט שווייגן...

בין איך אַריין מיט מיין „נודניק“, ס'הייסט מיט מיין צאָן, צו אַ דענטיסט. איך דערקלער אים, אַז ס'איז מיר אַרויסגעפאַלן דאָס „געפילעכץ“ פון צאָן און איצט דערגייט מיר דער צאָן די יאָרן...

דער ציין-דאָקטאָר טוט אָן זיין ווייסן קיטל, רוקט אַרויף די ברילן אויף דער נאָז, גיט מיר אַ קוק אַריין אין מויל און פרעגט מיך:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ביי וואָס אַרבעט איר?

— אין אַ שאפ — זאָג איך.

— וויפל פאַרדינט איר אַ וואָך? — פרעגט ער נייגעריק.

ענטפער איך אים — אַרום דרייסיק, פערציק דאָלאַר אַ וואָך, ס'הייסט ווען איך אַרבעט. איך טראַכט דערביי: וואָס גייט אים אָן, ביי וואָס איך אַרבעט און וויפל איך פאַרדין?

ער דערלאַנגט מיר אַ דריק מיטן שפיזל אין מויל און פרעגט איבער: „איר מיינט הונדערט און פערציק?“

ענטפער איך שוין, ווי געשריגן אויף די ציין: „איך מיין פערציק. דרייסיק און אמאָל קדחת“..

ער מאַכט אַ גרימאַסע פון אַ וואָדעוויל־אַקטיאָר און הייבט אָן שפּילן טעאַטער: „איך זע, אַז איר האָט זייער שלעכטע ציין, און אַ פרוי וויל נישט קוקן אויף אַ מאַן מיט שלעכטע ציינער. דערפאַר טראַכט איך פון מאַכן אייך אַ מויל ציינער, וואָס וועלן שיינען, איר וועט זיי קאָנען האַלטן אַפילו אויף דער פּאָליצע"...

„אָבער — דערלאַנג איך אַ כאַפּ אַרויס דאָס שפּיזל פון מויל און זאָג אים: — איך האָב אייך געזאָגט, איך דאַרף בלויז „אַנפּילן" איין צאָן".

„וואָס רעדט איר נאַרישקייט?" — דערלאַנגט ער ווידער אַ דריק אַריין דאָס העמערל אין מויל. „איר ווייסט איינס, אָבער איך בין דער דאָקטאָר. איר זעט דעם דיפּלאָם? דאָס גיט מען נישט אומזיסט. דאָס איז פאַר יאָרן לערנען, פאַר יאָרן דערפאַרונג. זאָגט איר מיר איינס — ווען איך זע ביי אייך אין מויל אַ גאַנצן בית־עולם מיט מתים"...

ער דערלאַנגט אַ זעץ מיטן העמערל אין אַ צאָן און רופט אויס מיט טריומף: „אַ־יאָ, עס טוט וויי?" ער דערלאַנגט אַ שטאָך מיטן שפּיזל אין יאַסלע און צעלאַכט זיך: „אַ־יאָ, איר פילט דאָס? אַזוי, מיין פריינד, צאָן נאָך צאָן"...

ער דערלאַנגט אַ שטעל אָן דעם „בויערער": „אָט וועל איך אייך באַלד ווייזן, אַז אַלע אייערע ציין טוען אייך וויי, נאָר איר ווייסט נאָך נישט. נאָר אין אַ שיינעם טאָג וועט איר זען וואָס פאַר אַ מיאוס פּנים איר האָט, ווייל איר ווילט מיך נישט פאָלגן".

ער האַלט שוין איצט פעסט דאָס שפּיזל מיטן העמערל ביי מיר אין מויל און ער רעדט:

„איר ווייסט פאַרוואָס איך האָב אייך געפרעגט, ביי וואָס איר אַרבעט? ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר זענט נישט קיין רייכער מאַן, ווייל אַ רייכער מאַן וועט נישט האַלטן אַזעלכע ציינער — ציינער רוף איך דאָס? דאָס זענען לצים, טייוואָלאָנים „נישט־גוטע" ביי אייך אין מויל...

איר שרעקט זיך פאַר אַ סך געלט? שרעקט זיך נישט. איך ווייס וואו־אַיין און וואו־אויס".

ער האַלט איין האַנט מיט דעם געצייג אין מיין מויל, און מיט דער צווייטער האַנט צייכנט ער אין דער לופט דעם חשבון:

„אַרויסציען די ציינער דאַרף קאָסטן פאַר אַן אַנדערן אַכט־און־זיבעציק דאָלאַר; פאַר אייך, ווי פאַר אַ פריינד, וועט דאָס קאָסטן נישט מער

ווי פינף=און=זיבעציק. פאַר אויסהיילן די יאַסלעס רעכן איך אַלעמען צוויי=און=אַכציק דאָלאַר. איך וועל אייך דאָס מאַכן פאַר אַכציק דאָלאַר — נישט א סענט מערער. נו, און פאר א נייעם „פארקאן" ציינער רעכן איך פינף הונדערט, אַמאָל אויך אַכט הונדערט און טויזנט דאָלאַר, אָבער דאָס איז פאַר די רייכע — פאַר אייך, איר זאָלט מיך האָבן צו געדענקען, וועל איך רעכענען נישט מער ווי בלויז דריי הונדערט דאָלאר".

„אָבער, דאָקטאָר — שריי איך אַרויס דורך דעם געצייג אין מויל — איך וויל וויסן וויפל?" — — — —

ער לאָזט מיך נישט ענדיקן. ער ענדיקט פאַר מיר: „איר ווילט וויסן וויפל עס באַטרעפט די גאַנצע סומע? דאָס איז אַ קימא=לן פון פיר הונדערט מיט פינף און פופציק, וועלן מיר דאָס מאַכן אַ גלייכן חשבון — מיטן טעקס אַריינגערעכנט: פיר הונדערט מיט פינף און אַכציק דאָלאַר".

„דאָקטאָר — גיב איך שוין אַ רים מיט געוואַלד פאַרן ווייסן כאַלאַט — איך וויל וויסן, וויפל איז פאַר אייך דער שיעור צו רעדן? איך זאָג אייך: איך וויל איצט נישט מער ווי פאַרריכטן דעם איינעם צאָן. אָפּשטעלן די ווייטיקן פון אָט דעם צאָן. איך האָב נישט קיין געלט, קיין הונדערטער פאַר אייך"...

אזוי? האָט איר דאָך געקאָנט דאָס באלד זאָגן. איר ווילט, הייסט עס, בלויז דעם איינעם צאָן? נו, איין צאָן איז אַ קלייניקייט. איר דאַרפט אָבער דעם צאָן נישט בלויז „אָנפילן". איר פאַרגעסט, אַז אַזאַ וויכטיקן צאָן דאַרף מען באַוואָרענען און מ'מוז אים אָנטאָן אַ הוט, יאָ, אַ גאָלדענעם קאַפּעליוש... איז אויב דער צאָן איז נאָך גוט און מ'דאַרף נישט היילן, וועט דאָס קאָסטן דריי=און=דרייסיק דאָלאַר. נאָר, אויב מ'מוז היילן, ווי דאָס טרעפט גאַנץ אָפט, איז נאָך אַ פינף=און=צוואַנציקער. צוזאַמען אַזאַ קליינע סומעלע, ווי אַכט=און=פופציק דאָלאַר".

ער האָט רואיק אַרויסגענומען צוריק דאָס געצייג פון מויל און רעדט שוין געמיטלעך: „איר וועט מיר איצט איינצאָלן דרייסיק דאָלאַר און דאָס איבעריקע ווען איר וועט האָבן פאַרטיק אַ ציינדעלע — אַ בריליאַנט אין מויל פאַר אייער געלט".

דאָ, האָב איך זיך געכאַפּט, איז די געלעגנהייט און איך זאָג אים: „מיין פרוי וואַרט אויף מיר אין אַ רעסטאָראַן, וועל איך אַרונטערלויפן נעמען דאָס געלט ביי איר". איך האָב אים איבערגעלאָזט מיין אַלט היטל אויף דער באַנק און אַרונטערגעלאָפן — ווי פון אַ דענטיסטס שטול..

דאָס ערשטע האָב איך אים אָנטעלעפאָנירט און געזאָגט, אַז ער איז אַ ווונדער אַ דענטיסט. ער האָט שטודירט צו רייסן ציין, אָבער אויסגעלערנט האָט ער זיך צו רייסן די הויט מיטן פלייש...

דערנאָך בין איך אַריין צו אַן אָרנטלעכן ציין־דאָקטאָר. ער האָט מיר „אָנגעפילט“ דעם צאָן, אויסגעגלעט דעם אַרום און גענומען זעקס דאָלאַר. יאָ, זעקס דאָלאַר און אַפילו אָן שטייערן...

איצט, אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי די ציין בייסן, קייען און קנאַקן, אַבי איך גיב זיי נאָר וואָס...

ער האָט דאָס וואָרט...

(הומאָרעסקע)

איר זעט? אָט קומט עליע נו, לאָמיר ציען פיס, אַז נישט זענען מיר פאַרלוירן. איר וועט שוין היינט קיין מיטאָג נישט עסן און פאַרנודעט ווערן ביז צום חלשן.

ווער איז דער עליע נו? ס'איז מיר טאַקע אַ וווּנדער, וואָס איר קענט אים נאָך נישט.

עליע נו איז מיינער אַ לאַנדסמאַן, מיינער אַ שכן.

וואָס פאַר אַ נאָמען איז עליע נו? מעגט איר ווּיסן, אַז דאָס איז פראָסט־און־פּשוט. עס שטאַמט פון דעם, וואָס אַלע רופן אים עליע נודניק. נאָר אַזוי ווי ער גיט אייך נישט קיין געלעגנהייט צו רופן אים מיטן פולן נאָמען, ווייל ער ש ל אָ ג ט אייך איבער אין דער מיט, בלייבט אייך שטענדיק אויף די ליפּן הענגען אַ האַלבער נאָמען, און איר מוזט זיך באַנוגענען מיט עליע נו...

ווען איר זיצט אין אַ זונטיק פרי אין פּאַרק, פאַרטיפט אין די גייעם אָדער אין אַ בוך, קומט אָן פון אַ זייט עליע נו, און אָן שום קונצן, אָן אַ וואָרענונג, לאָזט ער אייך אַראָפּ אַ פּאַטש איבער די הענט:

— משוגע מיינע שונאים, זעט נאָר, זעט, זונטיק, אין אַ טאָג פון רו זיצט זיך אַ מענטש פאַרטיפט אין די שוואַרצע פינטעלעך, ווי אַן אמתער זייגערמאַכער...

עליע נו פוילט זיך נישט, דערלאַנגט אַ שלעפּ אַרויס די צייטונג אָדער בוך ביי יענעם פון האַנט און צעלאַכט זיך מיט אַ ווילד געלעכטער:

— איר וועט שוין ווערן אַ געבולבעטער מענטש אַן אַנדערש מאָל. איצט זאָגט מיר בעסער, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט?

ווילט איר נאָך געווים אים ענטפערן: ווי קאָן איך אייך זאָגן, וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט, אַז איר שטערט דאָס לייענען, אַז איר זענט אַן עליע נו...

אָבער עליע וואַרט נישט. ער נעמט אייך דערציילן וועגן אַלץ אין דער וועלט:

„יאָ, וואָס הערט זיך ביי אייך אין לאַנד? פאַראַן עפּעס „באָנדלעך“? איך דענק, ס'איז נישטאָ די אַמאָליקע יאָרן. אַמאָל אַ „באָנדל“ איז געווען אַ „באָנדל“, און דער „סיזאָן“ איז געווען אַ „סיזאָן“ מיט אַ ווערעד... היינט זענען אָבער אַנדערע צייטן. אַלץ איז ווי זיי זאָגן אויף דער ראַדיאָ: אַלץ איז כולו שווינדל. דעם „באָנדל“ קאָנט איר נעמען אונטערן אָרעם, אַ שאָס מיט דער מאַשין און פאַרטיק. און דער „סיזאָן“? אויך מיר אַ „סיזאָן“! נאָך נישט באַצאָלט פאַרן נעכטן, און איר דאַרפט שוין באָרגן פאַר מאָרגן...

„איך וויים נישט, מ'רעדט וועגן מלחמה. איז אַ מלחמה גוט אָדער שלעכט? איך וויים יאָ, אַז נאָך דער לעצטער מלחמה איז מיין באָס געוואָרן אַ גביר, אַ מיליאָנער. מ'זאָגט, אַז ווען די מלחמה האַלט=אָן נאָך דריי חדשים, וואָלט ער אויפגעגעבן דעם שאַפּ און זיך אַריינגעקליבן אין וואָל=סטריט...

„וואָס זאָגט איר? קינדער, זין, סאָלדאַטן? נו, אַ לויב צו גאָט, מיין ווייב האָט מיר געהאַט פיר מיידלעך. קיין סאָלדאַטן וועלן זיי שוין נישט זיין... יאָ, אמת, ווי מ'זאָגט, אַז עס דאַרף טרעפן אַן אומגליק, אַ באָמבע, קאָן עס אויך טרעפן אין פאַרק“...

ליגט אייך אויפן שפּיץ צונג אויסצושרייען: „אמת, אמת, אַ באָמבע קאָן אויך טרעפן אין פאַרק... עליע נו רייסט די אויערן ווי אַ באָמבע“. פילט איר זיך אַזוי גליקלעך, ווען אייער קינד קומט צו לויפן און רופט אייך: „פאַרטיק, עסן, מאַמע רופט שוין גיין עסן, ווייל עס וועט קאַלט ווערן“.

טרעפט אָבער גאַנץ אָפט, אַז עליע נו קומט טאַקע פונקט דאַן ווען מ'עסט. ער האָט זיך זיין רעכענונג, אַז ווען אַלע זענען פאַרנומען מיטן עסן קאָן ער האָבן דאָס וואָרט...

רעדט עליע נו וועגן אַלץ אין דער וועלט. ער זעט, מען דערלאַנגט צום טיש פלייש, עוף, האָט ער שוין אַ טעמע:

„וואָס זאָגט איר נישט צו די שווינדלערייען מיט דער וואָג=און=מאָס? עס איז דאָך שרעקלעך אַריינצוגיין אין אַ קראָם. לעצטנס לאָז

איך מיין פרוי נישט גיין קויפן. עס איז זי גרינג אָפּצונאַרן. וואָס טו איך? איך גיי אַליין, איך דינג זיך, קוק זיי צען מאָל אויף די פינגער. נאָר איר מיינט, אַז דאָס העלפט? ווייס איך וואָס.

„איך האָב זיך אַנומלטן אַרויסגעלאָזט אײַנקויפן אויף שבת: פלייש, עוף, פיש און שאר ירקות. איך קום אַהיים און ווייז מיין ווייב. נעמט זי דאָס שטיקל פלייש אין האַנט און שרייט אויס:

— אַ וואָג האָט מען דיר געגעבן אַ גוטע, אָבער — ס'איז פּעטס־מיט־ביינער. ווו איז דאָס פלייש?

„זי דערלאַנגט אַ קוק אויפן עוף און צעלאַכט זיך, — אַן עוף איז דאָס? ס'איז דאָך אַ געפּגרטער קראַליק...

עליע נו גיט אָבער נישט קיין געלעגנהייט אַ לאַך צו טאָן ביים טיש. ער דערציילט ווייטער: „און ווייסט איר וואָס נאָך? וואָס פאַר אַ שווינדלער, גנבים, זשוליקעס, דאָס זענען? איך האָב ביי זיי אויסגעביטן אַ צוואַנציק־דאָלאַר־ביל, האָט מען מיר אַריינגערוקט אין דער רעשטע אַ פאַלשן צען־דאָלאַר־ביל, מיט אַ קאַנאַדער פּעני“...

זיין אייגן ווייב דערציילט, וואָס פאַר אַן עליע נו, דאָס איז:

עליע נו מיט זיין ווייב זענען געגאַנגען באַזוכן אַ קראַנקן. נאָכדעם ווי ער האָט דעם קראַנקן גוט קראַנק געמאַכט מיט זיינע רייד, האָט די פרוי אים גערופן אַהיים. אויפן וועג לאָזט אים די פרוי צו וויסן, וואָס פאַר אַ נודניק ער איז, און זי זאָגט אים: דער קראַנקער האָט מיר געזאָגט, אַז לעצטן מאָל, ווען דו ביסט געווען ביי אים און אָפּגעזעסן אַ דריי שעה, איז ווען דו ביסט אַוועק, האָט ער זיך געפילט אַ גראַטעוועטער“...

— אויב אַזוי — זאָגט עליע נו — וועל איך קומען צו אים אָפטער, ווייל וואָס וועל איך נישט טאָן צו ראַטעווען מיינעם אַ פריינד?...

— וואָס זאָגט איר? עליע נו לויערט שוין אויף עמעצן? נעמט די פיס אויף די פלייצעס, און מאַרש געגאַנגען זאָל ווערן!....

עס געפעלט זיי דער ערשטער מאי

(א קינדער־מעשהלע)

אין סקול האט קערען ליב צו זיין פון די ערשטע אין אלע ארבעטן און זי לערנט אויך איר יינגערן ברודערל, ארעלען: „ווייזט דיר דער לערער עפעס צו טאן, טו עס גוט“.

קערען האט ליב אין סקול צו טאנצן, שפּילן, מאָלן, פונקט ווי זי האט ליב אין הויז צו העלפן דער מאַמען. זי וואשט געשיר, שאָבט קאַרטאָפל און שלאָגט אויף די ווייסלען פון אייער, ווען די מאַמע באקט א טאָרט.

ארעלע דרייט זיך שטענדיק אַרום די גרעסערע קינדער, און ווו— צוויי, איז ער דער דריטער. אויך ער האָט ליב צו מאָלן און שפּילן, אָבער נישט צו טאָן קיין קיך־אַרבעט. ער איז אָבער א מיידים אויף צו קלאַפּן, מייסטערווען. עס איז געווען ער זאָל דערהערן פון דער מאַמען, אז ס׳איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין עלעקטרישער לאָמפּ, ליגט שוין ארעלע ביי די דראָטן און שלעפּט, רייסט, ביז...עס ווערט פינצטער אין גאַנצן הויז.

אבער זאָרגט אייך נישט. ארעלע פאַרלירט זיך נישט. ער קריכט אַראָפּ אין קעלער, דרייט, זוכט און מייסטערוועט, און.... עס ווערט ווידער ליכטיק.

ווען קערען האט דערהערט ווי טאַטע־מאמע רעדן צווישן זיך וועגן דעם ערשטן מאי, האט זי גענומען שטעלן פראַגן און ארעלע האט, פארשטייט זיך, אונטערגעהאָלפן.

— וואס איז דאס פאר א יום־טוב? — האט קערען געוואָלט ווסן.

— און אויב ס׳איז א יום־טוב — האט ארעלע צוגעלייגט — פאַרוואָס זענען די קינדער נישט פריי פון סקול, זיי זאָלן אויך קאָנען מאַרשירן?

די מאַמע האָט זיי גענומען דערציילן וועגן ערשטן מאי, ווי אזוי די אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן אים די ערשטע אָנגעהויבן פייערן נאָך

אין 1886 און ווי אזוי די אַרבעטער פון אנדערע לענדער האָבן אים איבערגענומען. זי האָט דערציילט ווי אזוי די ארבעטער שטעלן ארויס פאָדערונגען פאר קירצערע ארבעטס־שעהן, בעסערע שכירות, פרידן, מער דעמאָקראַטיע, ווי אזוי מען טראָגט פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן אין דעם פּאַראַד וועגן די אַלע זאַכן.

— טאָ פארוואָס זאָלן מיר, קינדער, טאַקע אויך נישט גיין אין פּאַ־ראַד? — פרעגט קערען, — מיר האָבן אויך וואָס צו פארלאַנגען. מיר ווילן א שפּיל־פּלאַץ אין אונדזער גאַס און א סך קינדער אין סקול האָבן נישט קיין גאַנצע שיך.

— און א שווים־פּלאַץ דאַרפן מיר אויך האבן — זאָגט אונטער ארעלע.

אָבער די מאמע האָט זיי געזאָגט, אז זי קאָן זיי נישט מיטנעמען, ווייל זיי דאַרפן גיין אין סקול. — ווען מיר וועלן קומען מיטן טאַטן פון פּאראַד, וועלן מיר אייך אַלץ דערציילן ווי אזוי מען האָט מאַרשירט, וואָס מען האָט געזונגען און וועלכע אויפשריפטן עס זענען געווען אויף די פּלאַקאַטן — האָט די מאמע זיי צוגעזאָגט.

קערענען איז געפעלן געוואָרן דער געדאַנק פון ערשטן מאַי. אויך ארעלע איז פארכאַפּט געוואָרן פון דעם און זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, ווי אזוי צו מאכן אן אייגענעם פּאראַד מיט די קינדער פון דער גאַס.

ערב דעם ערשטן מאַי האבן קערען און ארעלע זיך צונויפגערעדט מיט אַנדערע קינדער, ווי אזוי צו פייערן דעם ערשטן מאַי. זיי האבן צוזאמענגעקליבן אלטע פּלאַקאַטן און אָנגעשריבן אויף דער צווייטער זייט זייערע לאָזונגען. יעדעס קינד האָט צוגעטראַכט זיין אייגענעם לאָזונג און זיך געמאַכט א פּלאַקאַט. דערנאָך האבן זיי זייערע פּלאַקאַטן צוגעקלאַפּט צו שטעקעלעך.

עס איז געקומען דער ערשטער מאַי. טאַטע־מאמע האָבן זיך אויס־געפּוצט יום־טובדיק מיט ערשטע מאַי־קנעפּלעך אין די לאצן. זיי האָבן געקושט קערענען און ארעלען און זיי אָנגעזאָגט, וו זיי וועלן געפינען עמן, ווען זיי וועלן קומען פון סקול, און אז זיי זאָלן זיך גוט אויפפירן.

דער מאמעס האַרץ האָט נישט גערוט און באלד נאָכן פּאַראַד איז זי געקומען אהיים א יום־טובדיקע, א פריילעכע, אָבער מיט אומגעַ־דולד צו וויסן וואָס די קינדער מאַכן. אין ביידע הענט האָט זי געטראָגן קעסטעלעך מיט אייז־קרעם פאר די קינדער, און אונטערן אָרעם —

פענדלעך, שטעקעלעך און קאָלירטע סטענגעס — מתנות פאַר די קינ־דער, וואָס זי האָט געבראַכט פון פּאַראַד.

די מאַמע איז ארויף אויף די טרעפּ, אריין אין הויז, גענומען זוכן די קינדער. דער אייז־קרעם צעגייט שוין אין די הענט, און די קינדער זע־נען נישטאָ.

מיטאמאָל דערהערט זי אַ געזאַנג, דאָס קלאַפּן און פייפן ווי פון אַן אָרקעסטער, אויסגעשרייען און קינדעריש געלעכטער. לויפט זי ארויס פון הויז און דערזעט דעם קינדערישן פּאַראַד. עס מאַרשירן קינדער, גרעסערע, קלענערע, גאָר קליינע, נעגער־קינדער, ווייסע, יידישע און נישט־יידישע, מיט פּלאַקאַטן און פאָנען, טרובעס, פייפלעך און טאַצן. קערען און ארעלע פירן דעם פּאַראַד.

זיי מאַרשירן און זינגען:

„היינט איז יום־טוב, ערשטער מאַי,
פאָדערן מיר לאַנטשעס פריי!
נישט קיין אָרעם, נישט קיין רייך,
פאַר אַלעמען דאַרף זיין גלייך!“

און אויף די פּלאַקאַטן איז אָנגעשריבן: „קורצע ארבעט־שעהן פאַר אונדזערע טאַטעס, זיי זאָלן זיך קאָנען שפּילן מיט אונדז!“

„מיר ווילן פרייע לאַנטשעס אין סקול!“

„מיר ווילן, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן אונדז נעמען צו די ערשטע מאַי־פּאַראַדן!“

„מיר ווילן אייז־קרעם אַלע טאָג!“

די מאַמע האָט געקוקט מיט אַ לויכטנדיק פּנים און אויסגערופן:

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז ערשטער מאַי, מאַמע — האָט קערען אַ טאַנצנדיקע געענטפערט. — מיר זענען געקומען פון סקול, האָבן מיר געמאַכט אַן אייגענעם פּאַראַד!

— פאַרענדיקט שוין — האָט די מאַמע זיך געבעטן. — דער אייז־קרעם צעגייט מיר אין די הענט.

— זעסט, קערען — האָט אָרעלע שפּרינגענדיק און לאַכנדיק אויסגעשריגן: — איין פאָדערונג האָבן מיר שוין אויסגעפירט! די מאַמע גיט אייז־קרעם!

קערען האָט גענומען דעם אייז־קרעם און צעטיילט צווישן אַלע קינדער.

ס'איז אונדזער יום־טוב!

(א מעשהלע לכּבוד דעם ערשטן מאי)

ווי גיך קיילע און דודל האָבן געהערט רעדנדיק אין הויז וועגן ערשטן מאי, האָבן זיי גלייך גענומען מאָנען פון טאַטן א חוב:

— געדענקסטו, טאַטע — האָט דודל אים גענומען שלעפּן פאַרן שניפּס — ווי דו האָסט אונדז צוגעזאָגט צו דערציילן א מעשהלע וועגן ערשטן מאי?

— טאַקע — האָט קיילע באַלד באַשטעטיקט — פאראיאָרן האָט די מאַמע אונדז דערציילט א שיין מעשהלע און דו האָסט אונדז צוגע־זאָגט, אז איבעראיאָר וועסטו אונדז אויך דערציילן עפּעס וועגן ערשטן מאי.

ביידע קינדערלעך האָבן אָנגעכאַפּט די ברעגן פונעם שניפּס, צוגע־פירט דעם טאַטן צום שטול און ווי מיט איין שטים געפאָדערט: — אָט האָבן מיר טאַקע דעם ערשטן מאי, און מיר ווילן הערן, וואָס דו האָסט צו דערציילן?

דער טאַטע, הערשל, האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן שטול, ארויפגע־נומען ביידע קינדערלעך אויפן שויס און האָט זיי א שמייכלענדיקער גע־זאָגט:

— געדענקט, קינדערלעך, דער ערשטער מאי איז א גרויסער אר־בעטער יום־טוב און איך האָב אייך צו דערציילן א פיין מעשהעלע:

איר הערט, ווען איך בין געווען בלויז פינף, זעקס יאָר אַלט, האָב איך אויך געהערט פון דעם ארבעטער־יום־טוב ערשטער מאי און גע־וואָלט טאַקע גיין אויפן פּאַראַד מיט מיין טאַטן, דאָס הייסט מיט אייער זיידן.

דער טאַטע האָט מיך אָנגעקוקט און געזאָגט, אז דער יום־טוב איז נאָר פאַר גרויסע מענטשן, ווייל קינדער האָבן נישט קיין כוח צו גיין.

האָב איך ערשט טאַקע געוואָלט זען דעם יום־טוב מיט מיינע אויגן, ווי אַזוי מען מאַרשירט, זינגט און שפּילט.

האָב איך גענומען טראַכטן ווי זיך צו באַוואָרענען, איך זאָל אויפֿשטיין צו דער צייט און נישט פֿאַרשלאָפֿן.

אין אָוונט, ווען איך האָב געזען ווי דער טאַטע גרייט צו אַ ספּעציעלע פּאָר שיך, ס'זאָל אים זיין באַקוועם צו מאַרשירן, האָב איך צוגעבונדן אַ שנירל צו דעם שוך־בענדל פֿון איינעם פֿון די שיך. ווען דער טאַטע איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי און פֿאַרזיכטיק זיך גענומען אָנטאָן, ער זאָל מיך נישט אויפֿוועקן, האָט ער אָבער ביים אָנטאָן די שיך אַ ציִ געטאָן מיטן שוך דאָס שנירל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו מיין בעטל און איך האָב זיך גלייך אויפֿגעכאַפּט.

ווען דער טאַטע איז אַרויס פֿון הויז בין איך שוין גלייך געווען אויף די פֿיס און גענומען אים נאָכלויפֿן. איך האָב גלייך אויסגעפֿונען, אַז דער פּאַראַד פֿאַנגט זיך אָן אינגאַנצן אַ פּאָר גאַסן פֿון אונדזער היים, איז מיר געוואָרן גאָר פֿריילעך, וואָס איך וועל קאָנען דאָס אַלץ זען און הערן.

איך בין אַרומגעלאָפֿן איבער איסט־בראָדוועי, באַוואונדערט די אַלע פּלאַקאַטן, און די קאָמישע פֿיגורן, וואָס מ'האָט געטראָגן אויף גרויסע שטאַנגען.

ווען דער פּאַראַד האָט זיך אָנגעפֿאַנגען בין איך נאָכגעלאָפֿן אַזוי אַ צענדליק גאַסן, נאָר מיטאַמאָל האָט מיך דערזען דער טאַטע. דערווארט האָב איך, אַז ער וועט זיך צעשרייען אויף מיר, אָבער ווי אַ גוטער טאַטע האָט ער זיך צעשמייכלט און מיך גענומען פֿאַר דער האַנט.

— דו האָסט דאָך געקאָנט פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן — האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן.

האָב איך אים געענטפֿערט, אַז צווישן אַזויפֿיל מענטשן קאָן מען נישט פֿאַרבלאָנדזשען.

דער טאַטע האָט זיך צעלאַכט און מיר אַרויפֿגעהויבן ביי זיך אויף די אַקסלען. ערשט דאַן האָב איך דערזען די שיינקייט פֿונעם פּאַראַד.

נאָך איינמיטן פֿון פֿאַראַדירן האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער רעגן, דער טאַטע האָט זיך געערגערט.

— איצט — האָט ער געזאָגט — זעסטו שוין, פֿאַרוואָס איך האָב דיך נישט געוואָלט מיטנעמען?

איך בין אָבער געווען פֿול מיט פֿרייד און זיך אויסגעלאַכט פֿונעם

רעגן און נאָר געקוואָלן, ווען איך האָב דערזען, ווי דער רעגן וואַשט די פאַרב פון די פּלאַקאַטן און באַצירט די ווייסע בלוזעס און די היטלען פון די פרויען, ווי אויך די ווייסע זומער־קאָסטיומען פון די מענער.

איך האָב דאן נישט געטראַכט פון דעם שאָדן, וואָס דער רעגן האָט אָנגעטאָן, נאָר פון דעם שיינעם בילד, ווי אזוי מענטשן גייען אויסגע־פּוצט אין ווייסן און רויטן און אַלץ האָט פאַר מיר אויסגעזען ווי א גאָרטן פון בלומען.

דערפאַר, קינדערלעך, וויל איך נישט טאָן ווי מיין טאַטע און גיין אליין. איך וועל אייך מיטנעמען גלייך מיט זיך, ווייל דער יום־טוב ער־שטער מאי איז פאַר אַלעמען, פאַר גרויס און קליין. ס'איז אונדזער יום־טוב!

„איך וויל עסן!"...

(הומאָרעסקע)

ווי גיך הערי דער קורצער שטעקט אייך אריין א שלום־עליכם, כאפט זיך ארויס ביי אייך גלייך מיטן ענטפער עליכם־שלום: „קיין עין־הרע דיר נישט, הערי".

אלע אין מארק צווישן די ארבעטער קענען אים ביים צונאָמען „הערי דער קורצער" — ווייל ער איז ברייטער ווי לענגער... ער איז קיין עין־הרע נישט, ווי א קיילעכדיק פעסל, וווּ ביי די זייטן וויגן זיך צוויי קורצע פוכקע הענט.

ווען איר זאָלט אים נישט טרעפן, האלט ער שטענדיק אין עפּעס קייען. אין א פּראָסטן מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק צי א תענית — האָט ער אין קעשענע עטלעכע בייגל צו פּארפּאסטן, א שקארמיץ מיט גע־פּרעגלטע בולבעלעך, און פּאר א נויט, אין א הונגער־פּאל — פּארוואל־גערט זיך אין די קעשענעס ביי אים א ביסל ניס, א שטיקל שאָקאָ־לאַד אָדער אן עפּל.

ווענן וואָס ארבעטער זאָלן נישט רעדן, וועט הערי דער קורצער ארויספירן דעם שמועס אויף ז י י ן טעמע, און זיין באריממט ווערטל איז: איך וויל פון גאָרנישט וויסן — איך וויל עסן!

שטייען מענטשן און שמועסן וועגן די נייע וואונדער, וואָס דער מענטשלעכער מוח האָט דערפונדן אין די הויכע ספערן, פאלט הערי דער קורצער גלייך אריין ווי א שטיין אין וואסער און הייבט אָן צו בול־בען און באַלבען: „וואָס קריכן זיי אויף די הימלען. ווייסן זיי נישט, אז מ'קאָן דאַרטן חלילה שטארבן פון הונגער? איך ווייס איין זאך: משה רבינו איז ארויף אויפן הימל, האָט ער נישט געגעסן, און אז מלאכים זענען אראָפּ אויף דער ערד, האָבן זיי יאָ געגעסן... טאָ וואָס זשע טויגן מיר די הימלען?"....

רעדן מענטשן וועגן דער שווערער לאַגע, וועגן נויט און הונגער אין די אונטערדריקטע לענדער, וועגן די שווערע קאַמפן פון די אָרעמע מאסן. דערלאַנגט הערי דער קורצער א לאַנגן פייף: „פאָלג מיך א גאנג, גיי קעמף מיט א לײדיקן מאָגן! ווען טויטע וואָלטן געגעסן, וואָלטן זיי גע־קאָנט אויפשטיין תחית־המתים“.

הערט הערי ווי מ'רעדט וועגן יום־טוב, נעמט ער באַלד אויסרעכע־נען די יום־טובים, וואָס ער האָט ליב. ער איז גרייט אוועקצוגעבן צען יום־כיפורים פאַר איין שמחת־תורה. וואָס איז די שמחה, ווייסט ער נישט. ער ווייסט אָבער, אז א יום־טוב, ווען מ'קאָן עסן ביי זיך און נאָך גיין צוגאַסט און עסן ביי יענעם — איז א יום־טוב... ער האָט אויך ליב חנוכה, פסח, סוכות, און אַלע יום־טובים, וואָס לאָזן זיך קייען... אפילו דאָס פאַרפאַסטן פון א תענית מאַכט ער אויך נישט אוועק מיט דער האַנט...

וועגן וואָס איינער זאָל נישט רעדן, וועגן וואָס פאַר אן אומגליק איינער זאָל זיך נישט באַקלאָגן, דערפירט הערי דער קורצער צו זיינס: „איך וויל פון גאָרנישט וויסן, איך וויל עסן!“...

דערציילט א לאַנדסמאַן וועגן זיין פרוי, ווי ערנסט קראַנק זי איז — אז אין א קורצער צייט האָט זי פאַרלוירן פערציק פונט.

„אָט האָט איר עס — גיט הערי א זאָג וויליונגעריש — ווען זי וואָלט אָבער געגעסן א דריי־פיר מאָל אין טאָג צו דער צייט, און מיט עפּעס זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ ווען עס נעמט חלשן, וואָלט צום אומגליק נישט געקומען...“

ווען הערי דער קורצער הערט, ווי דאָקטוירים וואָרענען מענטשן זיך נישט איבערצועסן, וויפל געפאַר עס ליגט, ווען מענטשן טראָגן זיך ארום מיט איבעריקער וואָג, לאַכט זיך הערי אויס פון די דאָקטוירים און פון זייער וואָרענונג.

— איר ווייסט — גיט ער א מאַך מיט זיין פאַמפּושקע־האַנט — אָט דאָס זענען דאָקטוירים. זיי ווילן, איר זאָלט זיך פאַרמאָרען, וועלן זיי דערנאָך קאָנען אייך פאַרשרייבן וויטאַמינען, מיט פּילן, מיט מעדי־צינען און קריגן פינפערלעך...

ער ברענגט א ביישפּיל וועגן זיינעם א שכן, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געשטעלט אויף א דיעטע צו פאַרלירן דרייסיק פונט. דער דאָקטאָר האָט אים איינגערעדט, אז א שטיק פעטס ליגט אים ווי א שטיין אונטערן האַרצן און איז אים מקצר די יאָרן.

„וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — גיט הערי דער קורצער א לייג ארײַן זײַטיק אין מויל ארײַן א קיכעלע — אין משך פון פיר וואָכן האָב איך פארלאָרן א האלב פון מײַן שכן.... עס איז געווען א שרעק צו קוקן אויף אים. ער האָט געקראָגן א פנים אויסגעצויגן און דאַר ווי די פּאַ־עשווע פון א שוך.... דערצו האָט ער זיך דערהרגעט א נייעם גארניטער. אנשטאָט זעקס־און־פערציק, איז שוין פאר אים געווען געננג פיר־און־דרייסיק. און וואָס, מיינט איר, איז זײַן סוף געווען? ער האָט סיי־ווי געקראָגן א שוואך האַרץ, און ווען ער איז געגאנגען א גאנג — האָט ער שוין אויסגעזען ווי א פאראיאָריקער מת“...

הערים פרוי קען אים שוין גוט. זי ווייסט, אז ער רעדט א סך פון די יידישע יום־טובים, אָבער אין אלגעמיין איז ער נישט קיין איבער־קלייבער. חוץ א בר־מצווה, א ברית, א חתונה, האלט ער אויך שטארק פון קריסטמעס און ניי־יאָר. ער גיט זיך אַ זאָג צו דער פרוי: „ אויב גאָט האָט געגעבן א יום־טוב און אויף יום־טוב וואָס צו פּיקן, דארפן מיר דאָס טייער האלטן און מאקע דאַנקען און לויבן, וואָס דער יום־טוב איז נישט קיין טרוקענער“...

נאָר ווען זײַן ווייב האָט געבראכט פאר „טהענקסגיווינג־טאָג“ דעם אמת־קיילעכיקן אינדיק פון אכצן פונט, און האָט אים געגעבן צו וויסן, אז דאָס מאָל וועט ער דאָס דארפן עסן אָן „קרענבערים“... האָט ער זיך א וויש געטאָן די ליפּן און א זאָג געטאָן: „נו, מילא, איז אָן „קרענבע־רים“, אבי א דאַנק גאָט ס'איז פאראן אינדיק! ביי מיר, אז ס'איז אַזאַ יום־טוב, וויל איך פון גאָרנישט וויסן: איך וויל עסן!“...

„אַ געפּרווירענער" חנוכה־יום־טוב

(מאָנאָלאָג)

אויב מיר ווילן וויסן דעם אמתן טעם פון חנוכה, דאַרפן מיר זיך דערמאַנען אין דעם חנוכה פון אַמאָל.

די הייַנטיקע חנוכהס, פאַרשטייט איר מיך, זענען מאַשינאַווע. עס איז אַ געשעפט ווי אַלע געשעפטן.

די לאַטקעס קאָנט איר קריגן „געפּרוּירענע" יעדן טאָג פון יאָר. די גריוון קאָנט איר טרעפן אין די אָנגעפּילטע פּאָלומיסקעס נישט נאָר אין די רומעניש און אונגאַרישע קאַוויאַרניעס, נאָר אין יעדער קאַפּעטעריע און אַפילו אין די פאַרשייטע נאַכט־קלובן און קאַבאַרעטן.

הייַנט, דריידלעך — זיי ווערן פאַבריצירט גאַנצע קאַסטנס, ס'איז אַ קינדער־שפּיל פאַר ייִנגלעך, מיידלעך, ייִדישע, קריסטלעכע — מ'דרייט. און דער געווינער האָט אַ פולע קעשענע מיט קנעפּלעך פון פּאָליטישנס, מיט בילדער אויף קליינע קערטלעך פון אַקטיאָרן, פּרייז־פייטערס און קאַבאַרעט־מיידלעך.

און צי נאָר קינדער שפּילן זיך אין דריידלעך? אויך גרויסע, אַלע טאָג נייע דריידלעך... מ'פאַרדרייט ז י ך, מ'פאַרדרייט י ע נ ע ם. עס איז הימל און ערד און ד ר יי ד ל גנב...

אָבער דער חנוכה פון אַמאָל?

עס דערמאַנט זיך דער מאַמעס זאָגעלע: קינדערלעך, האָבן מיר אַ גענדזעלע אויף חנוכה, זאָל דאָס גאָר נישט פאַרשטערט ווערן.

יאָ, מיר האָבן דאָ אויך אַ גענדזעלע, אַ גאַנדז, צי אַן אינדיק. איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עס פעלט די יום־טובדיקייט, די חנוכה־וואַרעמ־קייט אַרום דעם. עס איז אַ „פאַרפרוירנס", אַ קאַלטער ענין. איר גייט אַרייַן אין קראָם. קלייבט זיך אויס אַ פאַרפרוירן גענדזל אָדער אינדיק אין אַ פּלאַסטישן זעקל, איר קאָנט דאָס נוצן פאַר מאָנטיק, פאַר מיט־

וואָך, פאַר חנוכה, אָדער פאַר קריסטמעס און ניי־יאָר — אַלץ איינס, בלויז דער פּריַיז איז אַ ביסל העכער....

אָבער אין דער אַלטער היים האָט מען דאָס געגעלט גערופן, געקאַרמעט מיט דאָס בעסטע. עס איז געווען אַ חנוכה־גאַנדז מיט אַ פּלאַן, מיט אַ רעכענונג. דאָס פלייש און די גריוון פאַר חנוכה און דאָס פעטס — אויף פסח.

פלעגט מען פּרעגלען דאָס פעטס, האָט פאַרשמעקט דאָס הויז. און גישט קיין וואונדער, פאַרוואָס מ'האָט גערופן די גריוון — „גאָלדענע גריוון". ווען אין דעם באַרג מיט ציבעלעס, וואָס די מאַמע האָט אַריינ־געטאָן אין דער קופּערנער פאַן, האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר „גריוון", האָבן זיי אויסגעזען ווי שטיקער גאָלד אין אַ גאָלד־גרוב. און דער וואונדער איז געווען נאָך גרעסער, וואָס דאָס גאָלד איז געקומען פון אַ שמאַלץ־גרוב...

וואָס דאַרפט איר מער, אַפילו אין דעם פליקן די פעדערן האָט זיך געפילט חנוכה.

געפליקט האָט מען די פעדערן פאַר אַ קישן, און דעם פוך האָט מען געהאַלטן באַזונדער אין קליינע קישעלעך ביז — פון עטלעכע יאָר האָט זיך אָנגעקליבן פאַר אַ פוכאָווער פּערענע. אַ מתנה פאַר אַ טאָכ־טער, וואָס וועט אויסוואַקסן און חתונה האָבן. האָט מען די פּערענע־טאָקע גערופן די חתונה־פּערענע... און אַזוי ווי חנוכה פאַלט אויס ווינ־טער, מ'איז באַדעקט מיט פראָסט און שניי, איז די וואַרעמע פּערענע געווען די אמת ליבע וואַרעמע חנוכה־מתנה...

אין דער צייט, ווען מ'האָט געפליקט די פעדערן, זענען איבערן הויז אַרומגעפלויגן די פעדערלעך פון פוך און אָנגעפילט די האָר ביי די פרויען און די בערד ביי די ייִדן מיט פעדערן, דערצו האָט מען נאָך געהאַלטן אין איין אָפּבלאָזן די פעדערן פון טיש און פון טעלער מיט לאַטקעס. פלעגט דער גוטמוטיקער זיידע אַ שפּאַס טאָן: — בלאָזט, קינ־דערלעך, בלאָזט, היינט איז אייער יום־טוב — די רייכע בלאָזן זיך אַ גאַנץ יאָר....

און דאָס חנוכה־לעמפּל? ביים זיידן איז דאָס חנוכה־לעמפּל געווען אַ בולבע. אַלע טאָג איז צוגעקומען נאָך אַ בולבע אויפן פענצטער. מ'האָט זי אויסגעהוילט אינמיטן און אַריינגעשטעלט דאָס ליכטל אין דעם; דער „שמש" האָט געהאַט זיין פּלאַץ — אין אַ רויטן בוראַק...

מיין טאַטע האָט זיך דערטראַכט צו אַ גאַנץ אַנדער פאָרטל. ער האָט גענומען אַ לאַנגן גראָבן מער, אויסגעבויערט אַכט לעכלעך און ביים

קאָפּ פון מער געמאכט פּלאַץ פאַרן „שמש“. און אזוי איז אכט טעג געווען ליכט אין אונדזער פענצטער...

היינט איז אָבער דאָס חנוכה=לעמפּל א מאשינאָווע, אַן אויסגעגאָסנס, א „געפּרווירנס“, ווי די לאַטקעס, ווי דאָס געגדזל, ווי דער גאַנצער יום=טוב... ביי איינעם שטייט א חנוכה=לאָמפּ ווי אַן אַנטיק — א קופּערשטיק, אין דער גלעזערנער שאַפע. ביי א צווייטן פאַרפּוצט מען דאָס אין גרינס ווי א דערמאָנונג פאַרן קומענדיקן פרילינג פון ליכט, ווארעמקייט און גרינקייט.

היינט דאָס לעגענדארישע מעשהלע מיטן אייל: א קליין ביסל אייל האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג. איך האָב געכאַפּט פון מיין רבין א פּיי־ערדיקן פּאַטש, ווען איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין נס, ווייל מיין טאַטע ווייזט די „קונץ“ אַלע וואָך. ער קויפט א קווערטל גאַז פאַרן „קורניק“, און דאָס מוז זיין פאַר א גאַנצער וואָך...

היינט לעבן מיר אין א גאַנץ אַנדערער וועלט, אין א גאַנץ אַנדערער צייט. אנשטאָט שפּילן א „זעקס=און=זעכציק“, שפּילט מען איצט אויף פערדלעך... אנשטאָט דערציילן מעשהלעך פון א ביסל אייל, וואָס האָט אַמאָל געברענט אכט טעג, איז גאָר איצט א נס, וואָס צוליב א ביסל אייל ווערט די גאַנצע וועלט נישט פ א ר ב ר ע נ ט...

טאָ זאָל שוין זיין „געפּרווירענע“ לאַטקעס, זאָל שוין זיין קאַלט־געשניטענער אינדיק, אַבי ווארעמט דאָס גוט אָן. און אַ יום=טוב איז אַלעמאָל גוט, איצט אַוודאי. זאָל זיין יוב=טוב אויף דער וועלט!

אַ נייער פּסחדיקער מאכל...

(פּען־שטיפערײַ)

מיסעס קאַרלים האָט ליב צו זיין א באַלעבאָסטע מיט „א ברייטער האַנט“. זי האָט ליב אָפט צו באַטאָנען: — א דאַנק גאָט, עס פעלט מיר גאָרנישט...

איר מאַן, מיסטער קאַרלים, האָט א גוטגייענדיק געשעפט און דאַרף איר נישט צוציילן דעם דאָלאַר...

לעבט מען זיך אין א פיינער דירה פון אכט צימערן מיט אלע איינריכטונגען. צוויי אויטאָמאָבילן שטייען אלעמאָל „צו דער האַנט“, און ס'איז דאָ א דינסט, וואָס וואַשט, ראַמט, קאָכט און קויפט אַלץ איין.

ווען עס קומט א יידישער יום־טוב, האָט שוין מיסעס קאַרלים ליב אַליין צוצולייגן א האַנט... ס'איז אמת, אז זי איז נישט צופיל באַהאַוונט אין יידישע מנהגים און דינים פון כשרות, אָבער פון איין זאַך האַלט זי שטאַרק, אז — „אכילה איז די בעסטע תפילה“...

דערפאַר האָט זי זיך גענומען גלייך נאָך פורים טראַכטן און גרייטן זיך צו פסח. און נישט נאָר זי, נאָר אויך ער, איר מאַן בעני קאַרלים, ווייסט, אז פיר וואָכן נאָך פורים, ווען אסתר די יידישע טאָכטער איז געוואָרן אסתר המלכה, דאַרף ער, בעני קאַרלים, ווערן א קעניג און פראַווען דעם סדר...

בעני האָט אָנגעזאָגט דער פרוי, אז דעם פסח פּלאַנירט ער איינצולאַדן צום סדר א צאָל פון די אָנפירער אין זיין געשעפט, אויך עטלעכע מענטשן פון די „פני“ אין זיין סאָסאיעטי און עטלעכע מענטשן פון דער משפחה. דערפאַר האָט ער באַטאָנט, וויל ער, אז די פרוי זאָל האָבן גוט איינזינען און אָנגרייטן די נויטיקע צאָל הגדות און — טאַקע די אמתע גוטע קניידלעך.

מיסעס קאַרלים ווייסט, אז הגדות דאַרף מען נישט קויפן: מ'טיילט זיי אומזיסט, א צולאָג צו אלץ וואָס מ'קויפט... האָט זי אָנגעזאָגט דעם דינסטמיידל: „האָב איגזיגעז, ברענג א קעסטל קרוכלע מצה, א קעסטל קיילעכדיקע מצה, א קעסטל אייער־מצה און פסחדיקן טאָרט. נאָר געדענק, פאַרגעס נישט קריגן די הגדות צו יעדער זאַך".

נאָך דעם ווי דאָס דינסט־מיידל האָט געבראַכט די ערשטע פינף הגדות, האָט איר מיסעס קאַרלים געזאָגט: „איצט גיי ברענג א פלאַש זיסן וויין, א פלאַש זויערן וויין און א פלאַש וויין פון ישראל. דערצו נעם אויך א פלאַש שליוואָוויטש, א פלאַש מעד, א פלאַש ברענדי און א פלאַש וואָדקאַ. נאָר זע, אז אויף אַלע פלעשלעך זאָל זיין א „כשר לפסח" און — פאַרגעס נישט קריגן צו יעדער פלעשל אן הגדה".

ווען מיסעס קאַרלים האָט אָפגעציילט די הגדות און די געסט וואָס זי דערוואַרט, האָט זי זיך געכאַפּט, אז ס'איז נישט גענוג. האָט זי זיך אָבער אויך דערמאָנט, אז עס פעלן נאָך א פּאָר קעסטלעך מצה־מעל, גים, באָרשטש, כריין — מיט דעם איז שוין פאַרפילט געוואָרן די צאָל פון די הגדות...

צום סדר איז צוגעגרייט געוואָרן דער פיין־פאַרפּוצטער טיש. די כלים האָבן געשיינט, די גלעזער האָבן געפינקלט, דאָס עלעקטרישע ליכט האָט געוואָרפן זיין שיין איבער די פלעשער, וואָס האָבן געמיניעט פאַרן אויג ווי א ליכט־וואַרפער אויף א טורעם...

מיסטער קאַרלים האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף דעם היסב־בעט. די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט רונד ארום טיש. מיסעס קאַרלים האָט מיט א פרום־שמייכלענדיקער מינע אײַנגעטיילט די אַלע געסט די הגדה, ווי א סאַרווער וואָלט דערלאַנגט א „מעניו" אין א רעסטאָראַן... די געסט האָבן א מיש געטאָן די הגדה. אייניקע האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זיי האַלטן ריכטיק און ווי מ'דאַרף דאָס מישן?

גיך איז געפאַלן זייער בליק אויף די פינקלדיקע פלעשער. זיי האָבן אינסטינקטיוו א רוק געטאָן אין א זייט די הגדה, און זיך גענומען צו די גלעזלעך.

אָנגעפילט די גלעזלעך, אָנגעקלאַפּט אײַנס אין דעם צווייטן און — ווידער אָנגעפילט....

איידער מ'איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער פאַרשפּייז, זענען זיי שוין געווען פאַרטיק מיט די ערשטע פיר כוסות...

ווייטער האָבן זיי שוין נישט געציילט... נישט די כוסות, נישט די קניידלעך און נישט די „מכות". אַלץ וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויפן טיש איז פאַרברענט געוואָרן ווי ביי א פרומען יידן דער חמץ...

ווען מיסעס קאַרלים האָט דערלאַנגט די אמת־פיינע געבעקס, מיט די פלאָם־פייערדיקע, געברוינטע כרעמזלעך, האָבן אַלע וואַקלדיקע מיט די גלעזלעך געטרונקען א „גוד־לאַק" צו איר, נישט ווויסנדיק ווער איז פרעה און ווער איז משה.

ווען דאָס דינסט־מיידל האָט זיך גענומען אָפּצורייניקן דעם טיש, האָט זי צוערשט צונויפגעליינט די הגדות און ווי גערעדט צו זיך:

„די געפּילטע פיש האָבן זיי פאַרשלונגען, די קניידלעך זענען געלם געוואָרן אונטער די הענט, די פלעשלעך אויסגעליידיקט, די כרעמזלעך, ווי פאַרברענט געוואָרן, נאָר די הגדה — די הגדה האָבן זיי אין מויל נישט גענומען"...

ווען מיסעס קאַרלים האָט דאָס באמערקט צו מיסטער קאַרלים דעם „קעניג" אויף דעם היסב־בעט, אַז „די הגדה האָט קיינער אין מויל נישט גענומען", האָט ער, א פאַרשנאַשקעטער, זיך צעלאַכט:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: איך האָב דאָס אויך נישט פאַר־זוכט. איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דו האָסט נאָך א פסחדיקן מאכל...

הענט און פיס

„האָטעל גרינבארג“ איז א „קאָנוואלעסענט האָום“ — אהין קומען קראנקע פון פארשידענע שפיטאָלן צו דערהאָלן זיך פון אלערליי קראנקהייטן. דאָ קומען זיי צו זיך, צו נייע כוחות.

די עטלעכע צענדליק מענטשן, מענער און פרויען, אין דעם „האָטעל“ האָבן שוין אריבערגעשפאַנט די ערשטע העלפט פון זייערע הונדערט=און=צוואנציק יאָר... יעדער איינער פון זיי האָט זיך זיין פעקל צרות. איינער פאָרט אויף א וועגל, ווייל די פיס דינען אים נישט; א צווייטער שפארט זיך אָן אויף א שטעקן; עס איז אים שווער צו פארלאָזן זיך אויף זיינע אייגענע פיס.

עס זענען פאַראַן אויך אזעלכע, וועלכע האָבן דורכגעמאכט אַן אָפעראציע און האָפן נאָך צו קאָנען אינגיכן ווידער אַרבעטן.

אלע פילן זיך ווי איין פאַמיליע. איינער העלפט ארויס דעם צווייטן; מען טיילט זיך מיטן ביסן. נאָר מער פון אלץ טיילט מען זיך מיט דערפארונגען פון לעבן, מיט דערפארונגען פון קראנקהייטן, פון מעדיצינען און שפיטאָלן....

עס פאַסירט אָפט אויך א סכסוך, ווען איינער הייבט אָן דערציילן ווי „שטארק קראנק“ ער איז געווען, ווי ער האָט שוין געזען דעם מלאך=המות שטייענדיק ביי זיין בעט, און א צווייטער מאכט זיין קראנקהייט צו גאָרנישט און הייבט אָן דערציילן פון זיך:

— א מלאך=המות ביים בעט שטייט שטענדיק. מיך אָבער האָט שוין דער מלאך=המות געהאלטן אין די לאַפעס. אָט אזוי, ווייזט ער, האָט ער שוין געהאלטן זיינע ברענענדיקע פינגער ארום מיין האלדז... אָבער מיין דאָקטאָר — איי, איז דאָס א דאָקטאָר, זאָל ער נאָר זיין געזונט און שטארק — האָט מיר געגעבן אן „איינשפריצונג“, אזש דער מלאך=המות האָט זיך דערשראָקן און אָפגעטראָגן...

נאָר ווי גיך עס קומט צו די שיינע שרהלע, ווי אַלע רופן זי, מיט די פאַרקריפּלטע פיס, וועלכע זי האָלט פאַרדעקט אין איר דריי־רעדלדיקן וועגעלע, מיט איר באַגלייטער, רב עליע, וועלכער פירט זי אַרום מיט זיינע האַלב־אָפּגעהאַקטע פינגער פון ביידע הענט, פאָדערן אַלע: „שרהלע, זינג עפּעס!"

שרהלע האָט אַ גוטן חוש פאַר הומאָר; גיט זי צו צו דער אַלגע־מיינער פאָדערונג: „אפשר טאַנצן אויך?"....

זי שאַרט זיך צו מיטן וועגעלע צו דער אַלטער פּיאַנאָ, וואָס שטייט אויף דער גרויסער וועראַנדע. זי טוט אַ קלאַפּ מיט אַ פינגער איבער די קלאַווישן און צעלאַכט זיך: „מיר דאַכט זיך, קינדערלעך, אַז די פּיאַנאָ איז אַהער אויך געקומען פאַרריכטן איר געזונט. זי האָט נעבעך נישט קיין אייגן געזונט, גאַנץ ביינדל אין זיך"....

שרהלע לאָזט זיך אָבער לאַנג נישט בעטן און גיט אַ זינג ווי צו זיך: „איז נישטאָ קיין גאָפּל, עסט מען מיט די הענט — וועלן מיר זינגען אָן אַ פּיאַנאָ".

זי פאַרציט אַ האַרציק פאָלקס־ליד און בעט אַלעמען, וועלכע קע־נען די מעלאָדיע איר צוהעלפן.

רב עליע שטייט ביי איר זייט. זינגען קען ער נישט. ער האָט אָבער אָפן דאָס מויל און גאַפט. ער שלינגט יעדעס וואָרט. זיינע האַל־בע פינגער באַוועגן זיך, ווי ער וואָלט איר באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ.

נאָכן זינגען און שפּאַסן ברענגען די באַלעבאַטים גרינבאַרג אויף דער וועראַנדע טיי, מילך און צובייסן. יעדער איינער זוכט זיך אָפּ זיין ווינקל צו קאָנען זיך מאַכן באַקוועם מיטן עסן און טרינקען.

רב עליע פירט צו שרהלען מיט די קראַנקע פיס צו אַ נידעריק טישל, וווּ זי אַליין עסט און דערלאַנגט אויך דאָס עסן רב עליען אין מויל אַריין.

ווען שרהלע און רב עליע עסן און טרינקען, קוקן זיך אַלע איבער און רעדן אויפן אויער איינער צום צווייטן.

עס איז שוין מער קיין סוד נישט, אַז די צוויי אַלטע מענטשן, רב עליע און שרהלע האָבן זיך פאַרליבט איינער אין צווייטן און זיי קוקן זיך אין די אויגן, ווי אַ יונג, פאַרליבט פּאָרל.

שרהלע האָט דאָס שוין „אויסגעזונגען" גאַנץ הויך, אַז אַלע זאָלן וויסן דורך אירס אַ פּאַראָדיע־לידל:

„זעקס־און־זיבעציק ער — און זיבעציק זי"...

אָבער מענטשן האָבן ליב צו רעדן און דערציילן. מען וויל, אז די ניי־אָנגעקומענע קראנקע זאָלן אויך וויסן פון דעם „שידוך", ווי אזוי רב עליע און די שיינע שרהלע זענען באקאנט געוואָרן...

גאָר א בריה אויף איבערצוגעבן נייעס איז די אַלטע רעיטשל. זי געפינט זיך שוין אין דעם „האָטעל גרינבארג" א פּאָר יאָר. זי ווייסט פון אלע שווערע הערצער. און דערציילט זי עפּעס — איז עס מיט אלע פּיטשעווקעס. חוץ דעם האָט זי אויך ליב, ווי ביים קאָכן, צוצופּראווען דאָס מיט זאלץ און פעפער...

היינט האָט זי צווויי נייע געסט. וויל נישט רעיטשל, אז זיי זאָלן לעבן אין דער „פינצטער". זעצט זי זיך אוועק מיט זיי אין א ווינקל און הייבט אָן דערציילן:

ביידע, סיי רב עליע, סיי שרהלע, זענען געקומען דעם זעלבן טאָג פון שפּיטאָל צו דערהאָלן זיך נאָך זייערע שווערע קראנקהייטן, וואָס זיי האָבן דורכגעמאכט.

ווען מ'האָט געדארפט עסן וועטשערע, האָט שרהלה געזען, ווי רב עליע מוז ווארטן, עס זאָל אים עמעצער העלפן צעשניידן דאָס פלייש, אָנשמירן פוטער, וואָס ער האָט מיט זיינע האלבע פינגער נישט גע־קאָנט טאָן.

רב עליע, ווידער, האָט באמערקט, אז שרהלע בלייבט זיצן אין איר „רעדל־שטול" אָדער „רעדל־פּאָרער" און ווארט, אז די אנדערע זאָלן אָפּעסן און דאן זיך קאָנען אָפּגעבן מיט איר, ברענגען איר עסן צום נידעריקן טישל ביים שטול.

איינמאָל, נאָכדעם ווי רב עליע האָט זי ארומגעפירט מיטן וועגל ארום דעם האָטעל און זי צוריקגעבראכט אין הויז צום מאָלצייט, האָט שרהלע פּאָרגעשלאָגן, אז מען זאָל זיי ביידן געבן עסן ביים טישל: זי וועט אים העלפן ביים עסן, און ער איר — מיטן ארומפירן. אזוי וועט דאָס זיין — „אַן אָפּגעגעבן ברויט"...

זיצנדיק ביים טישל, האָט רב עליע איר דערציילט פון זיין לעבן, און שרהלע האָט דערציילט פון איר לעבן.

רב עליע האָט אָנגעוויזן אויף די צוויי הענט: דאָס זענען אמאָל נישט געווען קיין הענט, נאָר אייזערנע צוואנגען. ביים פאך בין איך געווען אַן אייזן־ארבעטער. איינמאָל האָב איך צוליב דעם שטענדיקן געיעג אין דער פאבריק, וו איך האָב געאַרבעט, פארלוירן די קאָנ־טראָל אויף א שנייד־מאַשין, און מיינע ביידע הענט זענען פארקלעמט

געוואָרן. אזוי האָב איך פארלוירן מיינע פינגער — געבליבן א קריפּל.

און די שיינע שרהלע דערציילט פון איר אומגליק. זי איז געווען א פרוי בלוט=און=מילך. ווען דער מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבן, איז זי געבליבן עלנט ווי א שטיין, אָן א פריינד און אָן א קינד.

נישט האָבנדיק קיין דערפארונג מיט פאבריק=ארבעט, האָט זי זיך אָפּגעזוכט אַן ארבעט אין א קיך צו העלפן קאָכן און וואַשן פאר א רעסטאָראַן. אזוי איז איר אויסגעקומען צו ארבעטן לאנגע שעהן אויף די פיס אין דער שטענדיקער נעץ און פייכטקייט: דאָ ביים אויוון, און דאָ ביים אייז=קאַסטן.

איין טאָג, ווען זי איז געפאלן אויף אירע פיס, האָט זי שוין מער נישט געקאָנט קומען צו זיך. וואָכן=לאנג האָט מען איר געגעבן באַהאַנדלונג, און דער סוף איז, אז זי קאָן זיך דערוויל אָן א וועגל נישט א ריר טאָן.

אזוי האָט רעיטשל דערציילט די צוויי נייע געסט וועגן דעם לעבן פון רב עליען און שרהלען. זי האָט דערביי א פאטש געטאָן מיטביידע הענט און צוגעגעבן: „און אז מיר האָבן נאָך געזען, ווי איינמאָל, ווען זי האָט אים צוגעטראָגן דאָס עסן צום מויל, האָט ער איר א קוש געטאָן אין האנט, האָט אונדז דאָס הארץ געזאָגט: עס וועט זיין א מזל=טוב“.

שרהלע, וועלכע האָט פונדערווייטנס פארדעכטיקט, אז רעיטשל דערציילט שוין די נייע געסט וועגן איר מיט רב עליען, האָט אויסגערופן מיט א גוטמוטיקן שמייכל אויף איר פנים: „רעיטשל, פארגעסט שוין אויך נישט צו דערציילן, אז אין דריי וואָכן ארום, איידער מיר פאָרן אהיים אויף חנוכה, וועט מען מיך „פירן“ אין גרינבארגס האָטעל צו דער חופה!“....

אין דריי וואָכן ארום האָט מען טאקע געפירט שרהלען מיט רב עליען צו דער חופה. אלע געסט און פריינד האָבן זיך משמח געווען, געווונטשן זיי גליק און א גוטע עלטער.

ווען די געסט האָבן איבערגעגעבן א חנוכה=מנורה, א מתנה פאר רב עליען, און דערנאָך א נײַ זילבער=בליאסקענדיקן רעדער=שטול — א מתנה פאר שרהלען, האָט מען דערזען צום ערשטן מאָל אויף שרהלעס גוטמוטיק פנים, ווי צוויי פערל=טרערן זענען געבליבן שטיין אויף אירע באַקן.

שרהלע האָט אויף גיך צעטריבן די מאָדנע שטימונג און אויסגערופן: „אַ דאַנק אייך, פריינד! געקומען אהער זענען מיר צוויי קאליקעס:

רב עליע אָן פינגער, אָן הענט, און איך — אָן פיס. איצט פאָרן מיר צוריק פאראייניקט ביידע מיט הענט און מיט פיס!"...

רב עליע האָט צוגעגעבן: „פריינד, ווען מיר וועלן זיין ביי זיך אין דעם היים, וועל איך גוט איינזיינען האָבן די געסט אין „האָטעל גרינבארג" און וועל קאָנען זאָגן: „נס גדול היה שם".

ער האָט געוואָרפן א ליבן בליק צו שרהלען און פריידיק א זאָג געטאָן: „א יאָ, ס'איז א נס געשען?"...

אַ לעבעדיקע ירושה

(דערציילונג)

קיין זאך איז פאר הירש לייבן נישט געווען צו שפעט. ער פלעגט שטענדיק מיט א שמייכל א זאָג טאָן: רעגן צו שניי — איך גיי!

נאָר איינמאָל, ווען ער האָט זיך גענומען גרייטן גיין צו א פארזאמלונג פון זיינע לאנדסלייט, האָט ער דערפילט א שטאָך אונטערן הארצן מיט א קראמף אין גאנצן ארום. ער איז געבליבן שטיין און ווי געפרווט זיך אָנהאלטן אין אייגענעם שניפס, ער זאָל נישט אומפאלן.

ווען ער האָט זיך דערשלעפט צום בעט און געבעטן זיין פרוי צו ברענגען אים אַ ביסל וואסער, האָט ער ווי שטאַמלדיק צו זיך אליין גערעדט:

— מיר דאכט זיך, אז דער טיק-טאַק פון זייגער שטעלט זיך אָפּ...

די פרוי האָט אים באקוועם אוועקגעלייגט אין בעט און גלייך גערופן א דאָקטאר.

דער דאָקטאָר איז געקומען, געגעבן אים א פאָר פילן אויפן צונג, אונטערזוכט און דערקלערט, אז ער דארף פשוט ליגן און רוען.

זיין געדאַנק האָט אָבער נישט גערוט. ער האָט פארן דאָקטאָר נאָכאמאָל איבערגעזאָגט: מיר דאכט זיך, דאָקטאָר, אז דער זייגער שטעלט זיך אָפּ...

— רעדט נישט קיין נארישקייטן — האָט זיך דער דאָקטאָר געוויצלט: — איר האָט א גאָלדענעם זייגער, נאָר איר האָט אים אביסל צופיל אָנגעדרייט... איר וועט זיך עטלעכע וואָכן אויסרוען און דערנאָך א ביסעלע ווינציקער דרייען דעם זייגער, וועט ער לענגער דינען... הירש לייבן איז אריין אין נאָז, אז זיין הארץ איז נישט אין ארדענונג.

די ערשטע זאך האָט אים גענומען טראָגן זיין געדאנק: וואָס וועט זיין מיט דער קינדער-שול? ער איז סעקרעטאר און קיינער האָט עם פריער נישט געוואָלט אָננעמען. טאָ ווער וועט איצט פארנעמען זיין פלאַץ?

בײַ די לאַנדסלײַט איז ער האָספּיטאַלער, ער האָט אָנגענומען דעם אַמט, װײַל ס'איז נישט געװען קײן צװײטער. װוּ װעט זיך איצטער אָפּזוכן אַן אַנדערער צו װעלן באַזוכן אַ קראַנקן?

אין קולטור־קלוב איז ער פּאָרזיצער, דאָ, װײסט ער, איז יאָ פּאַראַן אײנער, װאָס קאָן איבערנעמען די אַרבעט. די פֿראַגע איז נאָר, צי װעט ער װעלן? שױן אין די לעצטע װאַלן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

די הױפּט־זאַך האָט אים אָבער געמאַטערט דער געדאַנק: װאָס װעט זײַן אין שאַפּ? ער אַרבעט אין שאַפּ שױן אַ סך יאָרן. די אַרבעטער האָבן אים ליב, זײ האָבן צו אים אַ באַציִונג. ער איז אױך אײנער פֿון קאָמי־טעט אױסצוטײלן די אַרבעט, אױסצוגלײַכן סכסוכים, װאָס מאַכן זיך אין אַ שאַפּ.

די פֿרױ האָט באַמערקט זײַן זאָרג. זי האָט אַ שפּאַס געטאָן: װען אַ מענטש איז קראַנק, נעמט מען די װעלט אַראָפּ פֿון קאָפּ און מ'לײגט זי אַװעק אין אַ זײַט... בלױז געזונטע מענטשן קאָנען ברענגען נוצן דער װעלט. ליג איצט רוּיִק. פֿאָלג װאָס דער דאָקטאָר האָט דיר אָנגעזאָגט.

ער אַלײן, הירש־לײב, איז טאַקע געלעגן שטיל און רוּיִק, אָבער זײַן געדאַנק איז געלאָפֿן. װי אַ פֿילם האָבן זיך געװיקלט זײַנע איבערלעבונ־גען פֿון דעם ערשטן טאָג װי ער איז געקומען אין לאַנד, פֿון דעם שרעק־לעכן סװעט־שאַפּ, װאָס ער האָט געהאַט אױסצושטײן, דעם גרױסן יאָך װאָס ער האָט געהאַט מיטן אַראָפּברענגען די פֿאַמיליע, דאָס איבער־קלײַבן זיך פֿון אײן דירה אין אַ צװײטער. און װיפֿל געזונט האָט געקאָסט די דערציִונג פֿון די קינדער? יאָ, אױך פֿרײדיקע מאָמענטן, װען זײַן קינד האָט אין שול צום ערשטן מאָל דעקלאַמירט אַ ייִדיש ליד און װען עס האָט ליב געקראָגן צו רעדן ייִדיש אין הױז.

אַזױ ליגנדיק אין בעט האָט ער זיך דערמאָנט װי די קינדער האָבן חתונה געהאַט, װי ער מיט דער פֿרױ האָבן געטאַנצט.

אין די טיפֿע פּאָרטראַכטענישן, האָט ער זיך פּלוצעם שטאַרק צע־לאַכט. די פֿרױ איז צוגעפֿאַלן, ער האָט זי באַרוּיִקט:

— דו װײסט װאָס ס'האָט זיך מיר איצט דערמאָנט? געדענקסט װי צו דער חתונה פֿון אונדזער קינד האָבן מיר בײדע געטאַנצט און דו האָסט מיר געזאָגט, אַז װאָס־װאָס, נאָר קײן טענצער װעל איך שױן נישט זײַן?
— יאָ, עס זעט אױס, אַז איך װעל שױן קײן טענצער נישט זײַן...

די פרוי האָט געפּרוּווט אַ שפּאַס טאָן, האַלטנדיק איר האַנט אויף זיין שטערן: קיין היץ האָסטו נישט, טאָ רעד נישט פון היץ... נעם בעסער עפּעס אַ טרונק צו טאָן.

זי האָט אים אַריינגעטאָן אין מויל אַריין דאָס גלעזערנע טרייבל מיט אַ וואַרעמער פליסיקייט און דערביי אים גענומען באַרויקן: „נעם, מיין ערן־וואָרט, אַז עס איז חלילה קיין בייז נישט מיט דיר. דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרזיכערט, אַז נאָך טשלעכע וואָכן רועז וועסטו זיין צוריק אויף די פיס. נאָר“...

האָט הירש־לייב איר איבערגעהאַקט די רייד: „נאָר נישט דרייען צופיל דעם זייגער“...

זיינע אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן צו שלאָפן. די פרוי האָט אים גענומען גלעטן איבערן שטערן און קעמען מיט די פינגער די האָר פון קאָפּ, ווי ער האָט עס ליב געהאַט אַמאָל. זי האָט אים אַזוי לאַשטשענדיק פאַר־וויגט. ער איז איינגעשלאָפן און זי איז אַריין אין קיך טאָן איר אַרבעט.

אין שלאָף האָט זיך דער „פילם“ ווידער גענומען וויקלען: ווי ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם שאַפּ; געוואָרן שאַפּ־טשערמאַן. דער־נאָך געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם גאַנצן פאַך. ווי ער רעדט צו די אַרבעטער און דער זאַל ווערט פאַרהילכט פון די אַפּלאָדיסמענטן.

אויף זיין שלאָפנדיק פּנים האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַ גרימאַסע פון שרעק. ער האָט דערזען דאָס בילד, ווי לעבן אַ שאַפּ פון אַ גרויסן פאַבריקאַנט האָבן געדונגענע שטרייקברעכער צעשפּאָלטן דעם קאָפּ אַ שטרייקער.

ער האָט גענומען שרייען, און זיך אויפגעוועקט. ווען זיין פרוי איז אַריינגעקומען האָט ער ווי געלאַכט און געוויינט צוזאַמען: וואָס אין שלאָף קריכט אַלץ אויפן געדאַנק?...

— זיץ לעבן מיר אַ ביסל — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי — איך וויל דיר עפּעס זאָגן. נאָר ווער נישט בייז אויף מיר. ווייסט דאָך, אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ צייטווייליק באַשעפעניש אויף דער וועלט. קיין צוויי מאָל שטאַרבט מען נישט. אָבער איין מאָל מוז מען... נאָר ווען דער איין מאָל קומט ווייסט מען נישט?... אמת, מיר האָבן געהאַט אַ שווער לעבן. היינט אָבער זענען מיר מער ווייניקער איינגעשטעלט. איך האָב לעצטנס פאַרדינט נישט שלעכט. די קינדער זענען פאַרזאָרגט. מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט טשלעכע דאָלאַר אויף „הלוואי זאָל מען נישט

דאַרפֿן"... פֿאַראַן אָבער זאַכן וואָס מ'דאַרף שוין און מ'מוז דאָס האָבן אינזינען...

סאָניע האָט אים געוואָלט איבעררייסן פֿון דער שטימונג — ער האָט איר אָבער נישט געלאָזן.

— לאָז מיך ענדיקן וואָס איך וויל דיך בעטן — האָט ער ווי מיט געוואַלד גערעדט: איך בעט דיך. עס איז שוין עטלעכע טעג ווי איך ליג צו בעט און קאָן נישט אַראָפּ, איז ווי אַ זאַך מאַכט זיך, פֿאַרגעס נישט אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען דיר אַזוי ליב און טייער ווי מיר.

ער האָט גענומען אויסרעכענען:

— דו ווייסט געבן הונדערט דאָלאַר פֿאַר דער שול. מ'זאָל דאָרט אויספּאַרבן. זאָל די קינדערלעך מיט דעם לערער זיין ליכטיק אין די אויגן. הונדערט דאָלאַר וועסטו געבן דער סאָסאַיעטי פֿאַרן פֿאָנד צו העלפֿן קראַנקע, אויך דער קלוב בויטיקט זיך לעצטנס אין אַ פּופּציקער. זיי דאַרפֿן האָבן כּלים, ווען עס קומט פֿאַר אַן אָוונט, פֿעלן פּשוט אויס טעפּלעך, לעפֿעלעך און נאָך זאַכן.

סאָניע האָט זיך צעלאַכט:

— אויב זיי וועלן דאַרפֿן וואַרטן אויף דיין ירושה, וועט זיין זייער שלעכט... נאָר זאָרג זיך נישט. לאָמיר איצט רעדן וועגן פֿריילעכע זאַכן: וואָס ווילסטו בעסער פֿאַר אַ וועטשערע?

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן דעם שמועס, עס זענען אַריינגעקומען באַזוכער פֿון די אַלע אָרגאַניזאַציעס.

דער נייער האָספּיטאַלער האָט גוטמוטיק געגעבן הירש-לייבן אַ וואַרעמען שלום-עליכם און געזאָגט: „מיר האָבן זיך דערפֿילט גליקלעך, ווען סאָניע האָט אונדז פֿאַרזיכערט, אַז מיר קאָנען שוין קומען אייך באַזוכן און אַפֿילו רעדן מיט אייך. וויל איך אייך לאָזן וויסן — האָט ער האַלטנדיק צערטלעך הירש-לייבס האַנט ווייטער געזאָגט — אַז איך האָב אָנגענומען צו טאָן אייער אַרבעט אַלס האָספּיטאַלער, מיט איין באַדינג — צ ייט וו יי ל י ק! און איר וועט אומבאַדינגט מוזן קומען איבערנעמען אייער אַרבעט.

ווען די אַנדערע פֿון די באַזוכער האָבן געלאָזט הערן די זעלביקע רייד, האָט סאָניע זיך האַרציק צעלאַכט: „איר רעדט שוין וועגן צוריקגעבן אים אַלע אַרבעטן און ער — האָט זי שטיפֿעריש אַ טייטל געטאָן מיטן פֿינגער איבער זיין נאָז — האָט מיר שוין געהייסן צעטיילן די ירושה... און פֿרעגט נאָרנישט וואָס פֿאַראַ פֿאַרמעגן עס וואַרט אויף אייך"...

דער עולם באַזונדער האָט זיך גוט צעלאַכט, אין דער פאָרשטייער פון קלוב האָט געלאָזט וויסן: „הירש־לייב, איר מוזט זיך גיבער שטעלן אויף די פיס, ווייל מיר האָבן אַראַנזשירט אויף אין דריי וואָכן אַ־רום אַ יום־טוב מיט אייך, ס׳הייסט פּאַקע מיט אייך און אייער פרוי סאָניע.

אין דריי וואָכן שפּעטער, אַ שבת־אָוונט, איז דער קולטור־קלוב גע־ווען אויסגעפּוצט. די טישן שיין צעשטעלט און פריש באַדעקט. עס האָבן אַרויסגעשיינט די נייע שיינע טעפּלעך פאַר קאַווע, מיט די ווייס־געזיל־בערטע לעפעלעך...

דער אָוונט איז געווען לעבעדיק מיט געזאַנג און פרייד. די טעמע פון אָוונט, איז אָבער געווען — הירש־לייבס ירושה.

אַלע האָבן זיך גוטמוטיק געוויצלט אויף דעם חשבון.אייגער פון זיי האָט שטיפעריש געזאָגט: „וואָס הייסט, אַ מענטש זאָגט אונדז אָפּ ירושה און איצט ווערט ער אונדז צעפּטרן דאָס געלט?" אַ צווייטער האָט גע־שפּאַסט: „די שול ווערט שוין איצט בלייבן נישט געפאַרבט"... און דער פאָרזיצער פון אָוונט האָט אָנגעוויזן: „איר זעט די פיינע טעפּלעך, טעצע־לעך און די גלאַנציקע זילבערנע לעפעלעך, אַ פאַרטיקע ירושה, נאָר באַ־צאָלן פאַר דעם האָבן מיר דערוויייל נישט מיט וואָס"...

סאָניע האָט זיך געפילט זייער גליקלעך, קוקנדיק ווי הירש־לייב שיינט פון פרייד פון די אַלע שפּאַסן אויף זיין חשבון. זי האָט אויפגע־הויבן איר האַנט צום פאָרזיצער און געבעטן אַ וואָרט.

— איך ווייס, אַז היינט איז נישט קיין מיטינג צו רעדן, נאָר מיין הירש־לייב און די קינדער אונדזערע צווינגען מיך פּשוט אייך צו זאָגן אונדזערן אַ באַשלוס.

אין זאַל איז געוואָרן שטיל און סאָניע האָט אַ שטראַלנדיקע, די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן פון פרייד געזאָגט:

— קינדערלעך, מיר ווילן נישט, אַז איר זאָלט אויסקוקן די אויגן אויף דער ירושה... אָנשטאָט צו וואַרטן אויף הונדערט מיט צוואַנציק יאָר — ווילן דאָס מאָל די באַשיידענע סומעס קריגן די אַלע אָרגאַני־זאַציעס — ווי אַ ל ע ב ע ד י ק ע ירושה!...

און ערשט דעמאָלט איז געוואָרן לעבעדיק און פריילעך.

דאָס פייגעלע

(אַ מעשהלע)

די פאַמילע ראַבין האָט פיינט געהאַט שרייענדיקע זאַכן אין הויז. זייער מעבל, פאָרהאַנגען, קליידער — אַלץ האָט געדאַרפט זיין איינפאַך. זיי האָבן אויך פיינט געהאַט טומלענדיקע זאַכן. טומלענדיקע פּראָגראַמען פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע פלעגן זיי פאַרדרייען.

אויך זייער איינציקער זון, בנימין, איז דערצויגן געוואָרן אין דעם גייסט. ער האָט ליב געהאַט גוטע מוזיק, אַ גוט בוך, אַ גוטן פּראָגראַם... פאַר פאַרוויילונג האָט ער געהאָדעוועט אין אַ גלעזערנעם געשטעל גאָלדענע פישעלעך. ער פלעגט אכטונג געבן אויף זייער שפייז, וואַרעמקייט פון וואַסער... ער האָט באַזאָרגט די פישעלעך מיט וואָס זיך צו פאַרוויילן — גראָז, שטיינדלעך און אַנדערע שפּילצייג.

בנימין האָט ליב געהאַט פלאַנצן. ער פלעגט אכטונג געבן אויף די וואַזאָנעס אין הויז. יעדעס ביי בלעטל האָט אים דערפרייט. ער פלעגט זיי באַגיסן און זיי געבן די נייטיקע באַלייכטונג.

מיטן אָנקומען פון פרילינג האָט בנימין צונויפגעקלאַפּט קעסטלעך ביי די פענצטער, און פאַרזייט גרינצייג. מיט פרייד האָט ער באַגעגנט די ערשטע שפּראָצן אין זיין האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט פרייד.

נאָר מער פון אַלץ האָט בנימין ליב דאָס פייגעלע אין שטייגל. מיטן פייגעלע רעדט ער, מיטן פייגעלע זינגט ער. דאָס פייגעלע איז אַלעמאָל ווי אַ וועק־זייגער פאַר בנימינען.

ווי גיך די זון קומט אַרויס פון איר שייד און צעוואַרפט אירע ליב־טיקע שטראַלן איבער דער וועלט, כאַפּט אויך אויף דאָס פייגעלע די וואַ־רעמקייט, דאָס ליכט, און עס צעזינגט זיך. דערהערט בנימין דאָס טרי־לערן, דאָס זיסע געזאַנג, ווייס ער אַז ער דאַרף אויפשטיין. און ווי גיך ער שטייט אויף, באַלוינט ער עס פאַרן שיינעם קאָנצערט מיט פרישן וואַסער,

קערעלעך און אנדערע נויטיקע זאכן, וואָס פייגעלעך האָבן ליב פאַר זייער פאַרווײַלונג.

איין זאַך אָבער לאָזט אים נישט רוען, און ער רעדט וועגן דעם אָפט מיט זיין טאַטן און מאַמען. טענהט ער:

„איך האָב ליב דאָס פייגעלע... עס פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן... ווען איך קוק אויף דעם אין שטייגל, קוועל איך... איך וואָלט אָבער וועלן וויסן, צי דאָס פייגעלע איז אויך צופרידן פון זיין אין שטייגל, הינטער אַ שלאָס. אפשר וויל דאָס פייגעלע זיין פריי? אפשר וויל עס ארומפליען אויף דער פרייער לופט, אַזוי ווי איך לויף ארום אויף דער גאַס, ווען איך בין פריי? אפשר וויל עס, ווי איך, טרעפן זיך מיט פריינד און שפילן זיך מיט זיי?"

איין טאָג האָט בנימין באַשלאָסן צו פרעגן טאַקע ביים פייגעלע אליין, וואָס עס האָט צו זאָגן...

ער האָט צוגעגרייט עסן, טרינקען און שטיינדלעך צו קאָנען שאַרפן דעם שנאָבל. נאָר ער האָט געלאָזט אָפן דאָס טירל פון שטייגל און דאָס פענצטער פון הויז.

האָט דאָס פייגעלע זיך אָפגעפיקט מיט די קערעלעך, פאַרטרונקען מיט וואַסער, און נאָענט צום טירל, האָט עס אַ פאָכע געטאָן מיט די פליגעלעך און ארויסגעפלויגן...

בנימין האָט עס דערזען, האָט ער זיך דערשראָקן: ער האָט געטראַכט, אַז דאָס פייגעלע איז אָפגעפרעמדט פון דער גאַס, עס קען קיינעם נישט, חוץ אים — ווו וועט עס עסן? ווער וועט דעם געבן וואַסער צו טרינקען און צו באָדן זיך? פאַר וועמען וועט דאָס פייגעלע איצט זינגען?

ווען טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערוווּסט, וואָס בנימין האָט געטאָן, האָבן זיי געהאַט אַ ביסל פאַרדרוס, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט דאָס פייגעלע באַפרייט. נאָך מער — זיי האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ גאָר פיינער טאַט, ווייל בנימין האָט זיך אָנגענומען פאַר אַ הילפלאָז באַשעפעניש...

בנימין האָט אָבער נישט געקאָנט קומען צו זיך. בייטאָג און ביינאַכט האָט ער ביי זיך געפרעגט: ווער ווייס צי דאָס פייגעלע לעבט נאָך? ווו קריגט עס עסן? און אפשר האָט עמעצער עס געכאַפט און פאַרשפאַרט אין אַ שטייגל?

ער האָט באַשלאָסן צו האַלטן אָפן דאָס פענצטער און דאָס שטייגל — אפשר וועט דאָס פייגעלע וועלן צוריקקומען. אין שטייגל איז שטענדיק

געווען צוגעגרייט שפּייז און וואַסער — אפשר איז דאָס פייגעלע הונגעריק און דאָרשטיק.

איין טאָג, ווען בנימין איז אהיימגעקומען פון שול, האָט אים באַגעגנט דער פריידיקער שמייכל פון זיין מאַמען. זי האָט אים אָנגעזאָגט: „בנימין, דאָס פייגעלע איז צוריקגעקומען!“

אין אָוונט און אויף מאָרגן, ביים פרישטיק, האָט די פאַמיליע ראַבין געהאַלטן אין איין רעדן צווישן זיך וועגן דעם צוריקגעקומענעם פייגעלע. זיי האָבן נישט געקאָנט באַשטימען צי ס'איז טאַקע דאָס זעלבע פייגעלע, וואָס איז אַוועקגעפלויגן, אָדער דאָס איז גאָר אַן אַנדערס אריינגעפלויגן זוכן שפּייז און שטילן דעם דורשט.

די מאַמע האָט געטענהט, אַז ס'איז דאָס זעלבע פייגעלע, און אַז עס האָט זיך פאַרבענקט נאָכן שטייגעלע מיטן שפּייז... און דאָס וואָס די פעדערלעך האָבן געענדערט דעם קאָליר, איז פון קאַלטן וועטער אינדרויסן...

בנימין האָט אָבער מיט פאַרזאָרגטע אויגן געקוקט אויפן פייגעלע און האָט שטאַרק געצווייפלט צי ס'איז דאָס אייגענע, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון שטייגעלע.

די זון אינדרויסן האָט געוואַרעמט מיט אירע שטראַלן, און דאָס פייגעלע האָט געעפנט דאָס שנאָבעלע עפּעס אַ זינג צו טאָן, ווי שטענדיק. אָבער עס האָט נישט געזונגען...

דער טאַטע האָט געקוקט אויף זיין פאַרזאָרגט יינגעלע און האָט אים פּרובירט דערקלערן:

— אַ פייגעלע, ווי אַ מענטש, דאַרף זיך זאָרגן פאַר שפּייז... עס וויל פרייהייט, אָבער די פּאָר קערנדלעך צום פּיקן גאָרן אים אַמאָל אַריין אין געפאַנגענשאַפט. נאָר ווייל עס איז געווען געצוווּנגען צו קומען אַהער, אין שטייגעלע, זינגט זיך דעם מער נישט. ווען מען פאַרזוכט אַמאָל פרייהייט, ווילט זיך אין שקלאַפעריי נישט לעבן.

אפאריזמען, עפּיגראמען,
גלייכווערטלעך און סתם וויצן

גרוים זיך נישט, בארג, קעגן טאָל, קעגן טייך.
איין גרויסער צ י ט ע ר קאָן מאַכן אַלע גלייך!...

* * *

מעג דאָס באַנק־ביכל האָבן ציפער פון איינס ביז ניין,
גיט דאָס בלויז אַ באַרוישונג, ווי דעם שיכורן ווײַן...
נאָך ניין — קומט דער נול שוין, און שטעלט דאָ זיין טראָפּ,
איז קלאָר אַז אַ באַנק־בוך גיט נישט קיין וויסן דעם קאָפּ!...

* * *

די קונסט לאָזט דעם קינסטלער אין ערגעץ נישט צורו:
ער שאַפט אפילו דערמלט, ווען ער געפינט זיך אויף רו...

* * *

אַ גוטער בוך איז פון די שיינע געשאַנקען —
איר עפנט דעם בוך — עפנט דער בוך אייך געדאַנקען...

* * *

ווען פען און פאַפיר זענען זיך ביידע מתחתן
ווערט אַ מאַמע פאַפיר — און די פען ווערט אַ טאַטע.
פאַרקניפּט און פאַרבונדן ווערן שורות ווי גלידער
און אַזוי קומען צום לעבן גייסטיקע קינדער — לידער!...

* * *

אַלץ וואָס לעבט, קאָן פילן און הערן —
איר שניידט אָפּ אַ צווייג, לאָזט דער בוים פאַלן טרערן...

* * *

ווילסט זיך פוילן? גוט — זאָגט דער פעטער —
נאָר צוערשט טו אָפּ דיין ארבעט — פוילן זיך, קאָנסטו שפּעטער.

מיט פינגער ווי טשוועקעס, ער כאַפּט זיך צום פידל,
מיט אַ שטים פון אַן אינדיק, ווייל ער זינגען אַ לידל,
מיט פיס ווי די קלעצער, פאַרמעסט ער זיך טאַנצן,
אַבי נאָר זיין פליך — זאָל אומעטום גלאַנצן...

* * *

אין יעדן טראָפּן טינט ליגט אַ קערן פאַרהוילן —
עס פאָדערט זיך טאַלאַנט, דעם קערן אויסצושיילן...

* * *

היט אַ גוטן בוך — ווי אַ גוטן פריינד. זיין פאַרמעגן
גיט דיר א מאָרגן — וואָס עס פעלט דיר היינט...

* * *

דער טאָוול איז דער טויער פון בוך, ווי דער טויער פון אַ שפּייכלער מיט תבואה. דו עפנסט דעם טויער, דערפילסטו צי די תבואה איז קערנדיק, געזונט, און באַטעמט — אָדער דאָס איז טוכלע, פאַרסמט...

* * *

ערנסט און שפּאַס זענען נאָענטע חברים,
שפּילן אויף דער זעלביקער בינע.
זיי האָבן איין ציל, זיי האָבן איין פּנים,
נאָר — מוזן וויסן ווען צו בייטן די מינע...

* * *

עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס מיר האָבן אַזוי פיל אָרעמעלייט,
ווייל צו גאָט איז צו־הויך, און צו דער רעגירונג צו־ווייט...

* * *

די קליינע פליג און דער קאָמאַר
קאָנען זיך אָפּט באַרימען מיט אַ „זיג“.
זיי קאָנען בייסן דעם מענטשן —
אָבער דער מענטש וועט זיי נישט בייסן צוריק...

די שפּין גרייט צו פּאַר איר קרבן אַ נעץ,
און דער בלוט־זויגער פּאַר זיין הערשאַפט — אַ געזעץ...

* * *

די קו גיט מילך און ווייסט נישט דעם נוץ,
די הון לייגט אייער און ווייסט נישט וואָס איז אַ טוץ...

* * *

ווער עס פּרוּווט זיך אויס שטעלן העכער פון דאַך —
זעט אויס ווי אַ קוימען...

* * *

עס דרייט אים דער קאָפּ — דרייט ער דאָס היטל...

* * *

מ׳קאָן אויף אים אַזוי זאָגן אַ גוט וואָרט,
ווי לחיים — אויף רעגן־וואַסער...

* * *

פון אַ נאַר קומט אויס שטענדיק צו לאַכן.
ס׳איז שלעכט וואָס ער טוט
און נאָך ערגער זיין איבערמאַכן...

* * *

דער זייגער, דער וועקער, ווייסט נישט פון שקר,
ער וויל פּינקטלעך דינען, זיין אַרבעט טאָן.
און אויב ער קריכט, ווייט נישט זוכט,
זעט דעם „דרייער", וואָס שטעלט אים אָן.

* * *

אפילו דאָס בעסטע פידעלע ווערט אין כעס און נעמט סקריפּען, ווען מ׳גיט איר אַ פאַלשן טאָן...

* * *

ער גיט אַ שמעק און אַ לעק — און ער פירט שוין גאַנצע זעק...

* * *

אַ פיש קאָן נישט גיין, און אַ שיכור קאָן נישט שטיין...

* * *

ער האָט זייער שווער געאַרבעט אויף ד ע ר וועלט, כדי צו קאָנען וואָס גיכער רוען אויף י ע נ ע ר וועלט...

דער, וואָס שטייט יאָרן־לאַנג פאַרן שפּיגל, מוז סוף־כל־כּוף דערזען, אַז דער שפּיגל ווערט אַלט — ע ר קריגט קנייטשן אין פּנים...

* * *

ווילסטו שלאָפן אין אַ ריינעם בעט —
פּויל זיך נישט צו וואַשן גרעט...

* * *

האָב שטענדיק אינזינען אויפצוהאַלטן ריינע פריינד, ווייל שונאים איז גרינג צו קריגן אַנדערע...

* * *

עס איז אָנגענעם צו עסן אין מזומן, אָבער ע ס נ י ש ט פאַר אַ מזומן...

* * *

פאַרליבטע האָבן ליב צו רעדן וועגן דער לבנה, נאָר אָן דער לבנה איז זיי אויך ליכטיק...

* * *

אַ רעפּוטאַציע איז גרינג צו פאַרלירן, אָבער קיינער קאָן קיין רעפּוטאַציע נישט געפינען, מ'מוז זיך דאָס אַליין איינשאַפן...

* * *

מייז קאָנען פאַרשלינגען אַ ווערטערבוך — און נישט רעדן אַ וואָרט...

* * *

דערוואָרט נישט פון אַ מענטשן צו האָבן הונדערט פראָצענט מעלות. אפילו דער בעסטער פרוכט־בוים האָט אויך מער בלעטלעך ווי פרוכט...

* * *

פרעג נישט ביים וואָרעם צי דער כריין איז ביטער — קיינער וואַרפט זיך נישט מיט זיין ברויט און פוטער...

* * *

אפילו ווען מ'שניידט שטאָל, פליען פונקען ווי טרערן...

* * *

ער גייט אַרום מיט אַ קליין נשמהלע, און פאָרט אַרום מיט אַ גרויסן אויטאָמאָביל...

א גוטער קאָן אַמאָל זיין שלעכט, אָבער אַ קראַנקער — איז אַלעמאָל גערעכט...

* * *

ווען איינער דאַרף גיין קרום און ער גייט גלייך, גייט ער אין דער אמתן קרום און וועט גלייך נישט דערגיין...

* * *

אָן צער און צאָרן — ווערט קיין זאַך נישט געבאָרן...

* * *

לערן פון אַ צווייטנס חסרונות, זיי קאָנען ווערן פאַר דיר מעלות...

* * *

דער גלייכסטער וועג קאָן דיך פאַרפירן, אויב דו ווייסט נישט וווהין דו גייסט...

* * *

ווען צוויי קאָנען זיך נישט פאַרשטיין, בלייבט אַלץ ווי אַ שטיין...

* * *

ווו עס אַרבעט דעם שטנס קעפּל, קערט זיך שטענדיק איבער דאָס טעפּל...

* * *

דער, וואָס האָט נישט קיין געווויסן, וויל טאַקע פון גאָרנישט וויסן...

* * *

דער, וואָס ווייסט, אַז ער ווייסט נישט — ווייסט שוין עפּעס...

* * *

דאָרט, ווו דאָס פאָלק קריגט די פרייהייט ווי אַ מתנה, דאַרף מען נאָכקוקן די הענט, וואָס האָבן די מתנה געבראַכט...

* * *

ווען אַ פייער ברעכט אויס אין אַ גאַס, לייענט ער נישט די נומערן ווו צו ברענען...

* * *

ווען אַ וואַסער גייט אַרויס פון די ברעגן — לאָזט עס זיך אויף אַלע וועגן...

* * *

דער מענטש, וואָס נוצט זיינע עלנבויגנס פאַר אַ לייטער צו שטייגן, האָט פאַר זיך די געפאַר פון גאָר גיך פאַלן...

קיטן אויף הענט, קאָנען ווערן צעריסן, שווער איז אָבער מיט קייטן אויפן געוויסן...

* * *

ער איז אַזאַ וואָרטסמאַן, אַז נישט נאָר מען קאָן בויען אויף זיין וואָרט, נאָר אויף אים אַליין מעג מען בויען...

* * *

ער ווייסט אַזוי פון יידישקייט, ווי אַ קוגל־טאָפּ פון שבת...

* * *

אַ דימענט־שניידער מוז נישט קאָנען זיין אַ צושניידער...

* * *

צו שנאַפּס איז גוט טאָרט, און צו פאַרשטיין — אַ גלייך־וואָרט...

* * *

ס׳איז שוין איינמאָל אַ גאָט־געבענטשטע פּאָר, ער קאָן פאַר־דינען וואַסער אויף קאַשע, און זי — פאַרקאָכן אַ קאַשע...

* * *

געפינט מען זיך אויף אַ שלעכטן אָרט, פּרווט מען זיך פאַר־בעסערן, אָבער מ׳קאָן זיך שוין גאָרנישט, העלפן, ווען מ׳געפינט זיך גראָד אויפן „גוטן אָרט"...

* * *

די קו גיט מילך, אָבער זי קען נישט מאַכן קיין קעז...

* * *

יעדער מענטש מוז אַליין זיך לערנען גייסטיק צו דערהויבן, צו ווערן דערנידעריקט זענען דאָ גענוג בעלנים, וואָס זענען גרייט דאָס צו טאָן...

* * *

פאַרסטו ערגעץ, זענען פאַראַן אָנגעצייכנטע וועגן. נאָר פאַר דיין גאַנג אין לעבן — מוזסטו אַליין זיך אָנצייכענען דעם וועג...

* * *

צום עסן איז דאָס אַ פעסל אָן אַ דעק, און נעמט עס רעדן — איז עס אַ מעשה אָן אַן עק...

* * *

ער קאָן אויפעסן אַ גאָלד־גרוב און דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ שמאַלץ־גרוב...

ער קומט שטענדיק שפּעט, צו קאָנען זאָגן: איך בין דאָ, איר זעט?...

* * *

ער הייבט שטענדיק אָן רעדן היסטאָריש און פאַרענדיקט היסטעריש...

* * *

דער פוקס קאָן זיין אַ גאַנצער חכם — אין אַ פעלד פון בהמות...

* * *

מעגסט שלעפן דאָס פערד פאַר די אויערן, קיין אייזל וועסטו פון אים נישט מאַכן — עס בלייבט אַ פערד...

* * *

צוויי מענטשן פון איין פאַך, קאָנען רעדן די זעלביקע שפּראַך און דאָך נישט פאַרשטיין זיך אין קיין זאַך...

* * *

דער נעכטן איז דער רבי פון היינט, און דער היינט קנעלט שוין מיטן מאָרגן, אַז דער איבערמאָרגן זאָל אויך עפּעס לערנען פון דעם נעכטן...

* * *

פּרוּוו נישט איינשלינגען די וועלט. זיי וויסן, ביי דער מאַמע־ערד ביסטו איין ביסן...

* * *

ווען דו גייסט אין וועג, לאָז זיך פון אימפּעט נישט טראָגן, דו וועסט דעם אויטאָמאָביל נישט צעשלאָגן...

* * *

דער שיכור האָט ליב זיך טיילן מיטן טרונק, אָבער נישט אַלע ניכטערע מענטשן האָבן ליב זיך טיילן מיטן ביסן...

* * *

זוך נישט צו געפינען קיין גליק, ווייל ווי גיך איינער פאַר־לירט דאָס, ווערט דאָס שוין אויס גליק, נאָר אַן אומגליק...

* * *

ס'איז בעסער ביים לעבן אַ גוט וואָרט, ווי נאָכן טויט אַ „גוט אָרט"...

מוחל עשירות, פאַר אַ ביסל גראָדן שכל. ס׳איז ליבער אַן אייגן װינקל, װי אין דער פרעמדער אַ היכל...

* * *

שלום־ליבנדיקע מענטשן האָבן פײַנט שטורעמס, דאָך האָבן זײ ליב, װען „עס בלאָזן נײַע װינטן“...

* * *

דער, װאָס צעװאָרפֿט אַן אַלטע געבײַדע צו מאַכן פּלאַץ פֿאַר אַ נײַער — איז נישט קײן ברעכער, פּונקט װי אַ בײגל־בעקער מאַכט נישט קײן לעכער...

* * *

אַ קלוגער קאָן זיך אויך אַמאָל באַנאַרישן מ׳זאָל פֿון אים לאַכן דער נאַר מײנט אָבער ס׳איז אַ חכמה, און ער זאָגט דאָס דרײַ מאָל איבער...

* * *

דאָס איז אַ פּאָר, װי זומער און װינטער: זי ברענט אַ װעלט און ער — פֿירט שטענדיק אַ קאַלטע מלחמה...

* * *

דער, װאָס פֿילט זיך צו קלעטערן אויפֿן בוים, מוז זיך באַנוגע־נען מיט דעם עפּפּעל, װאָס פֿאַלט אַלײן אַראָפּ...

* * *

מענטשן זיך פֿאַרטראַכטן די פֿײַנסטע לופֿט־שלעסער, נאָר אַ הײם מיט אַ פֿונדאַמענט, איז אַלץ בעסער...

* * *

יעדער אײנער קאָן זיך אײַנקױפֿן מזל, נאָר מ׳דאַרף האָבן אַ פֿאַרמעגן אויף דעם...

* * *

דער שפּיגל איז דער גרעסטער ליגן. ער װײַזט אײַך שטענדיק אַ נאָז...

* * *

הערינג און פֿיש, װילן נישט זײַן בײַ אײן טיש...

* * *

אויב דו האָסט נישט געפֿירט קײן חשבונות נעכטן, װעסטו נישט האָבן קײן סך־הכל מאָרגן...

ער קוקט אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ — און וויל נאָר וויסן וואָס עס טוט זיך אין טאָפּ...

* * *

אַ שטומער קוש האָט אַמאָל אַ סך צו זאָגן...

* * *

מיט אַ פולן זאַק שפּאַנט זיך אָפּט גרינגער ווי מיט אַ ליידיקן...

* * *

אַ קרעכץ און אַ געוויין, קאָן יעדערער פאַרשטיין...

* * *

דער, וואָס האָט שוין גאָרנישט מיט וואָס צו לעבן — לעבט מיט האָפענונג.

* * *

דאָרט, וווּ עס פעלט ברויט, וואַרף זיך נישט מיט בלומען...

* * *

קוקן די רעגן־טראָפּנס גוטמוטיק: מיר זענען נישט קיין געפאַלענע. מאָרגן וועלן די וואָלקנס אונדז ווידער טראָגן אויף די ליפּן...

* * *

איינער ווישט אָפּ די בלאָטע פון דער קאַפּאָטע, און אַ צווייטער — ווישט אָפּ מיט דער קאַפּאָטע — די בלאָטע...

* * *

ער גלעט זיך איבערן פליק, און שרייט — לאָזט מ י ך...

* * *

אַזוי וויל ער קיין זאַך נישט זען, נאָר טרעט מען אים אָן אויף אַ הינער־אויג, דערזעט ער גלייך יענע וועלט...

* * *

דער ליגן איז ביי אים דאָס ברויט און דער אמת די פוטער — באַשמירט ער אַ גראָבן ליגן מיט אַ כזית פוטער...

* * *

אינדרויסן שיינט די זון און אין הויז — אַ זאַווערוכע...

* * *

האַכט זיך אַ קליין מענטשעלע, אַ גאָרנישט, נאָר צעקאָכט ער זיך — ווערט ער אַ — ג ר ו י ס ע ר גאָרנישט...

יעדער מענטש טרעט אויף זיין אייגענעם שאָטן...

* * *

ער איז אַזוי פּעסימיסטיש, אַז ווען ער לייגט זיך שלאָפן, פאַר־לעשט ער די ליכט, פאַרמאַכט די אויגן און כאַפּט זיך אויף אַלע ווײַלע צו זען אויב ער שלאָפט...

* * *

דער, וואָס רייסט די פרוכט מיטן צווייג — וועט איבעראַיאָר האָבן אַ פייג...

* * *

דאָס איז אַזאַ פּאַרשוין — ווו דער ניין איז יאָ, און דער יאָ איז ניין...

* * *

עס בייט זיך דאָס יאָר — בייט זיך דער קאַלענדאַר, נאָר דער, וואָס האָט נישט קיין שכל — בלייבט דער זעלביקער נאַר...

* * *

זיי האַלטן זיך ביידע אַזוי יונג, ווי זיי וואָלטן זיך איינע די אַנדערע געקירצט די יאָרן...

* * *

דער, וואָס פּרוווט זיך אַרויסווייזן מיט זיינע גרויסע מעלות, דעקט אָפּט אַליין אויף זיינע גרויסע חסרונות...

* * *

ער ווייסט זייער ווייניק פון יעדער זאַך, נאָר — האָט ליב צו רעדן אַ סך...

* * *

ביים לעבן האָט ער פון אַלץ געריסן — איצט נאָכן טויט — בלייבט ער אָן אַ ביסן...

* * *

ער האָט אַ מויל אויף שרויפן, און די צונג איז לויז — אָפּגע־שרויפט...

* * *

ביי אים „בלי גוזמא“, מיינט עס, איין פּראָצענט פאַנטאַזיע און ניין־און־ניינציק פּראָצענט ליגן...

ער איז אַ צער־בעל־חיימניק — מיט אַ האַרטן קראַגן אונטער־געשפּאַרט...

* * *

ער פאַרדרייט די דאַטעס, און שרייט אַז דער לוח איז צעדרייט...

* * *

אויף זיין וואָרט קאָן מען בויען אַ הויז, ווייל ער האָט זיין וואָרט אין דר'ערד...

* * *

דער קאַמף צווישן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסט איז איבער איין אות. דער ערשטער זאָגט: דער גאַנצער כוח איז דאָס פּאָלק! דער צווייטער — פּאָלג!...

* * *

ער איז פון די, וואָס פאַרמעסטן זיך שטאַרק און — כאַפּן אין קאַרק...

* * *

ער איז קריטיש צו אַלץ, און אים אַליין פעלט זאַלץ...

* * *

ווען אַ קליינלעכער מענטש וויל זיך שטעלן גרויס, זעט מען זיין פאַלשקייט אַרויס...

* * *

ער וויל פליען אין די הויכע ספערן, כאָטש ער קאָן אַליין זיך נישט איבערקערן...

* * *

עס זעט אויס זייער ווייט דער וועג צום ציל, דערגרייכסטו — זעט עס אויס אַ קינדער־שפּיל...

* * *

אויך צווישן נאַראָנים איז פאַראַן איינער אַ קליגערער — דער וואָס שווייגט...

* * *

ער וויל, אַז זיין ווייב זאָל זיין פאַר אים אַן עכאָ, ער זאָל שרייען, און זי זאָל אים אַלץ נאָכזאָגן...

* * *

ער איז אַזאַ צער־בעל־חיימניק, אַז ער איז גרייט צו הענגען אַ מענטשן, דערפאַר, וואָס יענער האָט דערהרגעט אַ פליג...

צעטייל דיין ירושה ביים לעבן, וועט קיינער נישט אויסקוקן אויף דיין טויט...

* * *

דער מענטש איז דער גרעסטער באַשאַפער: נישט נאָר ער האָט באַשאַפן די צען געבאָט, נאָר אפילו אויך גאָט...

* * *

צרות קאָן מען נישט אַוועקשיקן אין אַ פּאַק, און פרייד קאָן מען נישט ברענגען אין אַ זאַק...

* * *

דער, וואָס פּלאַנירט זיין לעבן אויף באָרגן, איז פאַרזאָרגט אויף שטענדיק מיט זאָרגן...

* * *

דורך אַראָפּציען דעם פאָרהאַנג ווערט נישט ריינער דאָס פענצטער...

* * *

אַ הונגעריקער קאָן זיך דערוואַרעמען אפילו מיט אַ קאַלטן מאכל...

* * *

נאָך נישט געלייגט דער פונדאַמענט, און ער קריכט שוין אויף די ווענט...

* * *

גאָלד איז טאַקע גאָלד, נאָר ווי גיך דאָס ווערט געלט — ברענגט דאָס שוין צרות אויף דער וועלט...

* * *

איינער האָט נישט קיין ביסל, און ביי אַ צווייטן גיסט זיך איבער די שיסל...

* * *

פון צייט צו צייט, זענען אַלע פיינע לייט...

* * *

אַ פאַרשלאָפענעם קאָן אפילו די זון־ליכט נישט אויפוועקן...

* * *

געטער זענען אַזוי שטאַרק, ווי דער גלויבן אין זיי...

דעם טויט קאָן מען טאַקע נישט טויט מאַכן, מ'קאָן אָבער די לעבעדיקע מאַכן לעבעדיקער...

* * *

ער ציט אַראָפּ דעם פֿאָרהאַנג און באַקלאָגט זיך ס'איז אים פֿינצטער...

* * *

ווי לאַנג מ'קאָן שרייען „גיב ברויט" — איז מען נישט טויט...

* * *

דער חזיר דערשמעקט שוין ווו עס געפֿינט זיך אַ בלאָטע...

* * *

דער, וואָס בויט לופֿט-שלעסער, געפֿינט קיינמאָל נישט דעם פּאַסיקן שליסל זיי צו עפֿענען...

* * *

אַ האַרציקער גוט-מאָרגן, מאַכט אַמאָל גרינגער די זאָרגן...

* * *

איינמאָל אין יאָר איז ער נישט קאַרג. ווינטשט אַלעמען אַ גוט-יאָר מיט אַ ברייטער האַנט...

* * *

דער פּעסימיסט און אָפּטימיסט קאָנען צוזאַמען נישט שטיין — ווען דער פּעסימיסט האָט ליב צו ליגן, האָט דער אָפּטימיסט ליב צו גיין...

* * *

זוך זיך אָפּ צוויי נאַראָנים, וועסטו קאָנען בענטשן אין מזומן...

* * *

פֿאַר דעם שיכור, וואָס האָט דעם טרונק האָלד, איז דאָס פּעסעלע ווייַן אַ פּעסעלע גאָלד...

* * *

גוט איז דעם פֿויגל: ער זינגט אָן מוזיק, און קריגט אַ גוטע קריטיק...

* * *

פֿאַר זיך האָט גאָט די הימלען, דעם מענטשן האָט ער געגעבן די ערד. האָט דער מענטש די ערד צו קייען, און דאַרף נאָך אַרבעטן ווי אַ פֿערד...

ער הרגעט צייט און שעלט דעם זייגער...

* * *

אַ רעדנער, וואָס קאָן נישט צעקייען זיין געדאַנק, מאַכט, אַז זיין צוהערער זאָל זיך ווערגן...

* * *

ווען דער פורמאַן ווייסט נישט פון קיין מאַפּע, פאַרלאָזט ער זיך אויף זיין שקאַפּע...

* * *

ער בעט אַ פראַגע, נעמט אַ וואָרט און האַלט אַ גאַנצע לעקציע. נאָר וואָס ער האָט געזאָגט? — בלייבט אַ פראַגע...

* * *

דער, וואָס שטייט אויף באַגינען, האָט גענוג צייט צו שפּינען און קאָן זיך נאָך דו פאַרגינען...

* * *

ווען אַ הויז האָט רייכע מעבל, נאָר אין שראַנק פעלט אַ בוך, איז עס ווי טראָגן זיידענע זאָקן און גיין מיט איין שוך...

* * *

ביים אָפּטימיזם לויכט דאָס געזיכט, ביים פּעסימיזם — די שוואַרצע ליכט...

* * *

פוילענצער און ביוראָקראַטן האָבן אַלע מאָל ליב וואַרעמע שטולן...

* * *

איינער האָט נישט קיין דערפאָלג און לייגט צו דעם קאָפּ, אַ צווייטער — לייגט צו דעם קאָפּ — צו האָבן דערפאָלג...

* * *

ער איז אַזוי קאַרג, אַז עס ציטערן אים די הענט, ער זאָל חלילה ביים ציילן נישט אָפּרייבן אַ סענט...

* * *

דער מענטש, וואָס שטייט שטענדיק פאַרן שפּיגל צו אויסזען שיין, זעט קיינעם נישט — חוץ זיך אַליין...

* * *

דאָס איז אַ זויפער, אַ פרעסער פון זויערן און פון זיסן. נאָר פון אַ געוויסן-ביסן הייבט ער נישט אָן צו וויסן...

וואָס רייכער עס איז דער אינהאַלט פון אַ בוך, אַלץ מער זעט זיך אָן יעדעס בלעטל...

* * *

ער איז פון די מענטשן, וואָס פאָרן אין ערגעץ נישט און גייען אין ערגעץ נישט, און דאָך רעדט ער שטענדיק — פון וועג...

* * *

בעסער האַרטע קישן צוקאָפּנס — ווי אַ פוך־פעדער צו דער נאָז...

* * *

דער מענטש איז, ווי דער שניי. ווען ער פאַלט — ווערט ער בלאָטע...

* * *

עס קאָן גאָרנישט העלפן דעם, וואָס פוצט זיך אין פרעמדע פעדערן, מען וועט גלייך דערקענען, וואָס פאַר אַ „פויגל" דאָס איז...

* * *

דעם טויטן העלפט נישט קיין באַוויינען — דעם נידערטרעכטיקן — קיין באַשיינען...

* * *

שרעק פאַר עלטער ק י ר צ ט טאַקע די יאָרן, אָבער י י נ ג ע ר ווערט מען נישט...

* * *

דער קאַרגער גיט טאַקע גאָרנישט דער וועלט, דערפאַר נעמט ער אָבער גאָרנישט מיט זיך...

* * *

ווו דער ים איז טיף, פאָרט גרינג די שיף...

* * *

נאָך די פליענדיקע בלעטער, דערקענט מען דאָס וועטער...

* * *

ער איז אַן אמתער ווינט, האַלט אין איין לויפן, כאָטש קיינער וויל אים נישט כאַפּן...

* * *

איך בין שוין אָפּגעקומען מיין וואַקאַציע, דאַרף איך זיך איצט אָפּרוען — אוןווידער גיין צו דער אַרבעט...

ווו עס איז פֿאַראַן ליכט, איז פֿאַראַן שאָטן. אויך בײַ אַ גוטן בעל־מלאָכה קאָן עפּעס נישט געראָטן...

* * *

דער גנב פֿרוּווט באַהאַלטן זײַן גנבה, און דער זינדיקער וויל פֿאַרדעקן די עבֿירה, נאָר ביידן כאַפּט מען אָפּט צוליב זייער מורא...

* * *

אים איז גוט: ער האָט אַ סך חסרונות און ווייסט גאָרנישט וואָס אים פֿעלט...

* * *

יעדער מענטש ווערט אַמאָל געשטרויכלט מיט אַ פֿאַלשן געדאַנק, דער פֿאַלשער מענטש וויל אים אָבער פֿאַרקויפֿן...

* * *

איך לאָז זיך נאָר דערנידעריקן דאַן, ווען איך דאַרף נעמען די אונטערערדישע באַן...

* * *

די שפּין קאָן זיך אויסוועבן אַ פֿײַנע נעץ, נאָר קיין פֿיש כאַפּן קען זי נישט...

* * *

אויב דו ווילסט איבעראַיאָר זיך דערנערן, זאָלסטו הײַנט די וואָרצלען נישט צעשטערן...

* * *

בײַ אַ באַלעבאָסטע מיט פֿוילע הענט, ווערט די וועטשערע פֿאַרברענט...

* * *

בײַ דעם, וואָס פֿאַרמאָגט גאָרנישט, שטימט שטענדיק דער חשבון...

* * *

קומט צום דאַוונען, קאָן ער בלויז זאָגן „אמן". קומט צום שרײַבן, איז אַ צלמל זײַן נאָמען, נאָר אין האַנדלען מיט מענטשן — איז ער אַ המן...

* * *

די דינסט קאָכט, און עסט דאָס דרויב — און די באַלעבאָסטע פּרעסט און קריגט די לויב...

ווען ער דאַרף וואַקאַציע, האָט ער נישט קיין צייט צו פאָרן און ווען ער האָט שוין יאָ צייט — איז צו וואָס דאַרף ער וואַקאַציע?

* * *

איינער טראָגט אויפן קאָפּ אַ יאָך, אַ צווייטער באַגנוגנט זיך מיט אַ פליך און אַ דריטער האָט ביידע זאַכן...

* * *

פון פּאַכען מיט דער נשמה, קאָן מען ווייט נישט שווימען...

* * *

אַ מענטש מאַכט פּלענער, און זיי צעפאַלן זיך ווי שפּענער...

* * *

שנייד אָפּ די אויערן פונעם אייזל און די גריווע פונעם פערד, און דו וועסט אַלץ האָבן אַן אייזל מיט אַ פערד...

* * *

ווען שכל זאָל וואַקסן אויף אַ בוים, וואָלט דעם נאַר נישט איינגעפאַלן צו זוכן אַ לייטער...

* * *

יווייזט גבורה צו א פליג, און בארימט זיך מיט א זיג...

* * *

די הון קאָן נישט „אויסניצן הינדעלעך" און לייגן אייער אין דער זעלבער צייט.

* * *

ער בויט לופט-שלעסער, נאָר דעם שליסל האָט עמעצער אַנדערש...

* * *

די זון ווייזט אונדז שטענדיק די ריכטיקע צייט, נאָר אָפט גיט אַ קליין מענטשעלע אַ דריי דאָס קליין-ווייזערל און די צייט האָט שוין אַן אַנדער באַדייט...

* * *

ווער עס רעדט מיט פייער צו דערוואַרעמען, ער רעדט מיט פייער — און פאַרקאָכט אַ קאַשע...

* * *

ווי דו זאָלסט נישט זיין געדעכט מיט דיין כעס — פאַרענדיק שטענדיק מיט אַ שפּאַס...

ער ווייסט ווו איין און ווו אויס, דורכן פענצטער אריין, און דורך דער טיר ארויס...

* * *

אַ כאַבאַרניק רעדט צו דער וואַנט און האַלט גרייט די האַנט...

* * *

אויף אַ קאָך-בוך האָט אַ קריטיקער זיך נישט וואָס צו קאָכן...

* * *

קאָן נישט אָפּשניידן קיין מוציא, קאָן נישט מאַכן קיין מוציא, נאָר קומט צום עסן — האָט ער די גרעסטע מוציא...

* * *

קליינלעכע מענטשן, האָבן גרויסע אויגן...

* * *

ס'איז שוין איינמאָל אַ צווילינג — ווי האַרבסט און פרילינג...

* * *

מיט דעם, וואָס עס איז ליב זיך צו באַגעגענען — איז שווער זיך צו געזעגענען...

* * *

ער ווייסט נישט נישט, ווו איין, ווו אויס — קריכט ער אריין, קאָן ער נישט ארויס...

* * *

מיט אַ רייכן טייסטער, קאָן מען זיין אַ דרייסטער...

* * *

פון עבודה פרך, קאָן מען נישט ווערן רייך ווי קורח...

* * *

דאָס היטל, שרייט ער, טראָגט ער ריכטיק, נאָר דער היטלמאַכער האָט נישט ריכטיק אריינגעשטעלט דעם דאַשעק, דערפאַר איז עס פאַרדרייט...

* * *

ער האָט זיך אַזוי אָפּגעשטעמפּלט, אַז דער טריוואקס ליגט אים אויף דער נאָז...

* * *

מיט שטאַרקע עלנבויגנס קאָן מען זיך מאַכן אַ וועג, אָבער מ'קאָן אויף דעם וועג ווייט נישט פאָרן...

דער, וואָס פאָרט צום בית־עולם אהין און צוריק — דער האָט גליק...

* * *

ווען אַ חזיר וואָלט געהאַט הערנער — וואָלט דאָס פערד געבליבן אָן קערנער...

* * *

איך בין אים מוחל די ירושה — און וויל נישט האָבן פון אים די בושה...

* * *

מיטן כוח פון זיין זיידנס תורה, פון זיין טאַטנס סחורה — האָבן אַלע פאַר אים מורא...

* * *

זיין בוך איז אַן אמתער מושב־זקנים — פול מיט גרייזן...

* * *

דאָרט, ווו געזונטע מענטשן קאָנען נישט דערגיין מיט די פיס — דערגייט ער — מיט די עלנבויגנס...

* * *

דער, וואָס זעט נישט וואָס עס טוט זיך פאַר דער נאָז, האָט אָבער אַ טבע אומעטום די נאָז צו שטופּן...

* * *

דער, וואָס טוט עפּעס פאַר יענעם, טוט אויך פאַר זיך. מאַכסט פאַר יענעם קליידער — מאַכט ער פאַר דיר שיך...

* * *

ווער עס האָט מאָזאָליעס אויף די הענט פון שקלאַפּעריי, און ווער אויף דער צונג — פון פלאַפּלעריי...

* * *

פאַר ווען אַ דילעטאַנט שרייבער — אַ טעמע...

* * *

זאָל דרייען, זאָל שנייען — אַבי זיין אין צווייען...

* * *

ווער עס פליט אין די הויכע ספערן צו פאַרלירן די וואָג, און ער וועגט גאָרנישט אויף דער ערד...

פאַר דעם, וואָס קען רייטן, זענען נאָענט אַלע ווייטן...

* * *

ווי גיך ער מאַכט אַ גראָשן — קריגט ער לשון...

* * *

ער אַרבעט פון וואָך — און עסט פ ו ן ש ט י ק...

* * *

ווו מע שושקעט זיך, איז עס אָפטער נישט קיין תפילות, נאָר רכילות...

* * *

גאָט באַזאָרגט נישט דעם אָרעמאַן מיט ברויט, ווייל דער רייכער האָט אים איינגערעדט, אַז אַן אָרעמאַן איז גענליכן צום טויט...

* * *

דער רייכער רעכנט זיין געלט — דער אָרעמאַן — וואָס אים פעלט...

* * *

דער, וואָס האָט ליב צו פלאַפלען, טאָר נישט גיין אויף שטאַפּלען...

* * *

דער, וואָס זוכט הויכן פּראָצענט — קריגט אָפט איבער די הענט...

* * *

ווען יענער טרינקט זיך, וויל ער אים לערנען ווי צו שווימען...

* * *

צאָל אָפּ וואָס דו קומסט, ווען יענער לעבט, וועסטו נישט דאַרפן בעטן ביי אים מחילה נאָכן טויט...

* * *

כבדהו וחשדהו — גיב אים אַ וואַרעמען שלום-עליכם — נאָר צייל גלייך אָפּ צי דו האָסט אַלע פינגער...

* * *

אפילו די זון און די לבנה שיינען נישט אַרויס אויפן הימל מיט-אַמאָל, נאָר דערהויבן זיך פון טאָל...

* * *

דער מענטש, וואָס פּרוווט זיך איינקויפן מיט חניפה, קריגט פאַר אויסגאָב — פאַלש געלט...

מיר האָבן נאָך דערוויל נישט געזען קיין מענטשן-מלאכים מיט פליגל, אָבער מענטשן, וואָס קריכן אויף אַלע פיר באַגעגנט מען אָפט...

* * *

ער איז אַ גאַנצער פילאַנטראָפ, נאָר פאַר זיך נעמט ער די סמעטענע אַראָפ...

* * *

דאָס איז שוין געווען אַ ביטערער רעטעך, נאָך איידער עס האָט גענומען וואַקסן...

* * *

אַז דער מאַן איז אַ שלעפער, ווערט שוין דאָס ווייב אַ נאָכ-שלעפערין...

* * *

אַ פּראַקטישער מאַן איז דער, וואָס אַריינגייענדיק אין שענק, נעמט די ערשטע זאַך זיין באַן-געלט און פאַרבאַהאַלט דאָס ביז ער וועט ווערן ניכטער דאָס צו געפינען...

* * *

רוף אים נישט פערד, ווייל אַ פערד וועט אַזעלכע נאַריש-קייטן קיינמאָל נישט רעדן...

* * *

ער איז פון די שיכורים, אַז ווען ער טרינקט נישט — דרייט אים דער קאָפּ: ווו נעמט מען אַ טרונק?...

* * *

ער איז פון די געסט, וואָס פירט זיך אויף ווי אַ טויב. ווו ער קומט האַלט ער אין איין פּיקן...

* * *

דאָס איז אַזאַ גאָטס-גנב, אַז נישט גענוג וואָס ער דאַוונט פון אַ פרעמדן סידור, גנבעט ער נאָך אַראָפּ אַ האַלב פון דאַוונען...

* * *

דאָס היינטיקע יידישקייט האָט אַ שטענדיק פּראָבלעם — אָדער עס פעלט „מזומן", אָדער אַ צענטער צום מנין...

* * *

דער רייכער פאָרט צו פ א ר ה י ט ן דאָס געזונט, דער אָרעמאַן דאַרף פאָרן צו פ אַ ר ר י כ ט ן דאָס געזונט...

אַ קלוגער מענטש איז דער, וואָס ווייסט די גרענעץ צווישן חכמה און נאַרישקייט...

* * *

אַ נודניק ווייסט נישט די באַדייטונג — פון ענדע גוט...

* * *

די מאַמע נעמט חלה, און דער טאַטע — וואָס עס לאָזט זיך...

* * *

אים איז גוט אַריינצוואַרפן פעטש, ווייל בלויזע קללות זענען אַרויסגעוואָרפן...

* * *

ער האָט אַ ווייטן בליק — קוקט אויף איינס און נעמט צוויי.

* * *

מיט צרות איז ער גרייט זיך שטענדיק צו טיילן און וועט נאָך יענעם געבן אַ גוטע וואָג...

* * *

ער האָט שטענדיק אַ באַשטימטע מיינונג: ניין — יאָ, יאָ — ניין, איז ביי אים אַלץ איינס...

* * *

פון אַ ביסל אין שיסל — קאָן מען נישט זאַט ווערן...

* * *

אויף שטיינער וואַקסט נישט קיין קאָרן, און פרוכט וואַקסט נישט אויף קיין דאָרן...

* * *

ווען דו קוקסט אין שפיגל, דערמאָן זיך וואָס פאַר אַ פנים עס האָבן צווייפּנימדיקע...

* * *

פליאָטקעס זענען פיש וואָס קאָנען נישט שווימען, נאָר זיי גליטשן זיך פון מויל צו מויל...

* * *

איך האָב נאָך נישט געזאָגט אַלף — און ער איז שוין ביים (בית)...

דער מענטש האָט זיך נאָך נישט קלאָר געמאַכט וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד — און ער פליט שוין אין די הימלען...

* * *

בעסער פיר קעניגן אין קאָרטן ווי איינער אויף דער וועלט...

* * *

געוויסע מענטשן, וואָס פירן א קאַמף צו בלייבן יונג, יאַדען זיך און קירצן זיך אַזוי די יאָרן, אַז אַלס רעזולטאַט — ווערן זיי טאַקע נישט עלטער...

* * *

אָפט פאַרגעסן מענטשן די, וועלכע האָבן זיי געשטעלט אויף די פיס, און זיי קריכן יענעם אויפן קאָפּ...

* * *

עס איז אַ גרויסע מעלה פאַר אַ מענטשן ווען מ׳זאָגט, אַז ער האָט אויך חסרונות...

* * *

הונדערט פונט גאָלד איז נישט גרינגער צו טראָגן ווי הונדערט פונט שטיינער...

* * *

ער איז דער אמתער וונדער: אָן אַ קאָפּ און צוויי־פּנימדיק...

* * *

ער קען דרייען און פון נולן מאַכן צווייען...

* * *

אַ מענטש קאָן א סך פאַרטראָגן, נאָר נישט קיין לײדיקן מאָגן...

* * *

ער האָט ליב צו טראָגן די עפּאָלעטן אויף די אַקסלען, אָבער נישט דעם יאָך אויפן קאָפּ...

* * *

דאָס אמתע קונסט־בילד קוקט אויף אייך מיטן זעלביקן בליק — ווי איר אויף דעם...

* * *

לויט זיין נאַרישן פּנים, דערמאָנט ער אין איינעם פון די פיר בנים...

* * *

ווען עס גייט נישט אין לעבן, מעג מען אמאָל נאָכגעבן...

א פריינד אַפילו פון דער ווייט, איז אלעמאָל נאָענט...

* * *

אַ קליינער חסרון האָט שוין אויך אַ שטיקל מעלה.

* * *

דער, וואָס טיילט אוים אַ צווייטן פאלשע קאָמפּלימענטן, קען דערוואַרטן צו קריגן דאָס אייגענע מיט פּראָצענט...

* * *

אַ בוך — ווי אַ באַנק־בוך, קאָן מען נישט מעסטן לויט דער צאָל זייטלעך. נאָר — לויטן פאַרמעג אינעווייניק.

* * *

אין רייכקייט פאַרמאָגט ער פון אַלץ, נאָר אין שכל — פעלט אים זאַלץ...

* * *

אַ מענטש קאָן נישט זיין אַלעמאָל שלעכט — ווי ער קאָן נישט זיין אַלעמאָל גערעכט...

* * *

טונקט נישט קיין פינגער אין וואַסער, און האָט אַ האַנט אין אַלע אומריינע געשעפטן...

* * *

ער רעדט אַזוי פאַרטיפט, אַז ער אַליין קאָן זיך נישט דער־גרונטעווען צו אַן אייגענעם געדאַנק...

* * *

דער, וואָס פאַרמאָגט אייגענע מעלות, וועט ווייניקער זוכן ביי יענעם חסרונות...

* * *

גוטע פריינד דאַרף מען זיך אויסהאָדעווען, שלעכטע פריינד קאָן מען זיך שאַפן מיט איין וואָרט.

* * *

דער וואָס פּרוווט אריינכאַפּן די וועלט, דערגרייכט אין געלויף — יענע וועלט...

* * *

אַפילו דער „אַסטראָנאָט“ און „קאָסמאָנאַט“, קאָן מיט לופט אַליין נישט ווערן זאַט...

אַ צונג האָט ער אָן ביינער, דערפֿאַר אַ האַרץ פֿון שטיינער...

* * *

די רגעס פֿון זייגער פּטרן אונדז אַוועק די יאָרן...

* * *

ער קאַרגט זיך אַזוי דעם ביסן, אַז ער עסט זיך אויף אַ לעבע־דיקער...

* * *

קיינער קרעכצט נישט לויט נאָטן, און קיינער וויל נישט ארומ־גיין ווי אַ שאָטן...

* * *

חכמעט זיך נישט מיט קיין נאַר — ווייל אַ קלוגער טוט דאָס נישט...

* * *

ער גייט ווו דער דאַשעק פֿירט אים, נאָר אז ער פֿאַרדרייט מיט דער נאָז, קערט ער זיך אום...

* * *

ער היט אָפּ כשרות, נאָר ווערליק ער פֿירט זיך אויף — שמעקט ער מיט דבר־אחר...

* * *

האָט נישט קיין ביסל און רעדט פֿון א סך; פֿאַרמאָגט נישט קיין ברעטל און טראַכט פֿון אַ דאַך...

* * *

אַפֿילו אַ בוים קרעכצט ער אויך ביים פֿאַלן...

* * *

קומט צום אַרבעטן, איז ער בלויז יוצא. אָבער קומט צום עסן — איז די גרעסטע המוציא...

* * *

עס איז גוט צו כאַפּן אַ טאַנץ — ווען די פּאָדלאָגע איז גאַנץ...

* * *

אויף אַ זעגל־שעף האַלט דער ווינט די וויאָסלעס...

* * *

ביי אים אַ נאַרישקייט איז אַ גאַנצע נאַראַציע...

פון שלעכטער א י נ ק ו נ פ ט קאָן מען זיך נישט פאַר־זאָרגן מיט קיין צ ו ק ו נ פ ט...

* * *

ביי א צו הויכן טאָן — שטייט די האַרמאָניע אין קאָן...

* * *

אַז ס'קומט איבער אַ שווערע קראַנקהייט, קומט צו אַ שטיק געזונט...

* * *

ווען נאַראָנים וואָלטן געהאַט שכל, וואָלטן זיי גאַנץ אָפּט גע־קאָנט פּאַקן די קלוגע ווי זיי באַנאַרישן זיך...

* * *

ביים פאַרבינדן א ווונד צאַצקעט מען זיך נישט מיטן שלייפל...

* * *

ווען ער פאַרמעסט זיך שוין צו וואַרפן אַ שטיין, קלייבט ער אוים אַזאַ, וואָס ער קאָן נישט רירן פון אָרט...

* * *

ווייטיק און צער, טרעפט דעם קלוגן ווי דעם נאַר...

* * *

דאָס איז אַ פּאָרל מיט איין מיינונג, ער זאָגט, און זי — האָט גאָרנישט צו זאָגן...

* * *

דאָס איז פון יענע האָטעלן, וווּ די עסנס זענען נישט צום צע־קייען און די פּראָגראַמען נישט צו פאַרדייען...

* * *

צי דאָס איז א כשרער פּלאַץ, ווייס איך נישט, נאָר א משניח איז פאַראַן, וואָס גיט אַכטונג... אויף דעם זילבער.

* * *

ער האָט, קיין עין־הרע נישט, אַזאַ אַפּעטיט, אַז ער קאָן איי־נער אַליין בענטשן אין „מזומן" — ער עסט פאַר דריי...

* * *

פייער און וואַסער זענען זיך די גרעסטע שונאים, און דאָך האַלטן זיי שטענדיק אָן „קאָעקזיסטענץ". צו קאָכן וואַסער, איז נויטיק פייער, צו פאַרלעשן א פייער — איז נויטיק וואַסער...

אַ בעל־גאווה דערמאָנט אָפּט אין א האָן: לייגן אייער קען ער נישט, נאָר קרייען וויל ער אויבן־אָן...

* * *

אין קאַמף מיט פינצטערניש, איז ערשט נויטיק צו האלטן אָפן די אויגן...

* * *

אין די יונגע יאָרן האָט ער געברענט אַ וועלט, איז ער איצט אַן אויסגערויכערטע ליולקע...

* * *

ער האָט ליב צוצוזאָגן דאָס טעלערל פון הימל, נאָר אויסוואַשן אַ טעלערל פוילט ער זיך...

* * *

אַפילו א דאָרן ווערט נישט איינגאַנצן פאַרלאָרן — ערגעץ בלייבט אַ דור...

* * *

וואַרף נישט ארויס דעם שטול און קאַפּול — אַפילו ווען דער טייסטער איז פול...

* * *

א גוט־מאָרגן זאָגט ער. נאָר צו זאָגן א גוטע נאַכט — מוז מען אים געבן אָנצוהערן...

* * *

מ׳קאָן דערקענען דעם פּאַסאַזשיר לויט די פּעקלעך און דעם פּרעסער — לויט די בעקלעך...

* * *

פון אָפּשניידן אַן אייזל די אויערן — וועט ער אלץ קליגער נישט ווערן...

* * *

כבוד־זוכער האָבן צוויי וועגן, דורך יאָגן זיך נאָך כבוד און — דורך קריכן אויף אַלע פיר...

* * *

אין דער פינצטערניש, זעט זיך אַפילו אָן דאָס ליכט פון אַ פייער־פליג...

דער, וואָס טרינקט אַ לעבן־לאַנג, קאָן זאָגן, אַז דער „לחיים״ האַלט אים אויף ביים לעבן.

* * *

אַ פיש קאָן זיין צוויי מאָל געפּערלעך, ווען דער פיש שלינגט איין דעם מענטשן און ווען דער מענטש שלינגט איין צו גיך דעם פיש...

* * *

מענטשן זאָגן, אַז זיבן איז אַ ליגן. ביי אים איז דער ליגן גלייך פון איינס...

* * *

די מאַמע מיט אירע דראָבנע טריטעלעך קומט אָפּטער צו די קינדער, ווי די קינדער מיט זייער גרויסן אויטאָמאָביל צו דער מאַמען...

* * *

דער ווונטש פון יעדער מאַמע: זאָג מיר בעסער איינמאָל אַ יאָר גוט יום־טוב, איידער קדיש אַ גאַנץ יאָר...

* * *

דעם „געריררטן״ קאָן שוין קיין זאַך נישט רירן...

* * *

נישט גענוג, וואָס ער איז אַליין משוגע, איז ער נאָך דער שליח־ציבור פון אַ מנין...

* * *

ביי יענעמס פרוי אַ בראָדעווקע איז ביי אים אַ חן־פּינטל און זיין אייגענע באַחנטע פרוי, איז ביי אים אַ בראָדעווקע...

* * *

דאַכט זיך, ער איז אַ גוטער בעל־חשבון און דאָך — זיינס אַ וואָרט מיט אַ וואָרט שטימט נישט...

* * *

דער טויט קלייבט נישט איבער, דאָך מיידט ער אויס דעם גיבור...

* * *

דער וואָס וואַרפט די שמוץ ביי דער טיר, קריגט דעם ריח דורכן פענצטער...

א גוטע מאַלעריי איז ווי אַ ליבע באָבע, וואָס מער זי עלטערט זיך, אַלץ ליבער און טייערער ווערט זי...

* * *

ער וואָלט נישט געווען אַזוי נאַריש, ווען ער פּרוווט נישט אַרויסווייזן זיין חכמה...

* * *

מיט איין האַנט גיט ער אייך אַ שלום־עליכם, מיט דער צווייטער — אַ פייג...

* * *

א מענטש אָן קאָנטראָל איז אַ קראַנקער — ער שווימט ווי אַ שיף אָן אַן אנקער...

* * *

א בעל־גאווה האַלט זיך העכער פון דער זון. די זון לאָזט זיך אמאָל אראָפּ, אָבער ביי אים איז שטענדיק פאַרריסן דער קאָפּ...

* * *

מיטן ערשטן גלעזל בראָנפן זאָגט ער ל ח י י ם — צום צווייטן גלעזל, איז ש ו י ן ב י י א י ם ל א ך — ח י י ם...

* * *

איך מוז נישט רעספּעקטירן א פערד, ווייל עס האָט גרויע האָר...

* * *

זיינע געשעפטן זענען ענלעך צו אַ ציגאַר, ווי ער זאָל זיך נישט דרייען לאָזט זיך אוים א רויך...

* * *

ווען דער ריכטער איז רייך, איז אַ רחמנות אויף דער אָרעמער גערעכטיקייט...

* * *

דער ארבעטער, וואָס האָט מורא אויפצוהייבן זיין קאָפּ, האָט שוין במילא נישט קיין כוח צו הייבן די פיס...

* * *

דער מענטש, וואָס וויל נישט לערנען, צאָלט צוויי מאָל רבי־געלט...

ער האָט געכאַפּט א מציאה — געקויפט אַ היטל, ווו עס קאָן אַריינגיין צוויי קעפּ...

* * *

דער, וואָס איז צווייפּנימדיק אין לעבן, האָט קיין פּנים נישט ביי זיין טויט...

* * *

ווען וואָלקנס און שטורעמס צעשפּילן זיך, ווערט דער טאָל דערהויבן...

* * *

דלות איז נישט קיין קראַנקהייט, אָבער קאָפּ־ווייטיק פאַרשאַפט עס...

* * *

ער „טרינקט" ווי אַ פיש, נאָר אָנשטאָט אין וואַסער — ליגט ער אין בלאָטע...

* * *

ווער עס שעלט זיין קינד, שעלט אויך זיין אייניקל, ווייל דאָס קינד וועט שוין איבערגעבן די שיינע „ירושה".

* * *

אמאָל איז ביי זיי געווען א ג י ל ו א ש מ ח ד י ק, אָבער איצט — האָגלט בלויז מיט קללות און טעלער...

* * *

דער גוטער ווי דער שלעכטער
לאָזט איבער א ירושה.
דער גוטער — לאָזט כבוד,
דער שלעכטער נאָר בושה...

* * *

איר מעגט אָנטאָן א פלאָקן אין אַ פראַק, וועט ער אלץ נישט זיין מער ווי אַ סטראַשאַק...

* * *

קיינער וויל נישט זיין אַלט, און קיינער וויל נישט שטאַרבן יונג...

* * *

די מערסטע ליגנער כאַפּט מען בלויז דערפאַר — ווייל זיי זאָגן נישט דעם אמת...

וואָס מער רייכקייט שטייט אויבן־אָן, אַלץ מער לעבנס שטייען אין קאָן...

* * *

דער, וואָס קאָן נישט אַרונטערשלינגען קיין פאַלשקייט, ווערגט זיך מיטן אמת...

* * *

געוויסע מענטשן האָבן שוין אַזוי ווייט דערגרייכט, אַז וועגן מ ע נ ט ש ל ע כ ק יי ט ווילן זיי שוין אַפילו נישט טראַכטן...

* * *

דער באַשיידענער געלערנטער, וואָס ווייסט א סך, מאַכט זיך אָפּט נישט ווויסנדיק...

* * *

ער איז אַזוי נאַריש, אַז ער ווייסט גאָרנישט צו וואָס אַ מענטש דאַרף שכל?...

* * *

דער שיקזאַל איז אַ האַרבער ריכטער: פאַרן שטיקל זינדיקן לעבן באַשטראָפט ער מיט — אַן אייביקן טויט...

* * *

א טיש קאָן נישט זיין אָן אַ בענקל, ווי אַ שיכור אָן אַ שענקל...

* * *

ער מעג זיין דער שענסטער, נאָר אָן שכל, איז ער, ווי אַ שטוב אָן פענצטער...

* * *

ווי זאָגט דער פעטער — אַ שטומער קאָן נישט זיין קיין בע־טער...

* * *

אַן אַקטיאָר און אַן אָרעמאַן קאָנען שטאַרבן צען מאָל אַ טאָג...

* * *

יעדער טעפּל האָט זיין שטערצל און יעדעס הערצל האָט איר שמערצל...

* * *

ער איז נישט קלוג, נישט שיין — אָבער ער זעט זיך גוט צו אַליין...

ער לייענט צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט, נאָר ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך...

* * *

די יוגנט־שיינקייט איז שוין פאַרביי, נאָר דער קינדער־שכל איז געבליבן...

* * *

זי איז זייער א געניטע, ווו צוויי — איז זי אַ דריטע...

* * *

ווען א שוישפּילער וויינט מיט אמתע טרערן, איז דאָס נישט קיין טעאַטער־שפּיל — נאָר אַן אומגליק...

* * *

ווען אַ קלוגער טוט אָפּ אַ נאַרישקייט, שאַרט ער דאָס צו אַ צווייטן. דער נאַר טוט אָפּ אַ נאַרישקייט און האַלט זיך מיט דעם...

* * *

ער איז אַ „ב ק י" איבער לויפנדיקע פראַגן — איבער פערד־לעך און איבער הינטלעך...

* * *

דער פּראַקטישער מענטש איז פּ אָ ר־זיכטיק. דער אויס־גערעכנטער איז וו יי ט־זיכטיק און דער הפקר־מענטש —ק ו ר צ־זיכטיק...

* * *

ער איז פון די באַלעבאַטים, וואָס זעט אוים ווי א וווּנדער־באַ־שעפעניש: דאַכט זיך אַ ווילדע חיה און דאָך — דערלאַנגט ער לשון...

* * *

עס העלפט נישט דאָס אויסבאַהאַלטן דאָס מיסט אונטערן בעט. ווייל — מ'הערט און מ'זעט...

* * *

א שמוציקן מויל העלפן נישט קיין גאָלדענע ציינער...

* * *

לעבט אויף קיי און שפּיי, און עסט פאַר דריי...

* * *

ס'איז שווער צו וווינען אויף פרעמדער ערד און ס'איז שווער צו רייטן אויף אַ פרעמדן פערד...

ווילסטו קריגן פון דער קו גוטע מילך, קעז און פוטער — מוז איר מאַלצייט אויך זיין א גוטער...

* * *

א פיש קאָן זיין גאַנץ לעבן נישט רעדן, נאָר ווען ער ווערט אַלט — לאָזט ער זיך הערן...

* * *

איך האָב אַ גאַנץ יאָר נישט געהאַט קיין צייט צו געבן אַ קוק אין לוח, איז דאָס יאָר אַוועק אָן אַ זיי־געזונט...

* * *

אָפט שלעפּט זיך מיר דער טאָג אַ יאָר, נאָר גוט איז וואָס דער באַלעבאָס פון הויז ווייסט נישט דערפון...

* * *

יעדעס בלעטל אויפן קאַלענדאַר נעמט מיר אַוועק א טאָג לעבן...

* * *

אָט אַזוי פייערנדיק אַלע מאָל א נייַ־יאָר ווערט מען מיט דער צייט אַליין — אלט אין יאָרן...

* * *

דער הויז־באַלעבאָס ציילט אין יאָר די חדשים, דער „וואָכער־ניק" די וואָכן, דער ארבעטער די טעג און דער קראַנקער די שטונדן...

* * *

די קליינע אָפּגעריסענע בלעטלעך פונעם קאַלענדאַר לאָזן אי־בער גאַנצע בלעטער מיט געשיכטע...

* * *

אין נייַ־יאָר־נאַכט איז אַ מינוט אַ יאָר...

* * *

ער איז געוואָרן מיט א יאָר עלטער, און נישט מיט א סעקונדע קליגער...

* * *

שרייַ זיך אויס, וועט אפשר דער נ אַ ר ארויס...

* * *

אַן אָרעמאַנס טיש — איז פעפער אָן פיש...

מיט זיינע שאַרפע אויגן — קאָן ער שניידן הינער-אויגן...

* * *

דאָס היטל פּאַסט אים צום קאָפּ, נאָר זיין קאָפּ פּאַסט פאַר — א טאָפּ...

* * *

דורך א מענטשס שמייכל דערקענט מען זיין שכל...

* * *

ביי אים זעט אַלץ אויס גלייך: אַ קאַלב און א שוואַלב, אַ פליג און א ציג...

* * *

פון „עסן מיט די אויגן" — קריגט קיינער נישט קיין בויך-ווייטיק, אָבער זאַט ווערט מען אויך נישט...

* * *

די ערגסטע פון אַלע חיות — איז דער מענטש, וואָס האַנדלט ווי אַ חיה...

* * *

וויינען און זיך פרייען — איז גוט אין צווייען...

* * *

כאַפּ נישט קיין צו הייסן ביסן, אויב — דו ווילסט פון דעם געניסן...

* * *

גראָבן איז נישט רוען — פאַלן איז נישט פליען...

* * *

ביי דעם, וואָס האַלט צופיל פון לחיים — ליידט די פאַמיליע פון למות...

* * *

ער עסט אַלץ — צוקער מיט זאַלץ און פּוטער מיט שמאַלץ...

* * *

ביי אים איז אַ קאַץ אַן עוף און אַ הונט אַ שאָף...

* * *

עס זענען פאַראַן „דרייער" און „צעדרייטע". דער „צעדרייטער" דרייט ז י ך דעם קאָפּ. דער „דרייער" פאַרדרייט י ע־נ ע מ ס קאָפּ...

צו מאַכן א לעבן איז ער נישט אַזוי גערעָטן, אָבער אויף מאַכן חובות האָט ער א שם...

* * *

עס איז גרינג צו קריטיקירן יענעמס כאַראַקטער, ווען מ'איז אליין — כאַראַקטערלאָז...

* * *

פ ר יי ה יי ט פרווט ער פאַרלצעווען און ג ל יי כ ה יי ט פאַרלעצן...

* * *

די וועלט וועט אַלעמאָל ליידן פון ברענענדיקע פראגן, אַזוי לאַנג ווי די פעלקער וועלן נישט האָבן קיין פייער־פאַרזיכערונג...

* * *

ער שפּילט די ראָלע פון א מוסר־זאָגער און מאַכט א לעבן אַלס מסירה־טראָגער...

* * *

ווען ער גיט אייך זיין וואָרט אויף אַן אמת, בעט אים דעם אמת אונטערצוהאַלטן, ווייל — זיין אמת הינקט שטענדיק אונ־טער...

* * *

פון הימל צו דער ערד איז זייער וויט.
איז ער אַ מענטש פאַר גאָט און — אַן אוממענטש פאַר לייט...

* * *

דעם פינצטערלינג וועט נישט העלפן קיין באַלויכטענע פראגן...

* * *

פון זיין קאַפּעליע, קאָנען טאַנצן פליגן אויף דער סטעליע...

* * *

נאָכדעם ווי מ'נאַרט אוים ביי איינעם זיין גאָלד, ווערט ער אוים יאָלד...

* * *

פריינדשאַפט קאָן מען שליסן דורך אַ זיסן שמייכל, בשעת אַ קריג־דערקלערונג קאָן קומען פון איין וואָרט...

דער וואָס לעבט מיט חשבון, לאָזט ווייסן, ווי אַלט ער איז בײַם שטאַרבן...

* * *

אין א רעגנדיקן טאָג קלייבט ער זיך אוים צו מאַכן פייער...

* * *

ער איז אַזוי פּאַרזיכטיק, אַז ער וועט נישט מאַכן א טראָט אין וואַסער ביז וואַנען ער וועט נישט קענען גוט שווימען...

* * *

דריי ז י ך נישט קיין פאה, און דריי נישט י ע נ ע ם דעם קאָפּ...

* * *

וואָס צו גאָט איז צו גאָט — וואַשט ער שטענדיק די הענט. נאָר באָרגט ער וועמען אויף שבת — נעמט ער א משכון מיט פּראָצענט....

* * *

ער גריבלט זיך שטענדיק צו געפינען חסרונות ביי יענעם, נאר אז דאָס אליין איז א חסרון זעט ער נישט...

* * *

ווען דער מענטש עסט גוטע זאכן, איז דאָס פאַר זיין איי־גענעם געזונט. ווען ער עסט שלעכטע זאכן — איז דאָס פאַרן דאָקטאָרס געזונט...

* * *

דער, וואָס פאַרמאָגט דעם גראָשן, האָט אויך לשון...

* * *

ער מאַכט געלט ווי בלאָטע און ליגט אין דעם ווי א חזיר...

* * *

ער איז נישט קיין גרויסער מאַטעמאַטיקער. נאָר אז ער זאָגט אייך, אַז אים פעלט א דאָלאַר, מעגט איר אים גלויבן...

* * *

צו תנאים האָבן זיי געבראָכן טעלער, צו דער חופּה — א גלעזל, און איצט ברעכט מען מעבל...

* * *

ער האָט ליב צו עסן, נאשן — נאָר נישט קיין כלים וואַשן...

פאַר יעדער קליינינקייט סטראַשעט ער גלייך מיט נעמען זיך דאָס לעבן — נאָר דערווייל מאַכט ער אַלעמען דעם טויט...

* * *

אַמאָליקע פרויען פלעגן זיך פּוצן אין קליידער, היינט, זעענען קליידער — די קלענסטע זאָרג...

* * *

דאָס איז דער ריכטיקער „לופט־מענטש“: אַ גאַנצע וואָך לעבט ער פון „ווינט“ און שבת און יום־טוב — „בלאָזט ער זיך“...

* * *

ער האָט מיט זיין נאַרישקייט אַזוי גוט געמאַכט, אַז ער מיינט, ס'איז אַ נאַרישקייט צו האָבן שכל...

* * *

ער לאָזט שמוציק זיינע פענצטער, כדי נישט צו זען דעם שמוץ אויף דער גאַס...

* * *

שיך טראָגט מען טאַקע אויף די פיס — נאָר צו מאַכן זיי דאַרף מען צולייגן קאָפּ...

* * *

ער האָט נישט וואָס צו טאָן, ציילט ער די טראָפּנס פון רעגן און די שטיינער אויף די וועגן...

* * *

זיי נישט קיין האָן און שטופּ זיך נישט אויבן־אָן...

* * *

אויף מ י ם — זאָגט מען נישט ל ח יי ם...

* * *

ער וויל זיין א קנאַקער אויף ביינער — מיט פרעמדע ציינער...

* * *

ער גייט ארום ווי א וואָלקן, שטענדיק אָנגעכמורעט און שטענדיק „אָנגעטרונקען“...

* * *

ווו עלטער האָט געלייגט דעם זיגל, העלפט נישט בייטן דעם שפּיגל...

ער מאַכט אייך אַ חשבון אויף איין פוס, און — ער הינקט נשאַקע אונטער...

* * *

באַרג־אַרויף איז שווער צו גיין, באַרג־אַראָפּ — קייקלט זיך אליין...

* * *

דאָס איז אַזאַ געפאַלענער נפש, אַז דער אָפּגרונט איז פאַר אים אַ הויכע מדרגה...

* * *

די לופט־שיף אין די הייכן האָט אַ געזונטערן באָדן ווי דער לופט־מענטש אויף דער ערד...

* * *

דער, וואָס האָט זיך ליב אין יענעמס טעפּל צו מישן, האָט נישט קיין צייט פאַר זיך די כלים צו ווישן...

* * *

העלף אַ ביוראָקראַט צו דערגרייכן אַ הויכן שטאַפּל, האָט ער אַ פּלאַץ פון וואַנען צו שפּייען אויף דיר...

* * *

ער איז נישט פון די געוואַלדיקע ק אָ פּ־ר י ז ן, דערפאַר האָט ער אָבער אַ סך ק אַ פּ ר י ז ן...

* * *

פון אַ צו גרויסן ביסן קאָן מען קיין טעם נישט וויסן...

* * *

אַלע קרומע זאַכן זענען פאַר אים גלייך, נאָר די קיילעכדיקע וועלט וויל ער צעדרייען...

* * *

דלות — גראַמט זיך נישט מיט חלות, און יושר — מיט עושר...

* * *

ווי שטאַרק די פליגל פון אָדלער זאָלן נישט זיין, קאָנען זיי אַליין נישט פליען ווייטער פון אים...

* * *

ווען עס שיינט די זון, טראַכט מען נישט פון וועטער, ווען מ׳עסט די פרוכט האָט מען נישט אינזינען די בלעטער...

צוויי מענטשן קאָנען נישט שלאָפן איבער א חוב. איינער, איי־דער ער קריגט דאָס, דער צווייטער — איידער ער קריגט דאָס אָפּ צוריק...

* * *

אַ ציימונג קאָן ברענגען ליכט און — קאָן ברענגען אויפן פייער...

* * *

פאַראַן ציימונגען, וואָס זאָגן אָן נייעס און פאַראַן ציימונגען וואָס „מאַכן" נייעס...

* * *

א גוטער לייענער דאַרף פאַרשטיין צווישן די שורות — אויב דער שרייבער שרייבט די שורות פאַרשטענדלעך...

* * *

„איין האנט וואשט די צווייטע" — זאָגט מען. אין געוויסע ציימונגען קאָנען זיך אָבער די „הענט" נישט אָפּוואשן...

* * *

איינער האָט ליב פאקטן פאַרלייקענען, א צווייטער — פאַר־דרייען, און ביי אים איז אַ פאקט, אז ער טוט דאָס אינצווייען...

* * *

מזל איז אַ טייערער ביסן — בלויז רייכע קאָנען פון דעם געניסן.

* * *

ער איז א מסור, א „זינגער", האָט קלעפּיקע פינגער און וועט פארקויפן וואָס ער האָט נישט — זיין נשמה, פאַר קלינגער...

* * *

ער מאַכט זיך קיינמאָל נישט צום נאַר, ער איז שוין אַזוי גע־בוירן...

* * *

די פאַנטאַזיע קאָן א סך זאַכן אויסמאָלן אין די וואָלקנס, אָבער קאָן גאָרנישט אַראָפּברענגען אויף דער ערד...

* * *

אַ קלוגער דאַרף נישט זוכן קיין שכל, און אַ נאַר ווייסט נישט וו ו דאָס צו זוכן...

* * *

די הון האָט ליב די שטייג — דער פויגל — די צווייג...

עסן שטענדיק צימעס — ווערט אויך נמאס...

* * *

ביי דער וואָראָנע איז נבלה א מאכל, און ביים חזיר איז זומפּ־וואַסער א יאכל...

* * *

פאַרן מיקראָב איז גלייך א טראָפּן צו א טייך...

* * *

דער, וואָס האָט נישט קיין א ו נ ט ב ר ו י ט, וועט אויך נישט עסן קיין פרישטיק...

* * *

אין די פאַנטאַזיעס פליט ער, אין דער ווירקלעכקייט פאַלט ער...

* * *

ער האָט שוין אַלץ דורכגעמאַכט, נאָר — גאָרנישט געמאַכט...

* * *

ביי אים א גוט וואָרט — איז „לחיים" מיט טאָרט...

* * *

דער באַלעבאָס ציילט זיין פאַרמעגן, דער אַרבעטער — זיינע אַרבעטס־טעג...

* * *

קנאה און שנאה זענען ווי צוויי שלעכטע שותפים אין א געשעפט:ביידע האָבן באַזונדערע כוונות און דאָך שטייען זיי צוזאַמען...

* * *

פאַר די וואלן „ל ו י פ ט" ע ר, נאָך די וואַלן מוז מען אים אונטערשטופּן...

* * *

קאַנדידאַטן ווערן אָפט דערוויילט נישט אַזוי צוליב זייער אייגענעם גוטן נאָמען, ווי צוליב זייער קעגנערס שלעכטן נאָמען...

* * *

ווען דער דאַך פאַלט אראָפּ פון זיין הייך — ווערט ער א פּאָדלאָגע...

* * *

ער קומט אלעמאָל אַריין אין מזומן — ווו צוויי, איז ער א דריטער...

ער האָט ליב צו טרינקען אַלץ מיט אַ מאָס. טרינקט ער וואַ־סער מיט אַ גלעזל און שנאַפּס — מיט אַ גלאָז...

* * *

ער טראַכט נאָר ווי קאָן ער ערגעץ אַ פּינפּערל באָרגן. ווען אָפּגעבן — זאָל זיך שוין יענער זאָרגן...

* * *

אים שרעקט נישט קיין רעגן. אויב דער רעגן מעג גיין — מעג ער אויך...

* * *

ער וועט בעסער זאָגן צען תירוצים — איידער איין ליגן...

* * *

נוימ איז דער דערפינדער פון אַ סך זאַכן, נאָר דעם גנב קומט קרעדיט פאַר דער דערפינדונג פון שלאָס...

* * *

בעסער אַ צענערל אין מזומן, ווי אַ מיליאָן אין ציפער...

* * *

זאָגט נישט יאָ, ווען ס'איז נישטאָ.

* * *

אַ גוטן געדאַנק — לייג נישט אין באַנק...

* * *

דער, וואָס קומט שפּעט, עסט שוין די שיטערע לאָקשן...

* * *

ווען איך פאַרמאָג דאָס, וואָס איך בין שולדיק, וואָלט איך שוין געקאָנט באָרגן נאָכאַמאָל אַזויפיל...

* * *

האָב שטענדיק אינזינען דעם צווייטן, ווייל דיר קאָן אויך אויסקומען צו זיין דער צווייטער...

* * *

וואָס ער קאָן נישט נעמען מיט די הענט, שלינגט ער מיט די אויגן...

* * *

קיין יענע וועלט איז נישטאָ, און מיט ד ע ר וועלט איז מען אַמאָל אויך נישט אַזוי זיכער...

דער אָדלער איז דער קעניג פון אַלע פייגל, דער לייב — איז דער קעניג פון אַלע חיות; און ביי מענטשן איז דער קעניג אַלע־מאָל אַן אָנשיקעניש...

* * *

וואָס גרעסער ס'איז דער באַרג, אַלץ מער טראָגט אים דער ווינט צו נאָך...

* * *

זעץ ארויף אַ קוימען אויפן העכסטן דאַך, וועסטו אַלץ מער ווי רויך פון אים נישט קריגן...

* * *

סערמעגע און זיידנס — קאָנען זיך נישט פאַרליידן...

* * *

דער מאַמעס א קוש איז ריין ווי גאָלד; אַ קוש פון אַ געליבטער קאָן אַמאָל מיינען גאָלד...

* * *

צו שרייבן געשיכטע דאַרף מען אַ האַנט און טאַלאַנט, נאָר צו מאַכן געשיכטע קומט אָפּט אוים צו ברעכן א וואַנט...

* * *

אויף אַלץ קוקט ער קרום, נאָר זיך — זעט ער גלייך...

* * *

וואָס מער ער גריבלט זיך צו מאַכן בעסער ווערט די גרוב ביי אים אַלץ גרעסער...

* * *

ער געהערט צו די סתם־יידן, וואָס זענען מיטן שטאַם נישט צופרידן...

* * *

ער איז פון די פרומע, אַז וואָס ער זאָגט „באַזאַלצט ער"...

* * *

מיט אַ פריילעכן פּנים, פאַרמיידט מען אָפּט אַ סך שונאים...

* * *

אַ כאַר קאָן האָבן אַ סך מיטגלידער, און אַ בוך אַ סך זייטן פאַרמאָגן. דאָך זאָל עס זיין — נישט צום זינגען און נישט צום זאָגן...

ווען דאָס פּאַפּיר איז ווייס, זעט מען נישט קיין גרייז...

* * *

לויט דעם שלאָפן פון דער קאַץ, זעט מען, אַז זי איז נישט הונ־געריק...

* * *

זיין אַפּעטיט איז אַזוי גרויס, אַז ער שניידט אָן ברויט אויף אַ וואָך אין פאָרויס...

* * *

ווען ער רעדט, קאָכט ער זיך; ווערט ער אין כעס — ברענט ער. און דאָך זאָגט מען, אַז ער איז נישט דערבאַקן...

* * *

דער, וואָס שלאָפט ביז גרויסן טאָג — פאַרשלאָפט דעם גוט־מאָרגן...

* * *

מיר האָבן הנאה פון דער פרוכט, נישט ווייסנדיק אָפט וועגן דער שיינקייט פון בוים...

* * *

אויף אַ קישן פון געלט איז שווער צו שלאָפן...

* * *

מ'קאָן אָפּשטופן אַ מאָלצייט מיט אַ ביינדל, ווען — עס שלעפּט זיך נאָך אַ שטיקל פלייש...

* * *

די שיינקייט פון אַן אידעאַל קאָן מען נאָר באַווייזן מיט מע־שים...

* * *

ער לעבט מיט גאָטס חסד, נאָר — מוז אַלעמאָל זוכן אַ גמילת־חסד...

* * *

וויל פאַרטרינקען די צרות און פאַרטרינקט די שכירות...

* * *

ביסט אויס העלד, אַליין אין פעלד...

* * *

ווען דו אַנטלויפסט פון אַ שלאַנג, זוך נישט די באַשיצונג פון אַ וואָלף...

אויף ביקסן און קוילן דרוקט מען נישט קיין הכשר...

* * *

פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט שווערן — איך גלויב דיר סיי ווי נישט...

* * *

ער איז אַזוי קאַרג, אַז צוליב דעם וואָס ער וויל נישט אוועק־וואַרפן אַ צו קליינע היטל, לאָזט ער איינדאַרן דעם קאָפּ...

* * *

דער בוים קאָן זיך פיין אָפּשפּיגלען אין וואַסער, אָבער איר קאָנט דאָרט נישט רייסן קיין פּרוכט פון אים...

* * *

פאַראַן שרייבער, וואָס ביי זיי לויפן די געדאַנקען ווי פיש אין וואַסער, און — פאַראַן אויך שרייבער, ביי וועמען עס לויפט וואַ־סער אָן פיש...

* * *

מ׳צאָלט נישט קיין צינזן פון רייכע חלומות, אָבער — מ׳קאָן מיט דעם אויך נישט צאָלן קיין חובות...

* * *

דער שכל, זאָגט מען, קומט אמאָל צו שפּעט, אָבער ביים נאַר טרעפט דאָס נישט...

* * *

טאָן דאָס אייגענע צום שונא וואָס דער שונא האָט געטאָן צו דיר, האָט נישט אַלעמאָל קיין זין. האָט אַ בין דיר אַ ביס געטאָן, וועסטו דערפאַר בייסן די בין?...

* * *

נישט געגנוג וואָס ער זאָגט אַ נאַרישקייט, איז ער נאָך אויך אַן עקשן — ער האַלט זיך ביי דעם...

* * *

דער וואָס האַלט פון לעולם תקח — פרעגט נישט קיין מקח...

* * *

כדי זיך אַליין אויפצוהאַלטן, מוזסטו זיך מיטהאַלטן מיט אַנ־דערע...

יעדעס וואָרט איז ביי אים אַ רענדל — ווי ער וואָלט געציילט געלט...

* * *

ער ציט די ווערטער ווי קליי, דאָך קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט...

* * *

ער איז ווי אַ ווינט, מיט וועלכן מען קאָן קיינמאָל נישט זיין זיכער. אַמאָל דרייט ער אַ מיל און אַמאָל — גלאַט אַ מאַרעווי־כער..

* * *

ער האָט אַלץ און אַלעמען אין דר׳ערד און מיינט, אַז מיט דעם וועט ער זיך אָנזען אויף דער ערד...

* * *

דאָס מויל גייט ביי אים אויף שרויפן. נאָר פון זיינע רייד פילט מען, אַז עס פעלט אים אַ שרייפל...

* * *

ער בריקעט זיך ווי אַ פערד און אַרגומענטירט ווי אַן אייזל..

* * *

וויפל מ׳זאָל נישט בודק זיין אַ דבר־אחר, וועט ער אַלץ נישט ווערן קיין אחר...

* * *

דער וואָס קאָן נישט אויפהאַלטן זיינע אַלטע פריינד, איז אויך נישט זיכער מיט קיין נ יי ע פריינד...

* * *

פון רעדן ביז טאָן הייבט זיך נישט אָן...

* * *

אַ ביסל גוט צו טעם, צופיל — איז סם...

* * *

ער האָט ליב אַן אַלטן רב אויף דער בימה, און יונגן חזן — מיט אַ שטימע...

* * *

ליבע קאָן זיין שטאַרק ווי אַ פעלז, נאָר — אויך פעלזן ברעכן זיך אָפּ...

אַ טשערעפּאַכע פּאַרשפּעקטיקט קיינמאָל נישט: זי קריכט אַין האָט נאָך צייט שטענדיק צו וואַרטן...

* * *

עס איז צווישן זיי אַזאַ ווייטער שטח — ווי פון האָניק צו רעטעך...

* * *

ער איז שטענדיק גרייט מיט אַן עצה: האָסט נישט קיין וואָגן — טראָג אויף דער פּלייצע...

* * *

שענדלעך זענען זיינע טאַטן, פאַלש — זיינע ציטאַטן, דערצו נאָך אַ ממזר אָן אַ טאַטן...

* * *

אַ זיסער שמייכל — באַזיגט אָפט דעם שכל...

* * *

ער איז אַן אָנגעזעענער מענטש, ער קומט אַריין צו אַ פאַרזאַמלונג אינמיטן פון פּראָגראַם, כדי אַלע זאָלן אויסדרייען די קעפּ און זען ווי ער שפּאַנט...

* * *

פונעם ריח קאָן מען שוין דערשמעקן די באַשעפעניש אין שטאַל...

* * *

צוליב זיינע חובות קאָן ער אָן אויג נישט צומאַכן, ער האַלט אין איין טראַכטן ביי וועמען ער האָט נאָך נישט געבאָרגט...

* * *

ער קירצט אַלעמען די יאָרן. און אַליין — עלטערט ער זיך...

* * *

פון עסן זיך דאָס האַרץ ווערט נישט גרינגער, פון קירצן זיך די יאָרן ווערט מען נישט יינגער...

* * *

אַן איינגערעדטע קרענק איז אויך אַ קרענק, אָבער אָן קראַנקןבענעפיט...

* * *

דער מענטש, וואָס שרעקט זיך צו בייטן אַ מיינונג, איז אַ שוואַכלינג, וואָס האָט נישט קיין כוח צו ה אָ ב ן אַ מיינונג.

דער, וואָס רייסט אויס אַ בלום מיטן וואָרצל, וועט זיך שוין דאַרפן פוצן מיט ווילד־גראָז...

* * *

די אינטעליגענץ פון אַ מענטשן קאָן מען גרינג שאַצן לויט זיין ציימונג, וואָס ער לייענט...

* * *

ער איז פון די מענטשן, וואָס איז אַ רחמנות צו שעלטן און אַן עבירה צו בענטשן...

* * *

פאַר איין שלום־עליכם — מוז מען אַלע מאָל צוליינן צוויי הענט...

* * *

דער, וואָס איז נישט דערצויגן, האָט ליב שפּרינגען אַ צווייטן אין די אויגן...

* * *

דאָס איז אַזאַ יאדע, וואָס פרעסט זיך אפילו אין אַ תענית...

* * *

מיט אַ טשוואָק קאָן מען נישט פאַרצירעוועו קיין זאָק...

* * *

דער, וואָס כאַפּט זיך צו צום טאָפּ פלייש לעקט אָפּ אַ ביינדל...

* * *

דור הולך ודור בא — איך בין נאָך דערווייל דאָ...

* * *

גייט שטענדיק אַרום געבראָכן און — פאַרמאָגט נישט קיין צעבראָכענע פּרוטה...

* * *

ער זוכט ביי אַנדערע חסרונות און ביי אים דאַרף מען זוכן מעלות...

* * *

ווען דער מענטש וואָלט געקוקט אויף אַ צווייטן ווי ער קוקט אויף זיך אליין אין אַ שפּיגל, וואָלט ער געזען אַ סך שיינע מענטשן...

גערדאַנקען לויפן זייער שנעל, דערפאַר קאָנען טאַקע אַ סך מענטשן נישט כאַפּן דעם געדאַנק...

* * *

די מערסטע פאַנטאַזיעס קאָנען גרינג פליען, אָבער ס'איז שווער פאַר זיי צו שטעלן זיך אויף די פיס...

* * *

דער שפיגל קאָן טאַקע זיין פאַרעלטערט, אָבער די קנייטשן, וואָס מען זעט אין אים, זענען נישט זיינע...

* * *

דער טויט האָט איין מעלה: ער נעמט אוועק די זאָרג — צי מאַכן אַ לעבן...

* * *

אַזוי דרייט זיך דאָס לעבן ביזן ביטערן סוף: דער טאָג פאַרגייט אין אַרבעט, די נאַכט — אין שלאָף...

* * *

די גרעסטע מציאה כאַפּט דער, וואָס קויפט נישט קיין מציאות...

* * *

עס איז גרינג אַריינצוגיין אין יענעמס לאַגע, אָבער ס'איז זייער שווער יענעם אַרויסצושלעפּן...

* * *

אין די קנייטשן אויפן פּנים געפינט זיך די קאַסע פון יאָרן...

* * *

די געלעגנהייט וועט דיך נישט זוכן, נאָר דו מוזט זוכן די געלעגנהייט...

* * *

אפילו אַראָפּצורייסן אַן אַלטע געביידע מוז מען אויך האָבן אַ פּלאַן...

* * *

שאַרפן דעם בלייפעדער, העלפט נישט אַרויס קענן אַ שטומפיקן געדאַנק...

* * *

ווען דו גייסט אין וועג, קוק אויף אַלע זייטן, און — גיי אין איין זייט...

האַסט אַ פּיינעם טאַטן — מאַך נישט קיין וועזן דערפון, זײַ בעסער, אַז דיין טאַטע זאָל זיך גרויסן מיטן זון...

* * *

ער איז פּרוכטבאַר מיט פאַנטאַזיעס נאָר — זיינע אַלע פאַנ־טאַזיעס זענען פרוכטלאָז...

* * *

ווען אַ הונט לאַשטשעט זיך, זייט וויסן, אַז ער האָט אויך ציין. ווען אַ באָס וואַרפט צו אַ שמייכל, גערענקט, אַז ער איז אויך גע־מיין...

* * *

ער איז אַזוי פלינק, אַז ער גייט אַרוים נאָך אַ בייגל פאַר פרישטיק און — ברענגט אַ ברויטל פאַר וועטשערע...

* * *

ווען ער פילט שוין, אַז ער קאָן נישט גיין — לויפט ער צו אַ דאָקטאָר...

* * *

לויט אַ געוויסער „מאָראַל" איז אָנגענומען, אַז אַ שיינער נדן מאַכט שוין אויך שיין די כלה...

* * *

אַ וואָרט קאָן אַמאָל זייער אַ סך העלפן, ווען מ'קריגט עס אין קעש (מזומן)...

* * *

ווי איינער זאָל נישט זיין מיאוס און געמיין — דאָך געפעלט ער שטענדיק זיך אַליין...

* * *

אויב איר ווילט הערן וואָס דער רעדנער זאָגט אייך — טאָ זייט נישט קיין „רעדנער" צו אייער שכן...

* * *

דער בעסטער מיטל צו האַלטן אָרדענונג ביי אַן אונטערנעמונג, איז צו האַלטן זיך אַליין אין אָרדענונג...

* * *

דער רעדנער, וואָס ווייסט נישט ווען צו פאַרענדיקן זיין רעדע אין צייט — פאַרענדיקט גאַנץ אָפט די אונטערנעמונג פאַר דער צייט...

די קונסט אין רעדן ווי אין שרייבן, איז זאָגן אַ סך — אין ווייניק ווערטער...

* * *

אַ גוטע רעדע איז ווי אַ גוטע יויך — נישט צופיל וואַסער און נישט צופיל זאַלץ מיט שמאַלץ...

* * *

דער רעדנער, וואָס וויל אַריינכאַפּן צופיל טעמעס אין איין רעדע — ווערט אין „טעמע" ביי די צוהערער: וואָס האָט ער געזאָגט?...

* * *

אַ סך מענטשן בעטן אַ „וואָרט" צו זאָגן „בלויז דריי ווערטער". נאָכדעם ווי זיי כאַפּן אַריין אַ האַלבע שעה רייד, געדענקט מען טאַקע זייערע דריי ווערטער: „פּאָרזיצער און פריינד"...

* * *

אומעטום איז ער אַ קאָכלעפל, נאָר וואָס צו עסן האָט ער נישט...

* * *

ער האָט צו קיינעם נישט קיין צוטרוי, ווען עמעצער שענקט אים אַ מיליאָן דאָלאַר, וואָלט ער די ערשטע זאַך זיך אַוועקגעזעצט זיך ציילן צי דער חשבון שטימט....

* * *

איינער זוכט פון וויסן צו געניסן, אַ צווייטער — וויל פון וויסן — נישט וויסן...

* * *

ביי אים איז יעדער טראָט ווי אויף אַ דראָט, נאָר דער קאָפּ, לויפט גאַלאָפּ...

* * *

דער, וועמען ס'איז גרינג צו שאַפן זיך שונאים, איז זיך אַליין אויך נישט קיין גוטער פריינד...

* * *

מיט דעם, וואָס דו וועסט רופן אַ לייב — קאַץ, וועסטו נישט אָפּשוואַכן זיין „קראַץ"...

* * *

ער איז, ווי איר זעט, אַ „חכם" פון כעלם, אַ „מכשף" פון „סעילעם" און אַ גביר אויפן בית־עולם...

פון דעם, וואָס „מ'קוקט אים אויף די פינגער" איז קלאָר, אַז קיין פּיאַנאָ שפּילט ער נישט...

* * *

ער איז געוואָרן אַן אַ מ ת ע ר גביר פון פּ אַ ל ש ע געשעפטן..

* * *

מ'האַלט אין איין רימען די אַמאָליקע מיידלעך, נאָר חתונה האָבן — וויל מען טאַקע נאָר מיט היינטיקע...

* * *

אויף דיינע קלאָץ-קשיות דאַרף דיר ענטפערן אַ האָלצהע-קער...

* * *

ביי נאַראָנעס זענען די סימנים אויפן פּנים, ביים קלוגן — אין זיין האַנדלען און פירן...

* * *

ער האָט ליב אַ וואַזשנע עליה, נאָר זיין שנדר איז שהי-פּהי (שיע-פּיע)...

* * *

ער איז פון יענע יידן, וואָס טראַכטן נאָר ווי זיך צו ק ר י ס ט-אַליזירן...

* * *

ראשית חכמה, האָט ער קיין שכל נישט, והשנית— קאָן ער קיין צוויי נישט ציילן, און האָך — וו צוויי איז ער אַ דריטער...

* * *

זאָל מיר אַזוי דער פיש קאָפּ נישט דאַרן, ווי מיר הייבט נישט אָן צו אַרן...

* * *

דער, וואָס באַגראָבט — דער באַוויינט נישט...

* * *

אויפן וועג פון דורכפאַל, טרעפט מען אָפט דעם וועגווייזער צו ז'ערפאָלג...

* * *

ווי שרעקלעך דער טויט זאָל נישט זיין, איז ער דאָך ביי אַלע-מען די לעצטע זאָרג...

איינער ווערגט זיך מיטן ביסן, און איינער ווערגט זיך מיטן קאָכלעפל...

* * *

זיי האַלטן זיך ווי אַנדערע צוויי: זאָגט ער אוי, זאָגט זי וויי...

* * *

פאַר לייטן גלעט מען זיך, און צען מאָל אַ טאָג גט מען זיך...

* * *

דער רייכסטער באַזיצער, האָט נישט קעגן טויט קיין באַשיצער...,

* * *

דער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט האַס צו מענטשן, קאָן אין אַ מזומן נישט בענטשן...

* * *

אַז זיין זיידע האָט געקענט לערנען, וויל ער פסקענען שאלות...

* * *

ער האָט פיינט דורכצולעבן אַ נסיון, ווען עס קומט צום עסן, טרינקען און פרויען...

* * *

ער טרינקט ווי אַ פיש — נאָר נ יי נ צ י ק ע ר...

* * *

שפּאַר זיך נישט אָן אין אַ שוואַכן — זיך גרינגער צו מאַכן...

* * *

מיט פּאַפּיר קאָן מען אונטערצינדן אַן אויוון, אָבער מ׳קאָן נישט מיט פּאַפּיר אים מאַכן וואַרעם...

* * *

ליעבער פון די שיך לעכערן אָפט אויך דעם קאָפּ...

* * *

אין קאָלעדזש איז ער אַ פּראָפעסאָר, און ביים שווער — אַן אומזיסטער פרעסער...

* * *

אַלע קראַנקהייטן פטרט ער אָפּ מיט אַ קאָמפּרעס, און אַלע חובות — מיט אַ קאָמפּראָמיס...

* * *

ער האָט פיינט איבערצוחזרן אַ ליגן; ווען ער דאַרף — קאָן ער אַ פרישן קריגן...

דאָרט, וווּ דער באַלעבאָס פון אַ מלוכה איז דער בעל־מלאכה, האָט דאָס פאָלק מזל־ברכה!

* * *

קאָנסט זשאַווער נישט מאַכן גלאַנצן און אַ פלאָקן טאַנצן...

* * *

מ׳קאָן זיך אויספּוצן אין דער טייערסטער צירונג, און אַליין נישט ווערט זיין קיין פּרוטה...

* * *

ער האַלט זיך אין איין פילנעווען מיט פילן...

* * *

שוין אַוועק יענע יאָרן, ווען יעדער קעניג האָט געהאַט אַ הויף־נאַר. די מערסטע זענען געבליבן צום נאַר, אָן אַ הויף...

* * *

ער איז אַזוי פאַרנומען מיט געבן אַלעמען עצות, אַז ער קאָן זיך אַליין קיין עצה נישט געבן...

* * *

ווען עס זידט דאָס בלוט אין האַרצן, לויפן די טרערן אַריבער די אויגן...

* * *

דער מלאך־המות וועט לעבן אייביק: ער דאַרף נישט מאַכן קיין לעבן...

* * *

ער זעט אויס ווי אַ לייב מיט די ביינער, אָבער ער איז נישט מער ווי אַ הונט אָן ציינער...

* * *

ווען איינער קלאַפּט זיך פאַר כעס דעם קאָפּ אין וואַנט, איז איינס פון די צוויי: אָדער דער קאָפּ איז קיין קאָפּ נישט, אָדער — די קלעפּ זענען קיין קלעפּ נישט...

* * *

ער איז ווי אַ קראַנקע האַנט, וואָס דרייט טאָג און נאַכט נאָר — וויל מען די האַנט אַ דריי טאָן — איז געוואַלד, הימל עפן זיך...

* * *

ער זעט אויס באַיאָרנט, אָבער מיט גאָרנישט באַוואָרנט...

ווען ער שטעלט זיך אַוועק קרייען ווי דער האָן, מיינט ער, אַז מיט אים הייבט דער טאָג זיך אָן...

* * *

אָפּגעגעבן ברויט: די עלטערן שיקן די קינדער אין קאָלעדזש. און די קינדער שיקן די עלטערן — אין מושב־זקנים...

* * *

ער לעבט ווי אַ וואָרעם אין כריין, די פּיש עסן אַנדערע...

* * *

ער איז נישט קיין שיכור, ער האָט נאָר ליב צו ווינטשן מענטשן ל ח יי ם...

* * *

ער באַקט אָפּ אַ ליגן מאַנטיק — איז דאָס גוט פאַר אַ גאַנצער וואָך...

* * *

אויף אַ שיף אָן אַ רודער, איז דער ווינט דער קאַפּיטאַן...

* * *

ער עסט פאַר דריי און רעדט פאַר צען, נאָר אַרבעטן, פאַרדינען — אפילו נישט פאַר זיך אַליין...

* * *

ווען גאָלד איז דער גאָט, איז געלט — גאָטס געבאָט...

* * *

דאָס איז פון די בריות, וואָס ווילן אויסשלאָגן פוטער פון עסיק...

* * *

פון אַ גרויסן קאָפּ, ווי פון אַ גרויסן טאָפּ, קאָן מען גאָרנישט נאַשן — ווען ער איז פוסט...

* * *

דאָרט, וווּ מאַן און ווייב „קאָכן" זיך שטענדיק, מוזן די קינדער אַרומגיין הונגעריק...

* * *

דאָס איז אַזאַ ליגנער, אַז ער קאָן אפילו אָפּנאַרן אַ ליגן־מאַשין...

* * *

דאָס איז אַ צעשראָקענער האָז, און האָט נאָך פליגן אין נאָז...

ער גייט אַרום ווי אַ זווירינִיעץ אויף צוויי פיס. כיטרע ווי אַ פוקס, פֿאַלש ווי אַ קאַץ, חנפֿעט ווי אַ הונט, פֿאַרעקשנט ווי אַן אייזל, אַן אַפּעטיט פֿון אַ היפּאָפּאָטאַם, רירעוודיק ווי אַ טשערעפּאַכע, שׂכל פֿון אַ פֿערד, און —— לאָזט זיך הערן ווי אַ טכויר...

* * *

ווען די קו זאָל וויסן דעם ווערט פֿון איר מילך, וואָלט זי נישט געבריקעט אין דער דאָניצע, נאָר — וואָלט געעפֿנט אַ מילך־געשעפֿט...

* * *

אַ גאָטס־גנב איז נישט פֿרום, ווי אַ קראָפּיווע איז נישט קיין בלום...

* * *

דער קאַלענדאַר ווייזט די דאַטעס, אָבער צאָלט נישט די ראַטעס...

* * *

ער מאָלט זיך אין די וואָלקנס שאָף און רינדער, בשעת אין הויז הונגערן ווייב און קינדער.

* * *

צו פּוסטע קעשענעס, העלפֿן נישט קיין לאַנגע הענט...

* * *

איינער פֿאַלט איבער אַ שטיין, אַ צווייטער ווייל ס'איז אים שווער צו שטיין, און אַ דריטער ווייל ער איז געמיין...

* * *

אַ פֿאַמיליע־לעבן איז ווי אַן אָרקעסטער־שפּיל, דאָרט ווו עס פֿעלט האַרמאָניע איז אַ קאַצן־יאָמער...

* * *

דער אַרבעטער איז דער שמידער פֿון לעבן, נאָר גאָר אָפֿט שמידט ער אוים אַ גאָלדענע קייט פֿאַר דעם רייכן, און אייזערנע קייטן פֿאַר זיך...

* * *

פֿאַרן גאָלדענעם גאָט קניט ער און פֿאַר דימענטן — פֿאַלט ער...

* * *

ליבע איז בלינד, נאָר אַ פֿאַלשן דימענט־רינגל דערקענט מען...

דער, וואָס האַלט דעם קאָפּ פאַרריסן, קאָן נישט האָבן קיין גע־וויסנביסן...

* * *

אַן אמתער פריינד מאָנט נישט קיין פּראָצענט פאַר זיין פריינד־שאַפט...

* * *

ער מאַכט זיך פאַר אַ נאַר, כדי יענער זאָל זיך לאָזן אָפּנאַרן...

* * *

דער, וואָס לעבט נאָר מיט בטחון, איז שטענדיק געבראָכן...

* * *

פון זיינע אַלע „האָבים", האָט ער נישט קיין חלה אויף שבת...

* * *

ככה יעשה לאיש — גיט מען איינעם די כריין, אַ צווייטן די פיש...

* * *

ער איז פון די באַשיידענע מענטשן, וואָס ענטפערט אויף יעדן רוף פאַר הילף מיט אַ גרויסן „טשעק" (וועקסל), נאָר ער שרייבט אים נישט אונטער, כדי מ'זאָל נישט זאָגן, אַז ער שטעלט זיך אויס...

* * *

דער, וואָס האָט מורא זיך צו באַקלאָגן — טויג אויף קלאָגן...

* * *

פון אַ טיר אַ סקריפּ, און פון אַ האָן אַ קריי — ווערט ביי אים צוויי...

* * *

עלטער־פּענסיע דערמאָנט איצט אַ סך מענטשן — ווען ראש־חודש בענטשן...

* * *

די וועלט איז חלילה נישט אין געפאַר צוליב דעם, וואָס עס זענען פאַראַן צופיל מענטשן, נאָר וואָס עס זענען פאַראַן צופיל אומטענטשן...

* * *

דער, וואָס האַלט זיך אין איין באַרימען מיטן נעכטן — האָט, ווייזט אויס, נעבעך גאָרנישט מיט וואָס זיך צו באַרימען היינט...

זיין משל איז אַ גאַנץ פיינער, נאָר ער קלעפּט זיך אַזוי צום נמשל, ווי דער נמשל צום אמת...

* * *

די נאַטור האָט קיין זאַך נישט באַשאַפן אומזיסט — אפילו מיסט — אויף די שמעקנדיקע בלומען קאָנען אָן דעם נישט קומען...

* * *

אַ מאָלער קאָן אָפּמאָלן גאַנץ שיינע טייכן, נאָר קיין פיש כאַפּן אין זיי קאָן מען נישט...

* * *

ער האַלט אין די קעשענעס די הענט, און רייסט זיך אויף די גלייכע ווענט...

* * *

געבענטשט איז דער מענטש, וואָס האָט אין דער יוגנט — אַן עלטערן מוח, און אויף דער עלטער — יוגנטלעכן כוח...

* * *

צוליב די לאַטעס דערקענט מען שוין נישט דעם קאָליר פון בגד...

* * *

מיט פאַרמאַכטע אויגן קאָן מען נישט זען די ליכטיקע זייט פון לעבן...

* * *

ער איז אַזוי פרום, אַז ראש־השנה גייט ער נישט אין שול, ווייל ער וויל נישט טרייבן די קאַר אום יום־טוב...

* * *

ער איז דער גאַנצער כל־ולך אין שול, אפילו ווען ער קלאַפּט זיך על־חטא, האַלט ער אַ פייג אין האַנט פאַרן עולם...

* * *

זיצט אויבן־אָן, קוקט אין מחזור ווי אַ האָן, קויפט די שענסטע עליה, און ווייסט נישט וואָס מיט דעם צו טאָן...

* * *

ער האָט פיינט ראש־השנה און יום־כיפור, ווייל דאָס איז אַ יום־טוב נאָר אויף קלאָגן. ביי אים אַ יום־טוב, מיינט מערער עסן און ווייניקער זאָגן...

קיין בעל־תקיעה איז ער נישט, אָבער „אָנפייפן" קאָן ער...,

* * *

אַז מ'קלאַפּט אין די לאָדנס — דערמאָנט ער זיך אויפשטיין צו סליחות...

* * *

ראש־השנה שאָקלט ער צו תשליך די קעשענעס, יום־כּיפּור שאָקלט ער זיך אַליין אין שול, סוכות שאָקלט ער דעם לולב, נאָר אַ גאַנץ יאָר — שאָקלט ער אַלעמען אויס פון אַרבל...

* * *

יום־כּיפּור גלאָצט ער די אויגן צו גאָט, אַ גאַנץ יאָר פאַרשווערכט ער יעדן געבאָט...

* * *

דאָס איז אַזאַ צרה, אַז עס טויג אפילו נישט פאַר אַ כּפּרה...

* * *

ער באַשווינדלט מענטשן, און ביי גאָט בעט ער מחילה...

* * *

אַ גאַנץ יאָר צוויי־פּנימדיק, יום־כּיפּור מאַכט ער אַ פרום פּנים...

* * *

דער חזן קאָן נישט „אויסבעטן" פאַר אַלעמען, אָבער אים אַליין ווערט אַ ביסל גרינגער...

* * *

ער האָט ליב צו הערן דעם חזנס דריידלעך, נאָר פון זיין אייגענעם דרייען מאַכט ער בעסערע געשעפטן...

* * *

פריער זופט ער און ווערט פעט, דערנאָך קלאַפּט ער זיך על חטא...

* * *

אַ שיינער ניגון — איז אַ פאַרגעניגן...

* * *

לויט ווי די גבירים קלאַפּן זיך על חטא, זעט אויס, אַז ס'איז אַ מצווה צו זינדיקן...

* * *

צו גאָט גלאָצט ער די אויגן און פאַר מענטשן האָט דאָס פאַרשטאָכענע אויגן...

ער קלאַפּט זיך על־חטא און נעמט וואָס ער זעט...

* * *

אַ גאַנס־גנב קאָן אויסליידיקן אַ צדקה־פּושקע מיט איין האַנט און זיך קלאַפּן אין האַרצן מיט דער צווייטער...

* * *

ראש־השנה בלאָזט ער שופר און אַ גאַנץ יאָר פּייפט ער אָן, ווי עס לאָזט זיך...

* * *

יום־כיפור זוכט ער אַ כשרן רעסטאָראַן; אַ גאַנץ יאָר איז דאָס אַ טריפהנער בייזן...

* * *

ער האַלט פון פאַרפאַסטן ערב יום־כיפור, אָבער נישט פון פאַסטן יום־כיפור...

* * *

ער איז אַזוי זינדיק, אַז ער דאַרף שלאָגן כפרות מיט זיך אַליין...

* * *

פאַר מענטשן האָט ער נישט קיין בושה, נאָר פאַר גאָט שפּרינגט ער קדושה...

* * *

קלאַפּט זיך על־חטא — און מאַכט אַ נייעם געווער...

* * *

ער איז אַן אויסגערעכנטער מענטש: יום־כיפור עסט ער נישט קיין פיש מיט ביינער...

* * *

פריער דרייט ער די כפרה איבערן קאָפּ, דערנאָך זוכט ער די כפרה אין טאָפּ...

* * *

צוליב דער אכילה, וועט ער אפילו זאָגן אַ תפילה...

* * *

ער דאַרף שיך מיט אַ היטל, בעט ער גאָר אַ „קוויטל"....

* * *

אַלע מאָל צו נעילה, קומט ער טאָן תפילה...

* * *

יום־כיפור ב ע ט ער — אַ גאַנץ יאָר נ ע מ ט ער...

אַ גאַנץ יאָר אַ כאַפּער, יום־כּיפּור שרייט ער: מ כ פּ ר...

* * *

ס'איז גוט צו פאַסטן — ווען ס'איז פאַראַן מיט וואָס צו פאַר־פאַסטן...

* * *

קוקט אין מחזור ווי אַ גולם, און שרייט היום הרת עולם...

* * *

אין פאַבריק שאָקלט ער די אַרבעטער — אין שול שאָקלט ער זיך אַליין...

* * *

פריער שאַפט ער צרות — דערנאָך זוכט ער כּפּרות...

* * *

די הון קוואַקעט — פראַסע, און ער בעט — חיים של פּרנסה...

* * *

פון זאָגן די הגדה, הייבט ער נישט אָן צו וויסן, נאָר דערציילן אייך אַ חד־גדיא איז ער גרייט אפילו פּורים...

* * *

ער האַלט זיך פאַר אַ חכם, דאָס ווייב רופט אים רשע, די שכנים — תם, נאָר פאַר דער וועלט — איז ער אַ שאינו לשאול..

* * *

אַ גאַנץ יאָר לעבט ער אָן אַ סדר, נאָר פּסח איז ער גרייט אַלע טאָג פאַר אַ סדר...

* * *

פון די צען מכּות ליידט ער נישט, אָבער די צען קניידלעך קרענקט ער אויס...

* * *

מיט פרעהן צום סדר פאַרמעסט ער זיך ווי אַ קעניג, נאָר צו דער פאַמיליע איז ער גלאַט אַ טיראַן...

* * *

ער איז פון די קעניגן, וואָס האָט ליב די כּוסות, נאָר האָט פיינט, אַז מ'פרעגט קשיות...

* * *

פּסח ווערט דער כריין אַ גאַנצער יחסן: ער בייט דעם נאָמען אויף מ ר ו ר און שטייגט אין פּרייז...

ער איז פון די, וואָס זאָרגן, אַז יידן זאָלן פּסח עסן מצה. נאָר וועגן ברויט אַ גאַנץ יאָר — פאַרגעסט ער...

* * *

דער אָרעמאַן האַלט פון מצה שמורה (ער היט אָפּ די מצה) — אַז נישט קאָנען נאָך די בנים אויפעסן און עס וועט נישט זיין גענוג ביזן לעצטן טאָג פּסח...

* * *

ער ווייסט אַזויפיל פון פּסח, אַז דאָס איז דער יום־טוב, ווען מ׳דאַרף ציילן די גלעזלעך...

* * *

ער האָט פיינט צו זאָגן די הגדה, נאָר ער האָט זייער ליב צו פרעגן קשיות: פאַראַן קניידלעך? כרעמזלעך? געפילטע פיש? אַ ביסעלע וויין? און — אפשר אַ גרעסערע כוסה?...

* * *

ער זעט מיר אויס ווי אַ פּסחדיקער: שטענדיק ברעקלט ער זיך ווי אַ מצה...

* * *

מיר האָבן טאַקע נישט היינטיקע צייטן קיין פ ר ע ה ס, אָבער פ ר ע ה־זיטן פעלן נישט...

* * *

דער קבצנישער מלך ביים סדר האָט שוין איבערגעלעבט אַ סך מלכים פון גאַנצע אימפּעריעס...

* * *

די אַלע קעניגן האָבן פיינט צו לעבן מיט אַ סדר, אָבער פּ ו י ח ץ האַלטן זיי...

* * *

פּסח דאַרף מען צוליב די צען מכות אָפּגיסן דעם וויין, און פּורים צוליב המנען און די צען בנים — גיסט מען אַריין!....

* * *

וואָס עס טוט זיך אין דער הגדה, הייבט ער נישט אָן צו וויסן, נאָר נעמט ער עפּעס דערציילן — ווערט דאָס אַ גאַנצער חד־גדיאָ...

* * *

מה נשתנה — דאַכט זיך די זעלביקע סחורה, נאָר פאַר פּסח קאָסט דאָס טייערער....

ער איז פון די יידן, וואָס זאָגן אַלע יאָר צום סדר לשנה הבאה בירושלים, נאָר אַליין רירט ער זיך נישט פון אָרט, ווייל ער וויל נישט פאַרלירן אַ פסוק פון דער הגדה...

* * *

ער איז אַליין דער המן און אַליין דער „דרייער" — וואָס פאַר־דרייט יענעם דעם קאָפּ...

* * *

ער האַלט שטאַרק פון שלח־מנות, נאָר — מ'זאָל דאָס אים שיקן...

* * *

דו הייסט נישט מרדכי, דו ביסט נישט אסתרס פעטער, און טרינק נישט מיין שנאַפּס...

* * *

טאָמער האָב איך איין מאָל אַ יאָר אַ פורים סעודה, דאַרף איך פריער אויסקרענקען מיט אַ טאָג פאַסטן...

* * *

זיי שמעכן אַלע יאָר המנען מיט דריי שפּיצן — פון המן־טאַש...

* * *

מ'קאָן זיין אַ מלך פון הודו ביז כוש נאָר ווי צו פירן די מלוכה נישט האָבן קיין חוש...

* * *

ער איז אַ שיכור און אַ נאַר ווי דער קעניג אחשורוש, נאָר פאַר אַ שיינער אסתר — ווייזט ער דעם גאָלדענעם סצעפּטער...

* * *

היינט איז פורים, נאָר מאָרגן איז נ י ש ט א ו י ס — ווייל אַלע מאָל יאַוועט זיך אַ המן אַרויס...

* * *

טאַקע אמת, אַז פורים איז אַ יום־טוב ווען מ'פאַרטרינקט מיט אַ לחיים די יידישע צרות. נאָר ס'איז פאָרט בעסער די צרות צו פאַרטרינקען איידער די צרות זאָלן פאַרטרינקען.

* * *

דאָס גראַגערן פורים צו דער מגילה, איז נישט אַזאַ וואַזשנע כלי־זין קעגן די המנס, אָבער צו זייערע אויערן דערגייט דאָס...

פאַר די אייכמאַנס די תליה איז — שהי־פהי (שיע־פיע)...

* * *

ווען מען טוט נישט אָפּ דעם המן־טאַש אַ שפּיצל, וואָלט ער געהאַט פיר שפּיצן...

* * *

אַלע האָבן ליב שלח־מנות, ווייל דאָס איז אָפּגעגעבן ברויט...

* * *

ער ווייסט נישט וואָס איז פּורים, כאָטש אַ גאַנץ יאָר איז ער אַ פּורים־שפּילער...

* * *

ער האַלט פון פּורים מער ווי פון פּסח: ער האָט פיינט, אַז מ'ציילט אים צו די כוסות...

* * *

ער האָט זיך כשר פאַרדינט אַ דערהויבענע עליה — אויף דער תליה...

* * *

פרומע יידן האָבן סוכות איין וואָך אין יאָר — אָרעמלייט האָבן סוכות אַ גאַנץ יאָר.

* * *

עס איז אַן גראַם און אָן ריטם — ווי אַן אתרוג אָן אַ פּיטום...

* * *

אין אַ סוכה ווייסט דער ווינט ווו אַ טיר עפנט זיך...

* * *

איין וואָך אין יאָר — איז לולב און אתרוג אַ פּאָר...

* * *

ער וויל נישט זיין קיין לולב — ער לאָזט זיך נישט שאָקלען...

* * *

ער פירט אַ לעבן ווי אין אַ סוכה: אָט האַלט דאָס און אָט צע־פאַלט דאָס...

* * *

דער לולב און אתרוג זענען טאַקע נישט קיין גלייכע פּאָר, דאָך האַלטן זיי קאָעקזיסטענץ פון יאָר צו יאָר...

* * *

לויט ווי ער גיסט אַריין — פּראַוועט ער אַלע טאָג שמחת־תורה...

רעם, וואָס איז אַן עסק, רופט מען אויף מיט „כל=הנערים“.

* * *

טרינקען האָט ער ליב יום=טובדיק, נאָר מיט דער תורה פאַרהאַלט ער זיך וואָכנדיק...

* * *

אַ „גרינער“ איז ווי אַן הושענא, פריער אַ „געבונדענער“, דערנאָך אַ „געדריקטער“, און צום סוף — אַן „אָפּגעשלאָגענע הושענא“.

* * *

ער טרינקט שמחת=תורה, ווי ער וואָלט אַ גאַנץ יאָר געלערנט...

* * *

ער האָט זיך אָפּגעקלאַפּט על חטא און זוכט שוין ווו מ'קאָן אַ זינדיק טאָן אויפן נייעם יאָר...

* * *

אַ גאַנץ יאָר קומט ער אָפּ מיט שהי=פּהי, שמחת=תורה שלאָגט ער זיך פאַר אַן עליה...

* * *

ער דרייט זיך אַ גאַנצע טאָג אויף דער בירזשע ווי צו הקפות, עס פעלט אים נאָר אַ פאָן אין האַנט...

* * *

ווען ער וואָלט אַזוי געלערנט די תורה, ווי ער טרינקט שמחת=תורה, וואָלט ער שוין „געפּראַוועט אַ טיש“...

* * *

ערב יום=כיפּור הייבט ער דעם האָן, שמחת=תורה — די פאָן, נאָר אַ גאַנץ יאָר איז ער פויל אויפצוהייבן אַ שפּאָן...

* * *

אין לעבן האָט ער פ אַ ר ש ט אָ כ ע נ ע אויגן, אין געשעפט ג נ ב י ש ע אויגן, נאָר צו גאָט קומט ער מיט פ אַ ר ג ל אָ צ ט ע אויגן...

* * *

זיין לעבן איז ביטער, זיין ברויט אָן פּוטער, זיינע גרויפּן שיטער, כאַפּט אַ ציטער און שרייט — גאָטעניו גוטער...

ער מאַכט מאַנעווערס מיטן לולב און קען קיין הושענא נישט פאַרבינדן...

* * *

אַז מ'פאַרנוצט דאָס לאָקשן־ברעט צו דער סוכה, טראַכט מען שוין נישט פון לאָקשן־יויך...

* * *

ער צינדט חנוכה־ליכט, שבת־ליכט, יאָרצייט־ליכט, און אַ גאַנץ לעבן פינצטערט ער...

* * *

די חנוכה־ליכט בענטשט ער, נאָר ווייב און קינד שעלט ער...

* * *

בעסער אַ גרויסע לאַטקע אויפן טעלער, ווי אַ קליינע אויף די הויזן...

* * *

חנוכה איז אַ פריילעכער יום־טוב, מע דערציילט זיך פון אַן אמאָליקן נ ס און מע מאַכט „ב י ז ־ נ ס"...

* * *

וואָס איז די באַדייטונג פון חנוכה, ווייסט ער נישט — נאָר מיט „דריידלעך" באַשעפטיקט ער זיך אַ גאַנץ יאָר...

* * *

„אַ גוטער נאָמען, זאָגט מען, איז בעסער ווי גוטער אייל" — נאָר קיין לאַטקעס באַקן מיט דעם קאָן מען נישט...

* * *

וועגן ניסים, איז גוט צו הערן, אָבער לעבן מיט ניסים קאָן מען נישט...

* * *

ווען מענטשן וואָלטן געהאַט דעם אַדרעס פון גאָט, וואָלט דער הימל געווען פול מיט שנה־טובהס, אַז גאָט זאָל האָבן אַ גוט יאָר צו קאָנען אַלעמען העלפן...

* * *

ער האַלט גאָט ביי דער באָרד און — איז גרייט אין זיין נאָמען באַגיין אַ מאָרד...

שאַץ נישט אַ מענטשן לויטן בייטל נאָר לויט דעם וואָס קען ער אָנווייזן מיטן טייטל...

* * *

ביי גאָט האָט ער נישט קיין מאַכט, און אַליין עפּעס טאָן האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט...

* * *

גיי פאַרלאָז זיך אויף גאָט, אַז ער נעמט פריער די נשמה, איידער מ׳קאָן עפּעס קריגן צום לעבן...

* * *

ער איז אַ ירא־שמים — האָט מורא צו פליען מיט אַן אַעראָפּלאַן...

* * *

דעם קומען אַרט נישט, ווען אין הויז איז קאַלט...

* * *

פריער פּרוווט ער באַשמוצן און דערנאָך באַשיינען, פריער באַגראָבן — און דערנאָך באַוויינען...

* * *

פאַר געלט קאָן מען אַ ל ץ ק ר י ג ן, אַפילו ז י ך ק ר י ג ן...

* * *

ווען דער רייכער איז פ אַ ר ז אָ ר ג ט, מיינט דאָס מיט אַלעמענס גוטס. אָבער ווען דער אָרעמאַן איז פ אַ ר ז אָ ר ג ט — מיינט דאָס, אַז ער האָט שוין אומעטום געבאָרגט...

* * *

די קאַפּיטאַליסטישע מאָראַל איז גנבע און גזל, נאָר שריי — ס׳איז מזל...

* * *

זופּט פון פלעשל — און שרייט לחיים, עסט דאָס פלייש — און טיילט שיריים...

* * *

מיט יענעמס שכל איז שווער צו קלערן, און מיט פרעמדן ברויט — זאַט צו ווערן...

* * *

ער איז דאַכט זיך שוין אַ הונט מיט אַן אָפּגעשניטענעם עק, אָבער בילן בילט ער ווי פריער...

אַפילו אַ שרעקעוודיקער האָז לאָזט זיך אויך נישט פירן ביי דער נאָז...

* * *

אַ מענטש קאָן אָפט בייטן זיינע קליידער און שיך, אָבער נישט זיין מיינונג וועגן זיך...

* * *

ער איז אַ מענטש מיט אַ טייערער נשמה, האָט ער זי פאַרקויפט פאַר אַ טייערן פרייז...

* * *

אַ מענטש איז נישט קיין מלאך, און ע ר — איז ביידע זאַכן נישט...

* * *

אויב דער שכל פירט דעם מענטשן — וועסטו שוין זיצן אין דער היים...

* * *

אַ נאַר קאָן נישט זיין קיין תלמיד־חכם...

* * *

רייסט דער בוים איבער זיין פאַרבינדונג מיט די וואָרצלען — ווערט ער אַ דאָרן...

* * *

מעג דאָס גאַנצע לעבן זיין נישט מער ווי אַ חלום, פונדעסטוועגן וויל יעדער האָבן גוטע חלומות און ווינטשט: אַלע בייזע חלומות צו די שונאימס קעפּ!...

* * *

אַ פערד איז נאָר אַ פערד דערפאַר, וואָס עס לאָזט זיך איינשפּאַנען אין די האָלאָבליעס. אָבער אַ מענטש האַנדלט אָפט ווי אַ פערד — ווען ער גייט אַ ר ו י ס פון די האָלאָבליעס...

* * *

רעדט מיטן מויל, פּאָכעט מיט די הענט, בעט די פּאָדלאָגע און קריכט אויף די ווענט....

* * *

ווי ווייט עס זאָל נישט זיין „יענע וועלט“, נעמט דאָס נישט מער ווי אַ לעבן־לאַנג צו דערגרייכן...

עס מאַכט נישט אויס וואָס אינעווייניק איז פאַראַן, דאָך — היט יעדער איינער זיין טשעמאָדאַן...

* * *

ער האַלט גאָט ביי דער באָרד, ווייל אַליין איז ער געגאָלט...

* * *

אַ סך מענטשן דערוויסן זיך פון זייער גליק — ערשט נאָכדעם ווי זיי לעבן איבער אַן אומגליק...

* * *

דער אמת איז שטענדיק אַ נאַקעטער, ווייל אין קאַמף פאַרן אמת בלייבט מען אָן אַ העמד...

* * *

ער איז אַ וווּנדערבאַרער סאָליסט, ווען ער זינגט זיך אַליין אַ לויב־געזאַנג...

* * *

ער איז פון די געסט, מיט וועלכע מ'פרייט זיך נישט אַזוי ביים קומען, ווי ביי זייער אַוועקגיין...

* * *

ער איז שיין אויפן פּנים, און מיאוס — ווי מיינע שונאים...

* * *

שמוץ אין די ווינקלען, און די צאַצקעס פינקלען...

* * *

איך זאָג דאָס כּנגד: פון אַן אַלטער שמאַטע מאַכט מען נישט קיין נייעם בגד....

* * *

נישט אַלע מאָל איז דער קאָפּ דער חכם, אָפט זאָגט אים אונטער דאָס האַרץ...

* * *

דער כּבוד־זוכער,
ביים כּבוד־כאַפּער,
זעט אַ גרויסן פעלער,
וואָס ער, דער „כאַפּער“,
קען די קונץ
פון כאַפּן, פלינקער, שנעלער...

מאָרגן, וועט מיר דער היינט אויסקוקן ווי אַ נעכטיקער...

* * *

ער רעדט אַזוי פאַרשטעלט, אַז מ'ווייסט נישט וואָס אים פעלט...

* * *

ווי ער קאָן זיך נישט דערשלאָגן מיטן מויל, דערשלאָגט ער זיך מיט די הענט...

* * *

ס'איז אַזאַ פּאַטראַווע, וואָס אַ טיגער קען נישט צעקייען, און אַ העלפאַנט פאַרדייען...

* * *

ווען דער מענטש וואָלט שוין אין זיין יוגנט זיך גערעכנט מיט דער פראַגע פון עלטער, וואָלט ער אויף דער עלטער זיך נישט דערוויטערט פון דער יוגנט....

* * *

דער, וואָס האָט אַ נאַטור צו קריכן אין בלאָטעס, לאָזט זיך גרינג אַראָפּגליטשן פון וועג...

* * *

פון אַ צווייער און אַ דרייער קאָן מען נישט מאַכן קיין פירער...

* * *

אַפילו די גרעסטע בריק ווערט צום ערשטן אויפגעבויט אויפן פּאַפּיר...

* * *

עס איז נאָך אַלץ בעסער זיך צו באַקלאָגן — ווי ווערן באַקלאָגט...

* * *

פון גייסטיקע שפּייז וואַקסט מען גרויס, פון פיזישער — ברייט...

* * *

צווישן מענטשן זינגען זיי זיך לויב, און אין דער הייב — ווי אַ קראָ מיט אַ טויב...

* * *

אויף אַ בוך ווי אויף אַ בוים — קוק נישט אויף די שיינע בלעטער, נאָר אויף דער גערעטעניש פון דער פּרוכט...

* * *

ווי זאָגט דער פּעטער: ווער עס האַלט פון א מ ת, און ווער פון נ ע ם ע ס...

מיט אַ גאָלדענעם קנעפּל קאָן מען נישט פאַרדעקן די לאַטעם אויף אַ בגד...

* * *

דער, וואָס ווייזט זיין פּנים פאַרן שפּיגל, דאַרף זיך נישט באַקלאָגן אויפן שפּיגל, פאַר ווייזן אים ז יי ן פּ נ י ם...

* * *

דער, וואָס ווענדט אָן אַלע מיטלען עשירות צו דערגרייכן, דער לאָזט אַ ירושה — אַ קין־צייכן...

* * *

מעג אַ נאַר אָפּטאָן די גרעסטע נאַרישקייט, וועט מען אַלץ נישט זאָגן, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין שכל...

* * *

אַ פאַלשער קאָמפּלימענט — איז ווי אַ שלום־עליכם אָן הענט...

* * *

ער מעג זאָגן ברוך אתה — וואָס ער האָט אַ רייכן טאַטע...

* * *

ער זוכט אַ גלייכן שותף, ער זאָל אים קאָנען פאַרדרייען, אַריינדרייען און אַרויסדרייען...

* * *

אַמאָל זענען זיי געווען פאַרליבט, איצט בלויז פאַרקניפּט...

* * *

ער געהערט צו די, וואָס געמיינהייט — איז שוין ביי אים אַ געוווינהייט...

* * *

שכל האָט נישט קיין רעדער און דאָך קאָן ער פירן אַ וועלט...

* * *

מיט איין ריטל קאָן מען נישט אויסקערן די שטוב — און מיט אַ טיי־לעפעלע איז שווער צו פאַרשיטן אַ גרוב...

* * *

אַפילו אין אַ שפּיל — איז אויך פאַראַן אַ ציל...

* * *

ווען ער האָט אַזויפיל שכל וויפל חוצפּה, וואָלט ער געווען אַ חכם. און ווען ער וואָלט געווען אַ חכם — וואָלט ער נישט געווען אַזאַ חוצפּהניק...

אַ פֿאַלשער געדאַנק — בלייבט כראָניש קראַנק...

* * *

דער, וואָס טוט זיין אַרבעט מיט אַ קילן קאָפּ און וואַרעמע געפֿילן, וועט גיכער דערגרייכן זיינע צילן...

* * *

ווי נידעריק עס זאָל זיך נישט געפֿינען דער תהום, איז ער אַליין אַ טייל פֿונעם באַרג — ווי די פּיאַטעס פֿונעם קאַרק...

* * *

דאָס פֿידעלע וויינט אָן טרערן, און דאָך רירט עס אַזוי שטאַרק די מענטשלעכע הערצער...

* * *

געשווומען דורך טייכן און ימען און זיך דערוואָרגן מיט אַ לעפֿל וואַסער...

* * *

פֿון שטריקלעך און בענדלעך — מאַכט מען נישט קיין רענדלעך...

* * *

וואָס פֿאַר אַ שמוציק געלט איינער זאָל נישט פֿאַרמאָגן, וועט ער דאָס אַליין נישט געבן צו וואַשן און צוואָגן...

* * *

ער האָט אויף זיך אַ קאָפּ פֿון אַ זייגערמאַכער — וואָס ער זאָל נישט נעמען אין האַנט אַריין, „גייט" דאָס ביי אים...

* * *

ער רעדט אַזוי געדיכט, אַז וואָס ער זאָל נישט זאָגן, ווערט דערפֿון אַ קאַשע...

* * *

דאַכט זיך, צו יעדן יאָר קומט צו אַ נייער קאַלענדאַר, נאָר דער נאַר — בלייבט אַן אַלטער נאַר...

* * *

ווען דאָס צינגל פֿון וואָגשאָל וואָלט געקאָנט רעדן, וואָלט עס געשריען — גיט אַכטונג אויף דער וואָג...

* * *

כדי צו מאַכן כאָטש אַ ש ט י ק ל לעבן, קומט אָפּט אויס איינצושטעלן דאָס ג אַ נ צ ע לעבן...

ער איז אַ בעל־חוב איבערן קאָפּ, ווייל דער קאָפּ האָט אים אַריינגעדרייט אין אַלע חובות...

* * *

ער איז אַזוי נאַריש, אַז ער וויל זיך אַפילו נישט ווינטשן: אַ״ב זאָל דאָס צוקומען — וואָס אים פעלט...

* * *

דאָס פאָלק ווייסט וואָס עס וויל, כאָטש אָפט מאָנט עס צו שטיל...

* * *

דער עולם איז נישט קיין גולם. אַ גולם איז דער — וואָס טראַכט אַזוי וועגן עולם...

* * *

פון קוילן, וואָס ליגן אין גרוב — ווערט נישט וואַרעם אין שטוב...

* * *

זוך נישט אין מעדיצינען קיין טעם — און אין קרעכצן קיין גראַם...

* * *

אומזיסט דיין שווערן. עס וועט פון דעם קיין אמת נישט ווערן...

* * *

אין דער יוגנט איז מען גאָלד, אויף דער עלטער אַן אַנטיק...

* * *

דער מענטש, וואָס וויל אַלעמען געפעלן, געפעלט אָפט זיך אַליין נישט...

* * *

צו קריגן אַ גוטן נאָמען, דאַרף מען האָבן געטאָן אַ סך גוטע טאַטן. נאָר צו קריגן אַ שלעכטן נאָמען — איז גענוג איין שלעכטע טאַט, פאַרוואָס מ׳קריגט שוין אין טאַטנס־טאַטן...

* * *

ער איז נישט קיין „אינזיכיסט“, ווייל שטענדיק איז ער אויסער זיך...

* * *

ער פאַרגרייט זיך אַזאַ רייכע לוויה — וואָס צען אָרעמעלייט וואָלטן געקאָנט לעבן מיט דעם אַ יאָר צייט...

ער איז פון די מענטשן, וואָס מ'קאָן נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט — מען דאַרף אַ בעזים...

* * *

מ'קאָן זייער אַ סך לערנען פון אַ נאַר — צו'האַנדלען קלוגער...

* * *

דער קראַנקער איז שטאַרקער ווי דער געזונטער, ווייל דער געזונטער, גיט זיך אים אונטער...

* * *

אַפילו אַ קברן — מוז אויך שטאַרבן...

* * *

דער אַרבעטער, ווי דער בוים,
גיט דעם מענטשן זיין פרוכט.
כאָטש אָפט דעם טעם דערפון
זעלטן ער פאַרזוכט...

* * *

דער טויט דאַרף נישט קיין וועקסלען, ער מאָנט אויף זיינס...

* * *

דורך אַ צופאַל און איינפאַל ווערט מען אַמאָל געראַטעוועט פון אַ דורכפאַל...

* * *

מיט פרעמדע געלט איז שווער צו לעבן, און מיט פרעמדע ציינער — אַ ביס צו געבן...

* * *

ער גיט טאַקע שלעכטע סחורה, אָבער דערפאַר גיט ער — אַ פאַלשע וואָג...

* * *

פאַרליבטע און נאַראָנים דערקענט מען אויפן פנים...

* * *

איך האָב ליב צו זאָגן דעם אמת, ווייל אַ ליגן קאָן איך נישט אַלעמאָל געדענקען...

* * *

גאָט גיט דעם זיווג, און דער ריכטער דעם גט...

איך האָב פיינט אַ וויץ אָן אַ שפּיץ, אַ מעסער אָן אַ שאַרף, אַ טייסטער אָן געלט און יענע וועלט...

* * *

איך האָב מער הנאה פון גאָלדענער יויך ווי פון זילבערנע לעפל....

* * *

גיי בעסער צופוס אויף דער ערד, איידער פליען אין פאַנטאַזיע...

* * *

בעסער ברויט אויפן טיש — ווי אין חלום פיש...

* * *

געזוכט אַ גליק — און חתונה געהאַט מיט א ן א נ ט י ק...

* * *

אַלע זוכן די ריכטיקע באַשערטע און נעמען — דאָס פאַר־קערטע...

* * *

עס איז זייער גרינג דאָס קייקלען זיך באַרג־אַראָפּ — —ווען מע ברעכט נישט דעם קאָפּ...

* * *

אויף מאָרגן, ווערט נחום — אַ חכם...

* * *

ער האָלט נישט פון „תורות־לאָקשן"; תורות־פאַרפעל קאָן ער אויך אַראָפּשלינגען...

* * *

קאָנסט פאַרזייען קראָפּיווע אין אַ טאָפּ פון בלומען, נאָר קיין בלומען וועלן פון דעם נישט קומען...

* * *

אַ פאַרזשאַווערטע טיר סקריפּעט, אַן אָנגעווייטיקט האַרץ — כליפּעט...

* * *

פון אַ שטיין מיט אַ שטיין קאָנסטו בויען אַ הויז, אָבער נישט קיין הויז־געזינד...

* * *

דאָס איז אַ פאַרפּוצטער פראַנט מיט אַ פאַרפלעקטן נאָמען...

נקמה איז אפשר גוט פאַר איינעם, נחמה — פאַר אַלעמען...

* * *

אַ לויזע צונג קאָן אַמאָל דערפירן צו האַרטע רייד...

* * *

אַ געוויסער טיפּ טוער איז ווי אַ קוימען אויף אַ הויז, פאַרנעמט אַ הויכע פּאָזיציע, אָבער איז שטענדיק אויסגעשמירט...

* * *

ער איז אַן אמתער „צער־בעלי־חיימניק". ער היט זיך אָפּ — ווי דאָס אויג אין קאָפּ...

* * *

מעג די שטייג זיין פון גאָלד, דאָך האָט עס קיינער נישט האָלד...

* * *

דער וואָס קאָן דערלאַנגען אַ מתנת־יד — דער שטעלט נישט קיין פּים...

* * *

דעם פיינסטן יחוס קאָן מען נישט אַריינלייגן אין באַנק, נאָר מיט אַ פיינעם באַנק־ביכל — ווערט מען אַ גאַנצער יחסן...

* * *

ער ווייסט נישט פון די צען געבאָטן, דאָך פירט ער אַלץ אַדורך — וואָס איז פאַרבאָטן...

* * *

דער, וואָס פאַרגרייט זיך נישט מיט אַ פינפטער ראָד צום וואָגן, איז קיינמאָל נישט זיכער מיט די ערשטע פיר...

* * *

ער האָט נישט קיין מזל — צו גליק...

* * *

מ'דאַרף קאָנען פילן דעם אונטערשייד צווישן ט ע ם און ת ם...

* * *

עס זענען פאַראַן ש ט ע ר ן, וואָס לויכטן אין הימל. ש ט ע ר ן — וואָס לויכטן פון דער בינע, און קופּערנע ש ט ע ר ן'ס, וואָס באַלויכטן זיך...

* * *

ער גייט צו אַלע פרעמדע חתונות, און אַליין — זיצט ער...

אויפן בית־הקברות — ווייסט מען נישט פון קיין צרות...

* * *

ווען א גנב ווארפט אויף עפעס אן אויג, זאלט איר וויסן, עס וועט זיין אן „עין־הרע"...

* * *

מעג דער עפל אויסזען שיין, נאר מיטן ווארעם איז ער כריין...

* * *

ער האט א שטיינערן הארץ, אבער דערפאר א ווייכע צונג...

* * *

ער איז אזוי ביטער, אז ער וועט קיין שמייכל נישט טאן אפילו פאר א פאטאגראף...

* * *

אויף א נאר קאן מען אמאל זאגן, ער איז א גאנצער חכם — ווען מ'פארגלייכט אים מיט א גרעסערן נאר...

* * *

ווי איז צו דעם מענטשן, וואס בייט אויס זיין אידעאל אויפן אימפעריאל...

* * *

דער אמת איז ביי אים א זעלטענער גאסט, און דאך — וויל ער אים נישט אנקוקן...

* * *

פון וואסער קאנסטו נישט אראפנעמען קיין סמעטענע, און פון דזשענגעכץ — קאנסטו נישט אויסשלאגן קיין פוטער...

* * *

געקומען איז ער ווי אן אורח אויף שבת, און פארבליבן — ווי אן איידעם אויף קעסט...

* * *

ווען דו ווייזט זיין פנים פארן שפיגל, ווייזט דער שפיגל, וואס פאר א פנים דו האסט ביי אים...

* * *

ער האט ליב צו טאן אלץ פארדרייט, אן אונטערקע אין א פלאש — שטופט ער אין דער בריט...

ווען די באָבעס וואָלטן פאַרצייכנט די קלוגשאַפט פון זייערע אייניקלעך, וואָלט די גאַנצע וועלט פול געווען מיט חכמה...

* * *

איידער ער זינדיקט שלאָגט ער זיך מיט דער דעה. דערנאָך שלאָגט ער זיך על חטא...

* * *

פון א דאָרן — איז ביי אים א וואַלד געוואָרן...

* * *

דער, וואס הערט אויף גלויבן אין גאָט, איז אן „אחר", אָבער דער, וואָס פאַרקויפט זיין אידעאַל — דער איז שוין א דבר־אחר...

* * *

נאַרישקייט איז קיין שאַנדע נישט — נאָר בעסער רעדט דאס נישט איבער...

* * *

די גאַנצע וועלט זענען ביי אים אוממענטשן, דעם איינציקן מענטשן — זעט ער נאָר אין שפּיגל...

* * *

א וואונדערבאַרער קאָפּ־מענטש — טראַכט אויס אליין אלע זיינע ליגנס...

* * *

ביי אים איז אזוי ווייט דער ליגן פון אמת, אז ער קאן דעם אמת גאָרנישט אָנקוקן...

* * *

א בוך, ווי א בוים, האט פאַרשידענע בלעטער —
עס ווענ־ט זיך אין גערטנער, עס ווענדט זיך אין וועטער.

א בוך, ווי א בוים, רעדט צו אונדז דורך די צווייגן.
אמאל גיבן זיי זאַפטיקע פּרוכטן, אמאל — בלויז „פייגן"...

א בוך, ווי א בוים, קאן זיין פּוסט ווי א דאָרן.
און עס איז בלויז א שאָד — וואָס עס איז געבאָרן...

* * *

שרייבער דערשלאָפן אפט נישט קיין נעכט ביים שאפן זייער ווערק און דער לייענער — דערלייענט אפט נישט דאס ווערק צוליב זיין וועלן שלאָפן...

ווענן יידישער ליטעראַטור און שאַפן דאַרף מען נישט טראַכטן, וואָס וועט זיין מאָרגן? נאָר זען עס זאָל זיין א מאָרגן...

* * *

פון שוואַרצן טינט קאָן געשאַפן ווערן א גאָלדענע קייט נאָר גיב אַכטונג, אַז פון דער גאָלדענער קייט זאָל נישט אויסגעשמידט ווערן קיין „עגל הזהב“ ...

* * *

א שרייבער מוז אַריינגעבן חוץ געדאַנק
אויך האַרץ און נשמה אין זיין שרייבן.
נאָר שטענדיק דאַרף ער האָבן אינזינען —
אויך פאַרן לעבן זאָל האַרץ און נשמה אים בלייבן...

* * *

ווי שטאַרק קייטן זאָלן נישט פאַרקלעמען,
קאָן דער האָמער זיי צענעמען...

* * *

דער שרייבער וואָס שענקט צייט
זיין בוך איבערצושרייבן,
האָט גוטע אויסזיכטן —
עס זאָל לעבן בלייבן...

* * *

א גוטער וויץ איז אָפט א גוטער געווער, ער פאַרגיסט נישט קיין בלוט, נאָר טרעפט אין געהער....

* * *

א נאַר קאָן אויך זאָגן, זיי נישט קיין נאַר.
ער ווערט אָבער נישט קליגער דערפאַר...

* * *

איין טייל וועלט האַלט די האַנט —
מיט א וואַרעמען שלום־עליכם.
א צווייטער טייל, זאָגט „הענ־ס־אָפ“
און פאַרשטייט דאָס — „שאו ידיכם“!...

* * *

דאָס לייב דאַרף א העמד, א פוס דאַרף א שוך,
נאָר דער קאָפּ, חוץ א היטל — דאַרף אויך א בוך...

א בוך קאָן זיין גאנץ לעבן האלטן א סוד, נאָר אז איר שטעלט זיך מיט אים אין פארבינדונג, וועט ער אייך אלץ איבערגעבן...

* * *

א מחבר פון אַ יידישן בוך ווייסט שוין אָפט אין פאָרויס, אַז די מילבן וועלן פון בוך האָבן מער וואָס צו עסן ווי ער...

* * *

אָפט קויפן שוין מענטשן א בוך, באצאָלן דריי דאָלאר און — לייענען נישט אַפילו פאַר איין פרוטה...

* * *

דער שרייבער ברעכט זיך דעם קאָפּ ביים שרייבן, דאָס בוך — זאָל אין שופלאָד נישט בלייבן...

* * *

דער וואָס וויל וויסן דעם טייטש פון אן עם הארץ, זאָל לער־נען — וועט ער זיך דערוויסן...

* * *

א סך שרייבער ווארטן אויפן טויט, אפשר וועט א פאָרשער ערגעץ ווו אים ברענגען צום לעבן...

* * *

וואָס איר זאָלט וועגן אים נישט זאָגן,
ער האָט אָבער א פיינעם שטריך.
ער רעדט קיינמאָל נישט פון יענעם —
נאָר שטענדיק וועגן זיך...

* * *

דאָס איז פון יענע פייגל: א באוויבטער, א באלייבטער און כאָטש ער האלט אין איין הוסטן און קרעכצן, חלומט ער פון זעכצן...

* * *

די ליפּן האלט ער טאקע פארשלאָסן,
נאָר דער נאר, איז אויפן פּנים אויסגעגאָסן...

* * *

ווען דער אָקס וואָלט נישט געשלעפּט די סאָכע
און דאָס פערד דעם וואָגן,
וואָלט איך נישט געטראכט —
אָקס און פערד דיר צו זאָגן...

אין יענע לענדער, ווו מ׳האלט אין איין רעכענען די מיליאָנערן, װענען די אָרעמעלייט אָן א צאָל, ווייל מיטן אָרעמאַן רעכנט מען זיך נישט...

* * *

א שטיין װעט זיך אליין נישט צעשלאָגן, און א שטיין קאָן זיך אויך נישט באקלאָגן...

* * *

ווי זאָגט דער פעטער:
פריער זינג גוט —
און לויב זיך שפעטער...

* * *

כל ישראל חברים — און קהל ישראל חברים.
צוויי באגריפן פון צוויי באזונדערע קלאַסן.
קהל ישראל אַרבעט פאר גאָט,
כל ישראל חברים — פאר די ארבעטער־מאסן!...

* * *

ליגט אין הויז אונטער שלאָס און ריגל
און פוצט זיך שטענדיק פארן שפיגל...

* * *

עס איז גוט צו הערן א לויב, א גוט װאָרט —
יוען מ׳פארבייסט דאָס מיט שנאפס און טאָרט...

* * *

וואָס פאר איינעם איז שיין —
איז פאר א צווייטן גאָר מיאוס.
וואָס פאר איינעם איז ביטער —
איז פאר א צווייטן גאָר זיס...

* * *

ווען איר האָט פון קינדער בושה,
גיט א טראכט, ס׳איז מן הסתם,
פון די עלטערן אזא שלעכטע ירושה,
ווייל דאָס שלעכטס קומט פון שטאַם...

* * *

ער איז פון די בארימטע פילאנטראָפן,
וואָס נעמען פיל — און גיבן א טראָפן...

רכילות און פליאָטקעס זענען קיינמאָל נישט פויל —
זיי טראָגן זיך גיך — פון מויל צו מויל...

* * *

די כלה פארפוצט און דעם חופה־קלייד,
און טאטע־מאַמע מיט טרערן־פרייד...

* * *

ווען דער קאָפּ ליגט אין טאָפּ,
ליגט דער שכל — אין זייט מיר מוחל...

* * *

ער איז פון די פילאַנטראָפּן,
וואס האט ליב מ'זאל אים לויבן.
ווארפט ער צו נדבות —
ווי ברעקלעך פאר טויבן...

* * *

א געזונטן דעמב אפצושניידן
דארפט איר א שארפע זעג.
א צעפוילטן בוים אומווארפן —
בלויז א שטופ צום ברעג...

* * *

דער, וואס זוכט גליק אין געלט, וועט קיינמאל נישט פארטיק ווערן מיטן ציילן...

* * *

ווען דאס געלט פארמאגט נאר איינער, געניסט נישט קיינער.

* * *

געוויסע מענטשן פארטייטשן פרייהייט — דאס רעכט א צווייטן צו פארשקלאפן...

* * *

דעם דאקטער וויל ער די צונג נישט ווייזן, נאר צו מענטשן— שטעלט ער ארוים א צונג...

* * *

ער האלט נישט פון „לית דין ולית דיין“,
נאר פון „שן תחת שן“ און „עין תחת עין“.

ער קאָן אייך פאַרקויפן שלייקעס פאַר אַ וועסטל, און לופט אויפן מעסטל...

* * *

דער וואָס רייסט זיך צופיל צו פּלאַצן, פאַרענדיקט אָפט — מיט פּלאַצן...

* * *

ער האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער — נאָר אַ פּוסטער...

* * *

ער טרינקט נישט צו זיין אַ שיכּור,
ער פרעסט נישט צו זיין אַ דיקער,
נאָר ביידע זאַכן — איז דער עיקר...

* * *

דער פויגל איז מוחל דאָס גאָלדענע שטייגל — פאַר אַ הילצערן צווייגל...

* * *

נישט כאַפּ זיך צו צעשטעלן די שטולן און געשיר, איידער דאָס הויז איז פאַרטיק מיט פענצטער און טיר...

* * *

ער האָט ליב צו ווייזן און זאָגן — ווי יענע זאָלן טראָגן...

* * *

וואַרף זיך נישט מיט זידל־ווערטער ווי אַ יינגל מיט שטיינדלעך. אַן ענטפער קאָן דיר טרעפן אַליין — ווי אַ שטיין...

* * *

אַ קלוג וואָרט ווילט זיך פאַרגעדענקען, אַ נאַריש וואָרט געדענקט זיך...

* * *

דער אמת קאָן ווייזן זיין פּנים, ווען ס'ער ליגן ווייסט נישט וועלכעס פּנים צו ווייזן...

* * *

דער שיכּור וויל בעסער אַ פלעשל אין קעשענע ווי אַ פּאַס אין שענק...

* * *

ווי שטאַרק און חוצפּהדיק דער ווינט זאָל נישט זיין, וועט זיך דער בוים קיינמאָל נישט בייגן פאַרן ווינט...

צו אלע פּראָבלעמען האָט ער איין מיטל — ביטול...

* * *

אַראַנק זיין קאַפּעליוש, ווייסט ער אַז ער האָט אַ קאָפּ אויף זיך.

* * *

אַפילו דער רייכסטער לאַנד־באַזיצער, ליגט נישט מער ווי פיר איילן אין דר'ערד...

* * *

ווען עס זיצן צוויי מענטשן צוזאַמען, ווילן זיי נישט אַ דריטן צו אַ מזומן...

* * *

קריכט אַרויף אויבן־אָן, און דרייט זיך, קוקט מיר אָן...

* * *

ער רופט זיך טאַקע נחום,
נאָר ער גראַמט זיך גאָרנישט מיט תלמיד־חכם...

* * *

ער אונטערנעמט זיך זאַכן, נאָר אַנדערע זאָלן דאָס מאַכן...

* * *

אַ שלום־עליכם דאַרף צוויי הענט — ווי אַ הויז פיר ווענט...

* * *

זיי פּרעגלען זיך ביידע ווי רעטעך אין האָניק..

* * *

דער כריין ווייסט קיינמאָל נישט ווי ביטער ער איז...

* * *

איינער זאָרגט זיך ווי צו קריגן — און אַ צווייטער ווי אָפּצו־קריגן...

* * *

די ערפאַרונג פון פיש לערנט נישט צו האָבן אַ גרויס מויל ווען מ'וויל דיך כאַפּן אויף דער ווענדקע...

* * *

אַלע האָבן פיינט אַ שטורעם, אַ זאַווערוכע, אָבער געזונטע מענטשן נעמען אויף מיט ליבשאַפט יעדעם „ניי ווינטל" אין לעבן...

* * *

אין אַ גוט לעבן, גיט דאָס קינד דעם טאָן אין הויז...

היט זיך ווען דו גייסט, נישט לויף ווי א ווייכער.
היט דיין לעבן! — מיטן טויט ביסטו זיכער...

* * *

אויף זיין וואָרט, אויף זיין געלט אויף זיין לאַנד, קאָנסטו בויען א טייך...

* * *

ער איז שוין צעקריגט מיטן שפּיגל. ביידע קוקן זיך אָן קרום...

* * *

די מאַמע־ערד היט אונדז ווי א מאַמע איבער מאַמעס —
אפילו נאָכן טויט בלייבן מיר אין אירע דלד אמות...

* * *

א פינטעלע פאר זיך, איז גאָרנישט מיט גאָרנישט,
נאָר אין שריפט שפּילט א ראָלע זיין זיין.
איר שרייבט: ס'איז פיין, איר ווילט לויבן,
כאַפּט זיך אריין דאָס פינטעלע, און שאַפט א פ י י ן...

* * *

דער אמת קומט סוף־כל־סוף ארויס,
נאָר, ביז מ'דערזעט אים — גייען די כוחות אויס...

* * *

יעדער מענטש מעג האָבן אמביציע און גלויבן,
נאָר ער מוז נישט גלויבן — אז אים קומט דער אויבן...

* * *

קאָנסט צעשניידן אויף צען חלקים א שטעקן,
און יעדער טייל וועט אלץ האָבן צוויי עקן...

* * *

דער וויסנשאַפטסמאַן טראַכט וועגן דער צוקונפט.
דער געשעפטסמאַן — פון איינקונפט...

* * *

ער וועט שטענדיק געפינען א בארעכטיקייט —
פאר נידערטרעכטיקייט...

* * *

„א גוטער נאָמען איז בעסער ווי גוטער אייל"
נאָר דער אייל־מאַגנאַט האַלט נישט פון דעם...

אָפּנהאַרציק, איז בלויז אַ צעבראָכן־טעטער מענטש...

* * *

דער לייב פאַר דער פליג האָט נישט קיין שרעק,
אָבער דאָך מוז ער שטענדיק פאָכען מיטן עק...

* * *

וואָס העכער דער טורעם, אַלץ מער שרעק פאַר אַ שטורעם...

* * *

קייטן זענען קייטן, אפילו פון גאָלד געמאַכט...

* * *

פאַר דעם הונגעריקן איז אַלט ברויט פריש, און הערינג — פיש...

* * *

לאָז נישט פון אַ נאַרס חכמות, ער וועט דאָס נעמען פאַר גוט־געלט און דאָס איבערזאָגן נאָכאַמאָל...

* * *

ווען מ'איז צופיל בודק — בלייבט דער טאָפּ ליידיק...

* * *

דער וואָס האַלט זיך אין איין אויסבארימען מיטן נעכטן — טוט גאָרנישט היינט...

* * *

זיינע אמתן קומען אַלע מאָל ארויס האַלב ליגן און האַלב פאַנ־טאַזיע...

* * *

זיינע רייד האָבן אַזאַ שייכות, ווי מאַכן אַ המוציא אויף אַ שטיין אין פּלייצע...

* * *

גיב דעם חזיר אַ קאָריטע פון גאָלד — ער האָט אָבער זיינס האָלד...

* * *

ווען דער פויק קלייפּט טרעוואָגע, מוז זיין אַ שרפה אָדער אַ חגא...

* * *

די, וואָס וואַרפן שמוץ, העצעס און סם, מעגן וויסן, אַז מיט שיטן זאַמד אין די אויגן, קאָן מען נישט פאַרשיטן דעם ים...

ער איז פון די אמתע גוטע. ער וועט אייך אלץ געבן יענעמס — נאָר נישט קיין אייגענע פּרוטה...

* * *

טויט האָט איין פּנים פאַר אָרעם און רייך, נאָר דאָס לעבן איז שוין גאָרנישט גלייך...

* * *

ער וועט אייך האַלטן פאַר א גוטן פריינד, אויב איר האָט אים געבאָרגט נעכטן און באָרגט אים אויך היינט...

* * *

ווי זים די ליבע זאָל נישט זיין, קיין צימעס קאָן מען פון איר נישט מאכן...

* * *

ליבע איז א פיינע שפּיל, כאָטש דאָס „ געווינס" ליגט שטענדיק אין די הענט פון דער פרוי...

* * *

ד'ער גנב קריכט אריין דורך א פענצטער, נאָר ווי גיך ער שטאָפּט זיך אָן, עפענען זיך פאַר אים אלע טירן...

* * *

צו הצלחה און מזל ברכה, איז גוט אז מ'האָט א מלאכה...

* * *

פון קירצן זיך די יאָרן, ווערט מען נישט יינגער
און פון „אויפעסן" זיך ווערט נישט גרינגער....

* * *

מזל איז שווער אָנצוקוקן, אָבער א שלים-מזל קאָנסטו זען אין שפּיגל...

* * *

די זעלביקע ליפּן וואָס קאָנען א קוש טאָן — קאָנען אויך א בים טאָן...

* * *

וואָס מער איינער וויל זיך אָנזען ביי לייטן,
אלץ מער קוקט מען אויף אים פון דער ווייטן...

* * *

ער וואָלט וועלן אלעמען לייגן אין דר'ערד,
זיך מער אָנצוזען אויף דער ערד...

פריער פאַרזאָרג זיך מיט א בגד פאר א נוץ,
דערנאָך — טראכט פון פוץ...

* * *

דער, וואָס געווינט זיך צו צו לעבן פון נעמען,
ווייסט נישט פון זיך שעמען...

* * *

ווער ווייסט ווי לאנג די נאכט וואָלט אָנגעהאלטן, ווען דער מאָרגן־שטערן זאָל איר נישט ארויסרייסן דאָס קישן פון צו־קאָפּנס...

* * *

ביי דעם האָן איז דער מיסט־בארג דער אויבנאָן...

* * *

יאָ אורטייל, נישט אורטייל, די שטראָף פארן געבוירן ווערן — איז טויט־שטראָף....

* * *

א סך מענטשן זענען ווי שלאנגען, זיי גיבן בלויז גיפט ביי זייער לעבן. דערפאר אָבער נאָכן טויט, מאכט מען פון זייער פעל א נוץ פאר פוץ...

* * *

אויף פארקויפטע נשמות קאָן מען אלץ גלויבן, דאָס זענען א ז ו י נ ע און א ז ו נ ה...

* * *

ער איז אזא בעל־גאווה, אז ער וואָלט זיך אויפגעהאָנגען, אבי האלטן פארריסן דעם קאָפּ...

* * *

זיין בליק איז אזוי ביטער, אז פון זיינס א קוק — קאָן ווערן פון האָניק רעטעך....

* * *

א הונט קאָן פירן א בלינדן, נאָר פאראן בלינדע, וואָס ווילן פירן די וועלט...

* * *

ער איז ווי דער גריל, קליין — אָבער מאכט א גרויס גערויש...

* * *

אלע ווילן לעבן, נאָר נישט אלע ווייסן ווי דאָס לעבן אָפּצוהיטן...

א קרומער קאָפּ ווייסט נישט פון קיין גלייכן וועג...

* * *

ער איז אזוי נאַריש, אז ער וויל איבערכיטרעווען א קלוגן...

* * *

דאָס איז א פּאָר ווי א גוט־מאָרגן און שוואַרץ־יאָר...

* * *

ער איז פון די רעדנער, וואָס רעדט מיט פייער און פּליוכעט וואסער...

* * *

איידער ער קלייבט זיך אוים זאָגן א גוטע נאכט, זאָגן שוין מענטשן גוט־מאָרגן...

* * *

ער ציט די ווערטער ווי פון קליי —
נאָר עס קלעפּט זיך נישט קיין איינס מיט קיין צוויי...

* * *

אויב דער פורמאַן ווייסט נישט פון קיין מאַפּע,
ווייסט דאָס געווים נישט זיין שקאַפּע...

* * *

חסרונות ביי א צווייטן דערזעט ער פון דער ווייט,
נאָר דערזען אַן אייגענעם חסרון האָט ער נישט קיין צייט...

* * *

עושר און יושר דאַכט זיך איז א גראַם,
נאָר — עס גראַמט זיך נישט...

* * *

דער רייכער וואַרפט צו דעם אָרעמען א מטבע,
כדי ער זאָל זיין זיכערער מיט דער מאה...

* * *

ער איז אַלץ בודק, קוקט יענעם אין די ציין —
און אליין — א טריפהנער ביין...

* * *

באַטראַכט גוט דיין טאַט, איידער דו זאָגסט אָפּ דעם הרי־את...

* * *

ביים קלוגן רעדט דער קאָפּ, ביים נאַר די צונג...

אלע באקלאָגן זיך אויף א לוויה, נאָר נישט דער מת...

* * *

אַפילו דער בעסטער פריינד וועט באַגלייטן דעם טויטן ביז צום קבר און נישט מער...

* * *

דער וואָס שטייט אויף זיינע פיס, קריכט נישט אויף די גלייכע ווענט...

* * *

ווען דער געלערנטער חברט זיך מיטן פּראָסטן מענטשן, קאָן שוין דער פּראָסטער מענטש אויך עפּעס לערנען...

* * *

וואָס ביים שענקער איז אין פלעשל, איז ביים שיכור אין קאָפּ...

* * *

די וועלט אינטערעסירט אים אויף אזויפל, אויף וויפל ער קאָן זי אָפּנארן...

* * *

פייפט אלעמען אָן, און מאכט דעם אָנשטעל ס'איז מוזיק...

* * *

דער ליגן גייט שטענדיק אזוי אָנגעפּעלצט, אַז ס'איז שווער פארן אמת זיינע קליידער אראָפּצורייסן...

* * *

שווער פארן אמת זיך צו טרעפן מיטן ליגן אויג אויף אויג, ווייל דער ליגן האָט שטענדיק פארשטאָכענע אויגן...

* * *

פרעג נישט קיין עצה, ביי דעם וואָס קלאפּט דיר אין פּלייצע...

* * *

אָפּטימיזם און פּעסימיזם קאָנען זיך קיינמאָל נישט באגעגענען פּנים אל פּנים. ווען דער אָפּטימיזם שפּאנט פאָרויס, ליגט דער פּעסימיזם און כראפּעט...

* * *

פלי נישט צו הויך, וועסטו נישט שמעקן פון קוימען דעם רויך...

* * *

גייט אים נאָך ווי א שאָטן, כאָטש איינס אין צווייטן גאָרנישט געראָטן...

אפילו די זון קאָן נישט שײנען פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת...

* * *

דער נאַר װיל מ'זאָל זיך צוהערן צו זײן נאַרישקײט, װי דער געלערנטער — צו זײן חכמה...

* * *

אויף ליטעראַטור דאַרף מען קוקן װי אויף עפּל. עס דאַרף האָבן קאָליר, טעם און זאַפטיקײט...

* * *

צו שמוציקע רײד קאָן נישט העלפן קײן צאָן־בערשטל...

* * *

װי אײנער זאָל נישט זײן אָרעם, אַ צװײטער רײך,
נאָך הונדערט צװאַנציק — זענען בײדע גלײך...

* * *

אַ צעדרײטע װעלט. געװיסע מענטשן האַלטן „גאָלדענע קעלבער" פאַר געטער, און אַנדערע האַלטן מענטשן פאַר בהמות...

* * *

דער װאָס גײט אַרום מיט אַ פּוסטן קאָפּ, טראַכט שטענדיק װעגן אָנפילן דעם מאָגן...

* * *

װען דו װילסט פון שפּײַז געניסן, כאַפּ נישט קײן צו גרױסן ביסן...

* * *

בױ נישט דײן דערפאָלג אויף יענעמס דורכפאַל...

* * *

װיפל אײנער זאָל נישט זוכן אויף יענעמס חסרונות, װעט ער אַלע מאָל געפינען בײ זיך מער מעלות...

* * *

ער באָדט זיך אין גאָלד און איז נישט װערט אַ פּרוטה...

* * *

די גאָטלאָזע מוראַשקע גלױבט נישט אין קײן ניסים, זי בױט מיט איר אײגענעם כּוח....

„וואָס צו — איז אומגעזונט“ — זאָגט מען, אָבער מיט „צו־געזונט“ — קאָן מען לעבן....

* * *

צו בויען א היים, האָבן חתן־כלה אונטערפירער. נאָר צו בויען א שיינע וועלט — דארף מען גוטע אָנפירער...

* * *

פאַרשפּילט, צי פאַרלאָרן, אבי ס'איז נישט געוואָרן...

* * *

יעדער טאָג פארדינט מ'זאָל אים א גוט־יום געבן. ער איז שטענדיק אן איין־און־איינציקער אין גאנצן לעבן...

* * *

טרערן היילן נישט קיין וואונד. גוטע שריפט פארגיטיקט נישט קיין שונד. שנאה שאפט נישט קיין בונד און א בעל־חוב — איז א שלעכטער קונד...

* * *

דער פויגל האָט נישט שטודירט מוזיק און קען זינגען. די ציג גייט נישט אין טאנץ־קלאס און קען שפּרינגען, פונ־דעסטוועגן דערוואַרט זיי נישט, די וועלט זאָל מיט זיי קלינגען...

* * *

האָט קיינמאָל נישט געלערנט קיין געאָגראפיע און דאָך — רעדט ער שטענדיק פון וועג....

* * *

א מגפה ווי אַ שרפה פרעגט נישט אויף אַדרעסן ווו צו קומען...

* * *

א פוסטע פאַס קאָן גרינג שווימען. אַ פוסטער קאָפּ — זיך גרויס בארימען...

* * *

בעסער אַן אייגענער גאַרניטור, ווי אַ געבאָרגטער פראַק...

* * *

דער גבאי שרייט אריבער דעם בעסטן חזן און פייפט אויפן בעסטן בעל־תקיעה...

* * *

פון עסן „טעג“ — האָט מען שלאָפלאָזע נעכט...

דער רייכער קומט זעלטן אין שול, דאָך ברענגט אים גאָט פון אַ ל ע מ ע נ ס גוטס אין הויז אַריין....

* * *

ווען יענער ליגט שוין במחילה — קומען זיי מיט אַ תפילה...

* * *

כבדהו וחשדהו — נעם אים אויף מיט אַ גלעזל, נאָר היט דאָס פלעשל....

* * *

דער, וואָס פוצט זיך אין פרעמדע פעדערן, טויג נישט אפילו אויף אַ כפרה...

* * *

אַ גאַנץ יאָר רייסט ער — יום־כיפור — בעט ער...

* * *

מיט זיין פאַרפאַסטן, קאָן מען דערנאָך דריי טעג פאַסטן...

* * *

די כינים פון דער הגדה, טרייבן קיינעם נישט אין באָד אַריין...

* * *

די מענטשהייט איז דאָס גרעסטע וואונדער אויף דער וועלט, נאָר אַ סך פון זיי דאַרפן נאָך ווערן מענטשן...

* * *

די המנס בייטן זיך — נאָר דער המן־טאַש בלייבט המן־טאַש....

* * *

די וועלט האָט זיך שוין דערטראַכט צו אַ מלחמה־געווער פון טיטאַן־ראַקעטן, נאָר ביי די יידן זענען דער גראַגער און קאַלע־קאַטקע נאָך אַלץ אין דער מאָדע...

* * *

מרדכי זיצט נאָך נישט אויפן פערד, און ער שרייט שוין — וויאָ!...

* * *

ווילסט קריגן שלח־מנות — מוזטו ליידן פון אַן אסתר־תענית...

* * *

צו דערוויסן זיך פון די המנס — מוזסטו הערן אַ גאַנצע מגילה...

פון ושתים עקשנות און אסתר־תענית, קריגן יידן שלח־מנות...

* * *

יעדער אחשורוש האָט זיך זיין המן, און יעדער המן האָט זיין מפלה...

* * *

ער איז פון יענע יידן, וואָס האָבן ליב קניידלעך און האָבן פיינט צו פרעגן קשיות...

* * *

ער האָט שוין אויף פסח — מרור און — דיינו!...

* * *

ער פאַרט נישט קיין ישראל, ווייל ער האָט ליב צו זינגען — לשנה הבאה בירושלים...

* * *

א גאַנץ יאָר איז ער פסחדיק: אָדער ער דערציילט אייך א חד־גדיא, אָדער — ער זיצט אין חד־גדיא...

* * *

מ'עסט פסח מצה אָן זאַלץ, מרור, חרוסת, און דאָך — איז דאָס א ט י י ע ר ע ר ביסן...

* * *

דער רשע אין דער הגדה איז נישט אזוי געפערלעך, ווי דער רשע אין לעבן...

* * *

ער האָט הסנס גוטסקייט, דלפונס רייכקייט, און ויזתאס קלוג־שאפט — דערצו איז ער אליין אויך נישט אבי ווער....

* * *

ער איז נישט אזוי פאַראינטערעסירט אין סדר, ווי דאָס וואָס מ'עסט כסדר....

* * *

וואָס ער טוט אָפּ אין איין טאָג, וואָלט געווען ד יי נ ו פאַר צען סדרים....

דער חזן בעט גאָט פאַר גאַנץ קהל, נאָר ווען ער אַליין דאַרף עפּעס פאַר זיך — מוז ער אָנקומען צום גבאי...

* * *

ער איז אַ שוחט וואָס איז אַ בריה אויף קוילענען, נאָר צו מאַכן אַ לעבן איז אים שווער...

קורצע אויסצוגן פון ארטיקלען, וואָס קריטיקער און שרייבער האָבן געזאָגט וועגן סעם ליפּצינס ביכער

מ. אָלגין (אין דער („מאָרגן־פרייהייט“):

„סעם ליפּצין (אָנקל סעם) האָט זיך גענומען אויספילן די פונקציע פון באַאַיינפלוסן די מאַסן אינעם קלאַסן־גייסט דורך די מיטלען פון פעליעטאָנען, בילדלעך, שטיפעריַיען, לייכטע לידלעך, מאָנאָלאָגן, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט ערלעכן און געריכטן האַס צו די אונטערדריקער און מיט נאַטירלעכער ליבשאַפט צו די אונטערדריקטע. סעם ליפּצין האָט אַריַינגעטראָגן זיין אייגענעם זשאַנר אין זיין שרייבן. ער איז נישט קיין אימיטאַטאָר. ער איז „עכט“.

ש. אַלמאַזאָוו („מאָרגן־פרייהייט“, 21 פעברואַר 1960):

„ווי זיינע אַלע פריערדיקע ביכער, איז ליפּצינס נייער בוך „ווי זאָגט דער פּעטער“ אינטערעסאַנט און אינהאַלטרייך און איבעראַשט זייער אָפט מיט אַ באַזונדער פיין־געשליפענעם הומאָר. ער פאַרמאָגט גאָר אַ סך הומאָר אין זיין שאַפן, דער פּראָדוקטיווער סעם ליפּצין. נישט אַלע זיינע הומאָרן זענען פולשטענדיק און פּערפעקט געשליפן, נאָר אָפט אַפילו אין זייער רויען צושטאַנד שיינט אַרויס פון זיי זייער ווערט.

ליפּצין איז אין פולן זין פונעם וואָרט דער דיכטער פונעם פאָלק און דער שרייבער פאַרן פאָלק. אים לייענט מען דערפאַר גערן. מען ציטירט זיינע פערזן און מען זינגט זיינע לידער, און איצט וועט מען נעמען איבערזאָגן זיינע אַפאָריזמען, וואָס האָבן אַזוי פיל אינהאַלט“.

נ. בוכוואַלד („מאָרגן־פרייהייט“):

„מיר איז אַנומלט אויסגעקומען דורכשטודירן סעם ליפּצינס בוך „אַמאָל איז געווען“ און כ'האָב פון דאָרטן גענאַשט עטלעכע פּראַכטפולע אַנעקדאָטן וועגן אַמאָליקן סוועטשאַפּ און זיי איינגעגלידערט אין דעם טעקסט פון „קאָלאָמבוסעס מדינה“, נאָר דערביי האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך באַגיי אַ גרויסע עוולה קעגן סעם ליפּצינען, וויל באַדאַרפט וואָלט מען ציטירן נישט צוויי אָדער דריי אַנעקדאָטן זיינע, נאָר דאָס גאַנצע בוך. און צו וואָס טאַקע זיך ברעכן דעם קאָפּ וועגן שאַפן אַ בילד פון יענער עפּאָכע, אַז ביי ליפּצינען קריגן מיר עס פאַרטיקערהייט — סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָלקישער פאָרם“.

י. ב. ביילין („מאָרגן־פרייהייט“ 5־טן נאָוועמבער, 1946):

„...סעם ליפּצינס אַ הומאָריסטישע סצענקע איז ווי אַ העלער אויפריַיס אין אַ שווערן וואָלקן. יעדער פּונק איז ווי אַ לאַמטערן. זיין טראַגישע דערציילונג

וועט רירן דעם פאַרהאַרטעוועטן, פאַרמאַזאָליעטן ארבעטער און ארויסרופן אין אים א נייעם צאַפּל פון געפילן און געדאַנקען. זיין אַפּאָריזם וועט אים אויפטשוכען, זיין וויץ וועט אים דורכדרינגען. ער איז פאָלקסטימלעך און פאַרריילער".

„...ליפּצין האָט אונדז אויך געגעבן א בוך „שפּיל־צום ציל", וואָס באַקענט אונדזערע קינדער מיט די שאַטנהאַפטיקע, ווי אויך ליכטיקע זייטן פונעם יידישן ארבעטער־לעבן".

מ. גאָלדין (אין „נייע פּרעסע", פּאַריז, 7־טן יוני, 1952):

„סעם ליפּצין איז אן אמתר פאָלקס־שרייבער, א דעריציילער, וואָס קען אויף א שפּאַנענדיק־הומאָריסטישן אופן באשרייבן און כאַראַקטעריזירן... דעריבער לייענען זיך די קאַפּיטלען (אין „אַמאָל איז געווען") איזוי פאַרכאַפּנדיק, ווייל מען שפּירט דעם לעבעדיקן אָטעם פון מענטשן, פון אן ארבעטער. וואָס פאַרשטייט די ראָל פון אָרגאַניזירטן ארבעטער־קלאַס און וועלכער איז אדורכגעדרונגען מיט טיפער ערלעכקייט, מיט שטרעבונגען פון א גערעכטער געזעלשאַפט.

„דאָס בוך פון סעם ליפּצין איז א ביז גאָר געראָטן. טאַלאַנטפול געשריבענער בוך. וואָס ובעט זיך מען זאָל עס לייענען, הערפון לערנען און הנאה האָבן".

בער גרין (אין זיין בוך עסייען „יידישע שרייבער אין אמעריקע", 1963):

„די אַלע ווערק זענען דורכגעדרונגען מיטן מחברס פאָלקסטימלעכקייט: אין לשון, טאָן צוגאַנג צו דער טעמע; מיט זיין גלויבן אין די כוחות אין זיג פונעם ארבעטער־קלאַס; מיט זיין זכרון פאַר מענטשן, פאַר דעטאַלן פון סביבה און סיטואַציע, פאַר פאָלקס־שפּראַך און פאָלקס־אידיאָם.

סעם ליפּצין (צי „אָנקל סעם" אָדער „קוועקזילבער") איז א פאָלקס־שרייבער מיט א שאַרף אויג. זיין אויג באמערקט דאָס קנעפּל, וואָס פעלט אין יענעמס רעקל; מענטשלעכע מיחושן, שוואַכקייטן, שטותערייען; קאָמישע זייטן און זייטן. פון די מערסטע פון זיינע ווערק האָט אָפּט א בליץ געטאָן מיט שאַרפזין, מיט נאַטירלעכן פאָלקס־וויץ און עכטן שפּאַס, מיט מילדן הומאָר און אויך מיט שטענדיקער שטיפעריי.

מיטן גאַנג פון די יאָרן איז אלץ מער געוואַקסן די פּאָפּולערקייט פונעם מחבר צווישן דעם פּראָגרעסיוון יידישן ארבעטער־עולם. זיינע ביכער ווערן ברייט פאַרשפּרייט. דער מחבר האָט באוויזן, ווי צו פאַרבינדן וואָרט מיט טאַט".

ז. וויינפּער (אין „יידישע קולטור", אָקטאָבער 1951):

„פאַראַן א היפּשע מאָס גוטמוטיקער קאָמיזם אין דעם אופן, ווי סעם ליפּצין (אין „אַמאָל איז געווען") ווייזט אונדז אָט דעם פּעריאָד, און עס איז אָט דער גוטמוטיקער קאָמיזם, וואָס דערוואַרעמט שטאַרק אייער האַרץ צו דעם מענטש סעם ליפּצין, וואָס איז אליין געווען א טייל פון אָט דעם שווידערלעכן פּעריאָד,

אליין געווען נישט איין מאָל איינער פון די, וואָס זענען געשטאַנען אויפן חזיר־מאַרק און געוואַרט, אַז עמעצער זאָל קומען קויפן זייערע יונגע הענט, און דאָך אַזאַ גוטמוטיקייט און אַזאַ אויג פאַרן קאָמישן און דעם גאַנצן שוידער פון יענעם פּעריאָד".

דבורה טאַראַנט (אין „יידישע קולטור". מאַי 1953):

„ליפּצינס אויסדרוק=פאָרם איז סיי לייכטער, גוטמוטיקער הומאָר און סיי בייסיקע סאַטירע, אפאָריזם און וויץ. דערפאַר זענען זיינע ווערק צוגעפּאַסט צום פאָרלייענען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. זיין הומאָר און סאַטירע קאָנען נישט אָפּגעטיילט ווערן פון אינהאַלט. זיי דעקן אויף און רייסן אַרונטער געזעלשאַפטלעכע איבלען און שרייען אויס קעגן סאָציאַלן אומיושר, ברענגען אַרויס מענטשלעכע שוואַכקייטן, קליינלעכקייטן און לעכערלעכקייטן. רופן זיי אַרויס ביים לייענער און צוהערער נישט נאָר א שמייכל אָדער געלעכטער, נאָר צווינגען אים פאַרטראַכטן זיך.

זיין פאָרם איז הומאָר און סאַטירע, אָבער דער אינהאַלט איז נישט הומאָריסטיש. הינטער דעם ברייטן שמייכל פילט מען דעם אויסגעשריי, וואָס רופט צום קאַמף פאַר פרידן און א בעסערער וועלט. דער שמייכל איז ליפּצינס אָפּטימיזם, דער אָפּטימיזם פון יעדן פּראָגרעסיוון מענטשן, וואָס איז זיכער אין זיג פון יושר. זיין שפּילן זיך מיט ווערטער איז שטענדיק „צום ציל".

ר. יוקלסאָן („זאַמלונגען", ניו=יאָרק, אַפּריל — יוני, 1954):

„...סעם ליפּצין פאַרמאָגט נישט נאָר שפּילעוודיקן הומאָר, נאָר אויך בייסיקע סאַטירע און שטעכיקן סאַרקאַזם, וואָס ער ווענדעט אָן קעגן יענע, וואָס זענען די סיבות פאַר דער נויט, פּיין און ליידן פון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן.

„ליפּצינס שרייבן איז א סינטעז פון הומאָר און אויפריכטיקייט, פון שפּאַס און ערנסטקייט — מיט דעם אַקצענט אויף אויפריכטיקייט און ערנסטקייט, וואָס קוועלן אַרויס פון קלאָרער אַרבעטער=אידעאָלאָגיע, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין גאַנצן וועזן.

„איינער פון די וווּנדערלעכסטע אייגנשאַפטן, וואָס סעם ליפּצין פאַרמאָגט, איז זיין באַאָבאַכטונגס=קראַפט און דאָס, וואָס ס'פעלן אים קיינמאָל נישט אויס קיין טעמעס, וועגן וועלכע צו שרייבן. יעדע דערשיינונג, וואָס האָט א סאָציאַלן, פּאָליטישן אָדער קולטורעלן זינען, איז ביי ליפּצינען א טעמע, וועגן וועלכער ער האָט שטענדיק עפּעס צו זאָגן, אָדער באַמערקן. און דאָס וואָס ער זאָגט, אָדער באַמערקט, איז צייטיק, אַקטועל.

„אויף ליפּצינען וואָלט מען געקאָנט אָנווענדן מ. אָלגינס א טרעפלעכן אויסדרוק: „ס'איז אַ טאַלאַנטפולע טעמע". נישט נאָר פעלט ליפּצינען נישט קיין טעמעס (הלוואי אויף א סך אַנדערע שרייבער געזאָגט), נאָר ער אליין איז א אינטערעסאַנטע טעמע".

כאַווער=פּאַווער (אין דער „מאָרגן=פרייהייט"):

„...איך האָב שטאַרק הנאה פון סעם ליפּצינס מעשהלעך. זיי זענען אַזוי פּשוט, פאַרכאַפּנדיק... זיי האָבן א גרויסן ווערט, ווייל דאָס זענען שאַפּ=מעשיות, וואָס קיינער האָט זיי נאָכנישט באַרירט אויף אַזאַ אופן ווי ליפּצין טוט דאָס.

„...סעם ליפצין איז דער ערלעכער האָרעפּאַשניק מיט דעם טאַלאַנט פון א פאָלקס-זאָגער, א פריילעכער פאָלקס-זאָגער פון דער משפחה הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וועלוול זבאַרזשער און אַנדערע.

„און כדי צו זיין א פאָלקס-זאָגער, מוז מען פאַרמאָגן א סך װאָרעמשאַפט און ליבשאַפט פאַרן פאָלק, און ליפצין פאַרמאָגט דאָס“.

משה בין („מאָרגן-פרייהייט“ דעם 2-טן מאי 1942):

„מיר איז שוין נישט איינמאָל ביי אנדערע געלעגנהייטן אויסגעקומען אָנצוּווייזן, אז סעם ליפצין האָט א שאַרף אויג און קאָן באַמערקן אמת-קאָמישע סיטואַציעס אין געוויינלעכע אומשטענדן, ווו אַן אַנדערן וואָלט גאָרנישט איינגעפאַלן זיי צו זוכן.

„...סעמס איינאַקטערס זענען זייער אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר קלובן: זיי זענען לעבעדיק, פאַרשפּיצט, סאַטיריש און צייטמעסיק... אַנקל סעמס לידער אויף פּאָפּולערע מאָטיוון האָבן אלע מעלות פון זיין שרייבן: זיי זענען פשוט, לעבעדיק, זינגעוודיק, לאָזן זיך לייכט איבערחזרן און זענען צוגעפּאַסט פאַר א גרויסן עולם“.

מ. לוב (דייטשע צייטונג „אויפבוי“, ניו-יאָרק, 13-טן דעצעמבער, 1946):

„...דער נאָמען פון דעם ענגלישן בוך „אין ספּאַיט אָוו טיערס“ פון סעם ליפּצין איז זייער צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון זיין הומאָר און פון יידישן הומאָר בכלל. דורך דער קאָמעדיע פילט זיך די טראַגעדיע. וועלכע איז ערגעץ אין הינטערגרונט. די קורצע דערציילונגען, הומאָרעסקן, סקיצן, מאָנאָלאָגן און אפאָריזמען זענען זייער פאַרשידנאַרטיק אויסגעשטעלט — אַן אידעאַלער לייען-שטאָף פאַר רייזעס אויף קורצע און לאַנגע שטרעקעס.

„עס זעט זיך אָן, אַז דער פּעליעטאָניסט סעם ליפצין איז שטענדיק גרייט ארויסצוברענגען א שטאַנדפּונקט, האָט אַלעמאָל אינזינען אָנצוהאַלטן דעם אינטערעס פון דעם לייענער. אָבער איז שטענדיק און אומבאַדינגט באַוווּסטזיניק וועגן זיין מיסיע אַלס א ייד אין אַמעריקע. גלייכצייטיק קלינגט אַלץ, וואָס ער דענקט, פאָרמולירט און ברענגט ארויס אזוי פריש, כאָטש עס איז איינגעפּאַסט אין א לייכטן הומאָריסטישן טאָן“.

יעקב לייזעראָוויטש („זאַמלונגען“, נומער 21. 1960):

„ליפצין רופט זיך אָפּ אויף די מערסטע דערשיינונגען אין יידישן לעבן, ווי אויך אויף געשעענישן אין לאַנד און איבער דער וועלט בכלל — דערפאַר טאַקע איז ער אזוי שעפעריש, דערפאַר פעלט אים קיינמאָל נישט קיין טעמע. דערביי טוט זיך דער פּראָלעטאַרישער קעמפער אין אים זיינס — רעאַגירט שטענדיק מיט זיין געזונטן פאָלקס-חוש און שיילט אויס פון די אלע פאַרפּלאָנטערטע געשעענישן דעם קערן, דעם עיקר — דעם ביטערן קאַמף צווישן יושר און אומרעכט, צווישן פאַרשקלאַפער און פאַרשקלאַפטע, און לאָדט אָן זיין מאַטעריאַל מיטן רוף צו קאַמף פאַר באַפרייונג. אפילו אין זיינע נאַטור-לידער זעט ער אויך

א משל פון ראַנגלעניש און קאַמף פון די נאַטור־כוחות, ווו דאָס ליכטיקע און גוטע מוז שטענדיק זיגן".

ה. לייפער („אורוגוויער פּריינט", אורוגוויי, 30־טן סעפּטעמבער 1951):

„די האַזיקע עפּיזאָדן וואָס סעם ליפּצין ברענגט אַרויס אין זיין בוך „אַמאָל איז געווען" זענען פון א רעאַליזם, וואָס איז דורכגעפלאָכטן מיט סאָציאַליסטישער וויזיע... דער צוזאַמענשטעל איז אַזוי געלונגען, אַז זיי שאַפן ביים לייענער איין גאַנץ בילד פון דעם אַנטוויקלונגס־וועג וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט די יידישע עמיגראַנטן, ווי „גרינע" אין אַמעריקע.

די האַזיקע מאָמענטן, עטאַפּן, זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, ווייל זיי זענען פאַרצייכנט דורך איינעם, וואָס האָט א טרעפלעכן פען, אליין איבערגעלעבט די געשעענישן, אייננאָפנדיק אין זיך דעם שפּרודלדיקן יידישן פאָלקס־אוצר".

יעקב מעסטעל (אין „יידישע קולטור", מערץ 1949):

„סעם ליפּצינס פאַך איז הומאָר. אָבער דער עכטער קאָמיקער, האַלטן טעאַטער־מענטשן, איז אויך צוגלייך א טראַגיקער. טרעפט איר צווישן זיינע לייכטע שפּילערייען, פיגורלעך און סיטואַציעס, וואָס רירן אייך מיט זייער טראַגי־קאָמיק ביז וויטיק. אין זיין שרייבן, ווי אין זיין נאַטור, ליגט א ניצוץ פון א סאַטיר — האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיק. ליפּצין איז שטענדיק א שמייכלדיקער; אָבער אין זיין שמייכל טליעט ערגעץ־ווו א פאַרבאָרגענער צער. איז זיין הומאָר שטענדיק אדורכגעזאַפּט מיט עפּעס א טיפן ערנסט, ווי ער וואָלט וואָרענען: נישט שטענדיק קען מען לאַכן!...

קלמן מרמר („מאָרגן־פרייהייט", ניו־יאָרק, 1952):

„איך האָב דאָס בוך „פאַר פרייד און פרידן" פון סעם ליפּצין דורכגעלייענט „פון טאָוול ביז טאָוול", אַזוי ווי דעם צוואַנציקסטן בוך פון „אַמאָל איז געווען".

„אַמאָל איז געווען" פאַרצייכנט הומאָריסטיש און סאַטיריש א האַלבן יאָרהונדערט גערעאַנגלעניש פונעם אַמעריקאַנער יידישן אַרבעטער פאַר יושר און פרייהייט. דאָס בוך „פאַר פרייד און פרידן" באַגלייט מיט געזאַנג צום קאַמף די נייע שטריכן פון ייד און מענטש פאַר גלייכהייט און שלום. די „רעציטאַציעס, משלים, סאַטירישע און דראַמאַטישע פּערזן" האָבן נאָך דערצו די גרויסע מעלה, וואָס זייער מענטשן־ליבע און קאַמף פאַר יושר איז אַזוי אויפריכטיק ווי די אַרבעטער־געזאַנגען פון דוד עדעלשטאַט און די אַנדערע ערלעכע פּיאָנערישע אַרבעטער־דיכטער".

פּ. נאָוויק (אין זיין באַגריסונג, דעם 2־טן מאַי, 1942):

„ליפּצין איז, לויט מיין מיינונג, איבער אַלץ — אַן א י נ ס ט י ט ו צ י ע. און דאָס איז אפשר די בעסטע באַצייכענונג פאַר אים. א קעמפער, א בויער, א שרייבער, א שניידער, א קעמעדיאַנט, א רעדנער, א געלט־זאַמלער (פאַר דער

באַוועגונג), אַ פאַרלייענער, אַ פריילעך=מאַכער. און דאָס איז ווייט נישט אַלץ. ליפּצין איז אויך געשיכטע. זיין בוך „אַמאָל איז געווען" איז איינס פון זיינע וויכטיקסטע ביכער, איז אַ גרויסער ביישטייער צו דער געשיכטע, צו דער אינטימער, מענטש=מענטשלעכער געשיכטע פון שאַפּ=אַרבעטער, זייערע ליידן און פריידן".

א. גאַסטראָליאַר (י. פריד), („מאָרגן=פרייהייט" 21=טן מאַי, 1954):

„...ווער קאָן זיך עס פאַרמעסטן מיט אָט=דעם ספּריטנעם, זשוואַווען און שפּרודלדיקן פעדער=שטיפער, סעם=ליפּצין, וואָס צילעווועט זיך אויף כמאַרעס און דערשיסט זיי אויף פיצלעך מיט שראַפּנעלן פון הומאָר.

„...ליפּצין האָט אַן אַ שיעור פאַרערער, און מיר דרינגען דערפון, אַז אַפילו מיטן שטאַרקסטן שפּאַקטיוו וועט איר צווישן זיי נישט געפינען קיין איינאיינציקן אַנטיסעמיט".

פ. קאָטאָווסקי („היינט" 11=טן דעצעמבער, 1949):

„...ליפּצינס בוך איז אַ קוואַל פון מאַטעריאַל פאַר שוישפּילער און דראַמקרייזן. ער איז אַ מזל=ברכה פאַר רעציטאַטאָרס און קולטור=אונטערנעמונגען. עס איז פאַרטיקער מאַטעריאַל, וואָס בעט זיך ממש: נעם און רעציטיר מיך! ס'איז לעבעדיק און שפּילעוודיק. ס'איז קרומער שפּיגל. דער עולם וועט לאַכן — אָפּטמאָל פון זיך אַליין און — נישקשה — אויך עפּעס לערנען.

ד"ר א. א. ראָבאַק:

„דאָס בוך („אַמאָל איז געווען" פון סעם ליפּצין) לייענט זיך ווי אַ ראָמאַן מיט הונדערט עפּיזאָדן, אַפילו ראָמאַנטישע צווישנשפּילן".

מ. ראַטושני (די „פאָלקס=שטימע", אַרגענטינע, 18=טן אַפּריל, 1943):

„ער איז אַ שלום=עליכמדיק, אַ „טונקעלדיק", אַ אויגנאַרטיק, „קוועקזילבערדיק", מיט אַזעלכע אײַנפאַלן ווי: „אַ דאַך אויפן קאָפּ איז שלעכט; אָבער אַ דאַך איבערן קאָפּ איז נישט שלעכט". ביי אַזעלכע שטעלן ווייזט ער אַרויס אַ שלל מיט פאָלקסטימלעכקייט אין דער שפּראַך און אַמכאָדיקייט אין זיינעם סאָציאַלן אויסטייטש פון די הומאָריסטישע אײַנפאַלן. ער איז איינער פון די פלינקסטע און שאַרפזיניקסטע פעליעטאָניסטן אויף יידיש ביי אונדז זינט שלום=עליכם.

„דער עיקר, גיבן מיר צו, ער איז אַן עכטער פאָלקס=דיכטער".

אינהאַלט

* * * . . . 5

אַ וואַרעמען האַנטדרוק און אַ דאַנק 7

נעכטיקע טעג

„איבערגעקערט“ דעם קייסער 11

מיט די פּאַנעץ אין די הענט 16

מיטן ערשטן שני 19

ווי אַזוי איך האָב געמאַכט אַ דריידל אויף חנוכה 23

אַ שפּיל מיטן טאַטן אין קנעפּלעך... 26

מלאכים האָבן צעכאַפּט די לאַטקעס... 32

גריוון און שמאַלץ 36

מאַיר=דרייער און מאַטקע=קאַלעקאַטקע 40

אַ ניכטערער פּורים... 44

האָפּ, מיינע המן=טאַשן... 47

שוין איינמאָל אַ פּורים=שפּיל!... 50

אַ גאַסט אויף פּסח... 55

אַ פּסחדיקער סטרייק 60

ניס אויף פּסח 63

די רויטע פאָן רייט אויף אַ פערד 66

עפּעלע = קיעפּעלע 68

טערקישע קאַווע, אָדער ציקאָריע 74

פאַרדינטע מלקות... 78

דער טאַטע שלאָגט מיר על=חטא... 82

מיט א פריילעך פנים.

דער ערשטער אַרויספאָר קיין קוני=איילאַנד 89

ווי דערלעב איך שוין איבעראַיאָר 94

איך האָב נישט קיין מזל... 97
אַ טייערער ביסן!... 100
ער האָט האָס וואָרט... 104
עס געפעלט זיי דער ערשטער מאַי 107
ס'איז אונדזער יום=טוב! 110
„איך וויל עסן!"... 113
„אַ געפרוירענער" חנוכה=יום=טוב 116
אַ נייער פסחדיקער מאכל... 119
הענט און פיס 122
אַ לעבעדיקע ירושה 127
דאָס פייגעלע 132

אַפאָריזמען, עפּיגראַמען, גלייכווערטלעך און סתם וויצן . 135

קורצע אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס קריטיקער און שרייבער האָבן
געזאָגט וועגן סעם ליפּצינס ביכער 231

ביכער פונעם זעלבן מחבר

גוט מאָרגן
א פריילעכס
קריג און זיג
קאמפסלוסטיק
לאָמיר זינגען
ניט געדאיגעט
א גוט יום-טוב
הערט א מעשה
רויטע פעפערלעך
פאר רויטע אָונטן
שפיל — צום ציל
אמאָל איז געווען...
לעבעדיק און לוסטיק
פאר פרייד און פרידן

מיט געזאנג אין קאמף
געקעמפט און געלאַכט
א וואָרט פאר א וואָרט
צע-לאכ-עם די טרערן
אויף לייטיש געלעכטער
איך לאך פון דער וועלט
פראָוואָקאטאָרן, א שאַנד
פארן יידישן פאָלק! (פאַמפלעט)
קוועקזילבערס פען-שטיפערייען
„אין ספאיט אָוו טיערס“
(ענגליש)
אויף וואקאציע
פאר קליין און גרויס
ווי זאָגט דער פעטער

גרייט צום דרוק

גראמאָנאָלאָגן און לידער
דורכן אויג פון נאָדל (אין ענגליש)